STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07263

OYF DI ZAMDN FUN YEHUDAH

Z. Weinper

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. ווײַנפּער

אויף די זאַמדן פֿון יהודה

ז. ווינפער

אויף די זאמדן פון יהודה

איקוף פארלאג

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פֿון
יוסף ראַבינס
סאַן־פּעדראָ, קאַליפֿאָרניע

לזכּרון
פֿון זיין פֿאָטער
הרב חיים שמעון ראַבינאָוויטש
און זיין מוטער
שרה
פֿילאַדעלפֿיע

Copyright by
Z. WEINPER
NEW YORK, N. Y.
1946

צייכענונגען פֿון יצחק ליכטענשטיין

Printed in U. S. A.
158

אויף די זאַמדן פֿון יהודה

אָדון שלום צי האַוואַדזשי סאַלים?

נאָך איידער די טערקישע מיליטערישע מאַכט האָט אָנגעהויבן צו פילן די קלעפּ פון די ענגלישע כּוחות, האָט זי שוין געקוקט מיט חשד אויף די יידן אין ארץ־ישראל. אין די יידישע ישובים פון יהודה און גליל האָט מען געהערט קלאַנגען, וואָס האָבן ביי אַלעמען געקילט דאָס בלוט. דאָ האָט מען אַ יידן באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש און אים געשאָסן, דאָרטן האָט מען אַן אַנדערן געהאַנגען, און פּייניקונגען זיינען געוואָרן אַן אָפּטע דערשיינונג.

נאָך ערגער איז געוואָרן ווען די טערקישע אַרמיי האָט אָנגעהויבן צו קריגן איין נידערלאַגע נאָך דער אַנדערער. אויף יידן האָט געציטערט דאָס לייב, און מען האָט זיך געהאַלטן, ווי וויט עס איז מעגלעך געווען, אין באַהעלטענישן.

דאָך, נישט וויסנדיק ווי אַזוי און דורך וועמען, האָבן זיך דורכגעריסן קלאַנגען, וואָס האָבן אויפגעלויכטן האָפענונגען און געבראַכט טרייסט.

אין דער לופטן האָט זיך דורכגעריסן די נייעס, אַז אַלענבי און מאַנאַש, צוויי באַרימטע ענגלישע גענעראַלן, רוקן זיך מיט געוואַלדיקע כּוחות, און איינער פון זיי איז אַ ייד.

ווער פון זיי עס איז דער ייד האָט קיינער נישט געוואוסט אויף זיכער. איינער האָט געלערנט דעם פּשט, אַז אַלענבי קלינגט יידישער, ווי מאַנאַש, און דער צווייטער האָט געדרונגען דאָס פאַרקערטע.

שפּעטער איז צוגעקומען נאָך אַ נאָמען, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַלעמענס געמיטער נאָך שטאַרקער, ווי די ערשטע צוויי, אָבער וועגן דעם לעצטן זיינען די מיינונגען צעטיילט געוואָרן נישט צווישן די יידן, נאָר צווישן יידן און אַראַבער.

צווישן די יידן האָט זיך געטראָגן אַ קלאַנג וועגן אַ גרויסן קריגס־פירער „אָדון שלום" און צווישן די אַראַבער — דער זעלביקער קלאַנג וועגן אַ געוואַלדיקן העלד „האַוואַדזשי סאַלים".

עס זיינען געווען שווערע, אָנגעשטרענגטע טעג, אָבער די יידן פון יהודה און גליל האָבן זיך געטרייסט, ווייל מען האָט שוין גוט געוואוסט,

אַז די גרויסע ענגלישע אַרמיי איז גאָר נאָענט און אַז די טערקישע מילי־טערישע מאַכט מיט דער הילף פֿון די פּאָר דײַטשישע גאַרניזאָנען צײלן שוין דאָ די לעצטע טעג. עס האָבן דאָס געוואוסט אויך די אַראַבער און אויף די מײלער פֿון בײדע פֿעלקער זײַנען כּסדר שטילערהײט געווען די נעמען: „אַלענבי״, „מאַנאַש״, און דער עיקר דער נאָמען „אָדון שלום״, אָדער „האַוואַדזשי סאַלים״.

בײ די ײדן: „אָדון שלום״ און בײ די אַראַבער: „האַוואַדזשי סאַלים״. בײדע פֿעלקער האָבן גערעדט װעגן דעם זעלביקן מענטשן, אָבער בײדע זײַנען געװען זיכער, אַז ער איז אַ זײעריקער.

— געהערט? אָדון שלום האָט דורכגעבראָכן מיט זײַנע רעגימענטן אַרום עזה, און אַ ליאַדע טאָג קאָן מען זיך ריכטן אויף אים דאָ — האָט אײן ייד אַרײַנגעשושקעט דעם אַנדערן אויף אַן אויער.

— אַרום עזה? — אַזוי, אַזוי! — האָט זיך דער צוהערער דערפֿרײט, כאָטש באַלד האָט ער זיך געכאַפּט און גענומען פֿרעגן:

— אָבער פֿון װאַנען װײסט מען דאָס, האַ?

— אָט הויב זיך אָן מיט אַ ײדן! מען זאָגט אים אַרום עזה, און ער?

— פֿון װאַנען װײסט מען דאָס?

— נו, שאַט, שאַט, איך װיל דאָך בלויז װיסן צי דאָס איז אַן אמת.

— אמת! אמת! — האָט דער דערצײלער פֿאַרזיכערט, און דערבײ געמאַכט אַזאַ סודותדיקע מינע, װי ער װאָלט מיט איר געלאָזט װיסן, אַז מער קאָן ער צום באַדױערן נישט רעדן. װאָרעם עס איז מלחמה, און װאָס װײניקער מען פּלאַפּלט אויס איז געזינטער.

— איר פֿאַרשטײט?

— נו יאָ, אוודאי פֿאַרשטײ איך. װי דען?

אַזוי צווישן ײדן, און אַזוי צווישן די אַראַבער, װאָס האָבן זיך גע־האַלטן אין אײן איבערװינקען מיט די בליקן, און אַז מען איז געװען זיכער, אַז קײן זײַטיקע זײַנען נישט אַרום, האָט מען געלאָזט די צונגען און דערצײלט אין גאָר געהויבענע װערטער:

— האַוואַדזשי סאַלים טראָגט זיך מיט זײַנע רײַטער פֿון די בערג אַרונטער, װי אַ שטורעם־װינט!

אַ צװײטער אַראַבער, װאָס האָט געװאָלט װײַזן, אַז ער װײסט אויך װאָס עס טוט זיך, האָט דערצײלט נאָך מיט מער דערהויבנקײט:

— האַוואַדזשי סאַלים האָט מיט זיינע צוויי פּיסטוילן און זיין צוויי־שאַרפיקער שווערד אַוועקגעלייגט אַ גאַנצע אַרמיי, און איצט פּליען די טערקן אין גרויס שרעק צוריק קיין איסטאַמבול.

און עס איז געווען, אַז אין יענע טעג האָט די טערקישע אַרמיי אין פּאַלעסטינע אָנגעהויבן קריגן איין נידערלאַגע נאָך דער אַנדערער, פֿאַרלירנדיק פּאָזיציע נאָך פּאָזיציע אונטערן דרוק פֿון די פֿרישע כּוחות, וואָס די ענגלענדער האָבן צוגעקראָגן.

קאַנטאַראַ — די הויפּט־באַזע פֿון דער בריטישער אַרמיי, וואָס ליגט צווישן מצרים און ארץ־ישׂראל אין דער נאָענטקייט פֿונעם סועץ־קאַנאַל, האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט פֿרישע רעגימענטן.

אויף דעם ריזיקן שטח פֿון אַרום מדבר קאַנטאַראַ האָבן זיך דורך די העלע, זוניקע טעג געגראָבן אין דעם ווייכן, גאָלדענעם זאַמד אַריין צענדליקער טויזנטער מענערישע פֿיס באַשוכט אין די זעלבע שווער־געקאָוועטע שיך פֿון דער בריטישער אַרמיי. אָבער בלויז די שיך און דאָס געווער זיינען ביי אַלעמען פֿון זיי געווען די זעלבע, בשעת די אוניפֿאָרמס אויף די לייבער זיינען געווען פֿון אַזאַ פֿאַרשידנפֿאַרביקייט, ווי פֿאַרשידנפֿאַרביק עס זיינען די פֿעלקער, וואָס שטעלן מיט זיך צונויף די מעכטיקע בריטישע אימפּעריע.

זייט ביי זייט מיט די העל־גרינע אוניפֿאָרמס פֿון די ענגלענדער האָבן זיך געזען די שווערלעך־ברוינע פֿון די קאַנאַדער, די געפּאַסטע יעגערטוניקס פֿון די ניי־זעלאַנדער, און די באַפּאַלערינטע אויסטראַליער, וואָס האָבן אין זייערע ברייטע קאַפּעליושן, פֿאַרבויגן אויף איין זייט, גיכער געגעבן דעם איינדרוק פֿון אָפּערע־סטאַטיסטן איידער פֿון זעלנער, כאָטש אויפֿן שלאַכטפֿעלד זיינען זיי פֿאַררעכנט געווען צווישן די בעסטע קעמפֿער אין דער גאַנצער בריטישער אַרמיי.

צווישן אַט די אַלע פֿעלקער האָבן זיך גאָר באַזונדער אַרויסגעשיילט די הינדוסן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן היפּש אָפּגעטיילט פֿון אַלץ און אַלעמען אַרום זיך. מיט זייערע דינע פֿיגורן און מיניאַטור קעפּלעך, ווי ביי נאָר וואָס אויסגעוואַקסענע מיידלעך, האָבן זיי טאַקע אין זייערע לייכטע, גרויע אוניפֿאָרמס אויסגעקוקט, ווי מיידלעך אין מענערישע פּאַדזשאַמעס. די ברייטע גרויע טורבאַנען איבער זייערע קעפּלעך מיט די שפּיצן פֿון הינטן האָבן שטענדיק געגעבן דעם איינדרוק, אַז דאָס זיינען יונג־פֿרויען,

וואָס זײַנען נאָר־וואָס פֿון שוויץ־בעדער אַרויס, וואו זיי האָבן אויסער זייערע לייבער אויך זייערע האָר געוואַשן, און איצט באַשיצן זיי אַזוי אונטער די צונויפֿגעדרייטע האַנטוכער די פֿײַכטקייט אויף די קעפּ, אַז דאָס זאַמד פֿון דעם מדבר זאָל זיך צו דעם נישט צוקלעפּן.

דאָרטן האָט זיך אויך געפֿונען דער יידישער רעזערוו פֿון די דריי יידישע באַטאַליאָנען, וואָס האָבן געקעמפֿט אין ארץ־ישראל. אָט דער יידישער רעזערוו אין דעם מדבר פֿון קאַנטאַראַ האָט זיך נישט אויסגעטיילט מיט קיין אַנדער זאַך פֿון די ענגלענדער, ווי נאָר מיט די רויטע, אָדער בלויע מגן־דודס אויף די אַרבל פֿון זייערע ענגלישע אוניפֿאָרמס, און דאָך איז די אויסטיילונג פֿון די יידישע לעגיאָנערן צווישן אָט די אַלע פֿעלקער, נישט געווען אַזוי אין די קאָלירטע מגן־דודס, ווי אין דער באַגייסטערונג, וואָס האָט שטענדיק אַרומגעשוועבט אויף די פּנימער פֿון אָט די יידישע זעלנער.

צווישן די צענדליקער טויזנטער זעלנער פֿון די אַלע פֿעלקער אין דער באַזע פֿון קאַנטאַראַ זײַנען די יידישע געווען די איינציקע, וואָס זײַנען אַהין געקומען מיטן אייגענעם ווילן. און דער ווילן איז געווען ניט צוליב אַוואַנטורע, נאָר צוליב אַ גרויסער אידייע, וואָס האָט זיי באַזעלט. מען איז געקומען פֿון אַמעריקע, קאַנאַדע און אַרגענטינע, און יעדער טאָג אין דער באַזע איז געווען פֿאַר זיי אַן אָפּקומעניש און אַ גרויסע זינד. די הערצער אין זיי האָבן זיך געריסן צו די דריי באַטאַליאָנען, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג געשלאָגן אויף דער ערד פֿון ארץ־ישראל, און אָט די בענקשאַפֿט, וואָס גיכער אַנטייל צו נעמען אין דער שלאַכט, האָט זיך געזען אויף זייערע פּנימער און געהערט אין זייערע רייד צווישן זיך:

— געהערט עפּעס נײַעס וועגן אונדזער אָפּמאַרש? — האָט איינער געפֿרעגט ביים אַנדערן, און דער צווייטער האָט געוויינלעך געענטפֿערט:

— ווייסט זיי דער גוטער יאָר!

אַ דריטער איז צוגעקומען און, פֿאַרשטייענדיק וועגן וואָס מען שמועסט געוויינלעך, האָט ער זיך גענומען אַרונטעררעדן פֿון האַרצן:

— דאָרטן שלאָגן זיך חברים, און מיר?...

— אַ בזיון צו שרייבן אַ בריוו אַהיים!

— אַ בזיון פֿאַר די אייגענע הענט!

— אַז מען וועט ענדלעך אַריינקומען אין לאַנד, וועט אויסקומען, אַז מען איז געקומען צום גרייטן.

— צו וואָס־זשע האָט מען זיך געשלעפּט?

— אַ סברה, אַז דער גענעראַל־שטאַב וויל נישט קיין פּערטן באַטאַ־ליאָן, און די דריי דאָרטן זיינען פֿולע.

— פֿאַרוואָס זאָל ער נישט וועלן?

— ווייל פֿאַר אַ בריגאַדע פֿאָדערט זיך שוין אַ גענעראַל.

— און לאָנדאָן האָט ניט קיין חשק צו נאָך אַ יידישן גענעראַל, מיינסטו?

— אַזוי קוקט עס אויס.

אַזוי דורך די טעג. אָבער אין די אָוונטן האָט זיך די קאָנטראַ־באַזע אײנגאָנצן געביטן. נישט נאָר אינעם אויסזען זיך געביטן, נאָר אויך דאָס קול פֿון דער באַזע האָט זיך געביטן.

דורך די טעג האָבן די טויזנטער לייוונטענעביידלעך זיך אָפּטמאָל צונויפֿגעגאָסן מיטן זאַמד אַזוי, אַז דאָ און דאָרטן איז געווען שווער צו דערקענען, וואָס איז אַביידל און וואָס איז אַ זאַמד־בערגל. כאָטש דאָ און דאָרט זיינען אומצייליקע גרופּן מושטירט געוואָרן, איז דאָך דאָס קול אין דער לופֿטן געווען אַ מאָנאָטאָנס. אַלע קולות האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין איין קול, און געווען איז דאָס:

— פֿאָראויס, מאַרש!

— האַלט!

—איינצל אין דער ריי!

— צוויי אין דער ריי!

— פֿירן זיך אין פֿירן!

— געווער אויף די אַקסל!

— אַרונטער דאָס געווער!

אָט אַזוי איז דאָס געווען דורך די טעג, יעדן טאָג דאָס זעלבע. אָבער אין די אָוונטן איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש.

קודם־כל האָבן אַפֿילו די לייוונטענע ביידלעך אין די אָוונטן געקראָגן אַן אַנדער אויסזען.

דווקא אין די אָוונטן זיינען זיי ווי עפּעס אַנזעעוודיקער געוואָרן. אונ־טער דעם העלן, זילבערנעם שיין פֿון דער לבנה האָבן די שפּיצן פֿון די

ביידלעך אויסגעזען, ווי גרויסע קאַלפּאַקעס איבער קעפּ פון ריזן, וואָס האָבן זיך צעלייגט אויף אָפּרו מיט די קינען איבער די צונויפגעלייגטע אָרעמס. די אויגן זייערע בלויז האַלב צוגעמאַכטע אין זייער דרימל, כּדי צו זיין גרייט אויפן ערשטן רוף אויפצושטיין און זיך לאָזן אין קאַמף אַריין קעגן דעם שונא.

פון צייט צו צייט האָט זיך דאָ און דאָרטן איינער פון די ריזן אַ וויג געטאָן, און אין זיין אומרואיקער האַלב־דרימלענדיקייט זיך צעזונגען מיט אַ זאַ געזאַנג, וואָס איז געווען מער געוויין, ווי געזאַנג. און ביז גאָר מאָדנע איז געווען אָט דאָס, וואָס כאָטש יעדעס געזאַנג איז געווען אַ געוויין, זיינען דאָך די זינגענדיקע געוויינען נישט געווען ענלעך איינע אויף די אַנדערע.

קיין ווערטער האָבן זיך פון קיינעם נישט געהערט, אָבער די קולות און די טענער פון די קולות האָבן זיך שאַרף אונטערשיידט איינע פון די אַנדערע. עס איז געווען, ווי יעדעס קול וואָלט זיך אויפגעהויבן צו דעם ליכט פון דער העלער לבנה און יעדער טאָן אין דעם האָט באַטאָנט זיין באַזונדערע שליחות, וואָס ער שיקט אַוועק דורכן ליכט פון דער לבנה. האָבן טענער זיך געגאָסן און זיך נישט צונויפגעגאָסן, זיך געמישט און זיך נישט צונויפגעמישט. עס איז געווען אַ גרויסער אינאיינעם, און דאָך יעדער באַזונדער פאַר זיך, און די גרויסע, זילבערנע לבנה אין דער הויך, אַ שווער־באַלאָדענע מיט די שליחותן פון יעדן באַזונדער און אַלעמען צוזאַמען, האָט פּאַמעלעך זיך גערוקט און געמאַכט אַ וועג פאַר זיך צווישן אומצייליקע גרויסע, פינקלדיקע שטערן איבער דעם טיף בלויען הימל.

וואוהין האָט זיך געצויגן די לבנה?

זי האָט זיך געצויגן צו אַלע טיילן פון דער ערד, וואו עס האָבן גע־וואָרט טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער, כּלות און ווייבער אויפצוכאַפּן די שליחותן.

אין די ישובים פון גליל און יהודה האָבן די אַראַבער געוואָרט אויף אַ שליחות פון האַוואַדזשי סאַלימען און די יידן פון אַדון שלומען.

דבורה פוכאָנין און אבו כאַסאַן

ווער־זשע איז דאָס פֿאַרט געווען אָט דער מיסטעריעזער העלד וועמען די אַראַבער האָבן גערופֿן האַוואַדזשי סאַלים, און די יידן אדון שלום?

בלויז אין צוויי ישובים פֿון יהודה, וואָס זיינען געלעגן נישט ווייט איינע פֿון די אַנדערע, האָבן געציילטע מענטשן געוואוסט וועגן אים, כאָטש אַקוראַט פֿון וואַנען, און ווי אַזוי ער האָט זיך פֿלוצלונג באַוויזן איז אַפֿילו פֿאַר זיי נישט געווען קלאָר.

אָט די צוויי ישובים זיינען געווען דאָס יידישע „אשל־יהודה״, און דאָס אַראַבישע „וואַדי־לאַכאַר״. אין אשל־יהודה האָט געוואוינט די משפּחה פוכאָנין און אין וואַדי־לאַכאַר האָט געוואוינט דער אַראַבער אַבו כאַסאַן.

אַבו כאַסאַן פֿון וואַדי־לאַכאַר איז אַרעסטירט געוואָרן פֿון דער טער־קישער מאַכט פֿאַר אויסבאַהאַלטן זיך פֿון געצוואונגענער אַרבעט און אויפֿן וועג קיין ראַמלע איז ער צוזאַמען מיט דעם בעדואינער אבדול אַנטלאָפֿן אונטער דער נאָז פֿון דעם טערקישן שומר, און לעבנדיק מיט אָט דעם אבדולן עטלעכע טעג אין אַ הייל פֿון אַ חורבה איז ער געוואָר געוואָרן זייער אַ סך זאַכן.

— עס גייט אַהער אַ גרויסע יידישע אַרמיי — האָט אים אַבדול דערציילט.

— אַ יידישע?

— יאָ, און דער קאָמאַנדיר איז אויך אַ יידישער, זיין נאָמען איז האַוואַדזשי סאַלים.

— האַוואַדזשי סאַלים?

— יאָ. ער האָט אַמאָל געלעבט דאָ אין יהודה און טאַקע נישט ווייט פֿון דאַנען, אין דעם יהודהשן אשל־יהודה.

— אין אשל־יהודה, זאָגסטו?

— יאָ, אין אשל־יהודה.

— ביסטו זיכער? — איז אַבו כאַסאַן אויפֿגעברויזט געוואָרן.

— ווי אַללאַ איז מײַן גאָט — האָט אַבדול זיך געשוואָרן.

אָט די נײַעס האָט אַבו כּאַסאַן אין אײנעם אַ שפּעטן אָונט געבראַכט צו דבורה און מנשה פּוכאַנין.

— ביסטו זיכער? — האָט מען אים געפרעגט אין גרויס איבער־ראַשונג.

— ווי אַללאַ איז מײַן גאָט און מאַכמעד איז מײַן נביא! — האָט אַבו כּאַסאַן אַ צי געטאָן די הענט און זיך פאַרנויגט.

— איז אַבדול געווען פאַרבונדן מיט די ענגלענדער? — האָט מנשה פּוכאַנין געפּרובירט אַ פאַרש טאָן.

— איך ווייס נישט — האָט אַבו כּאַסאַן פאַרזיכערט.

אין יענע טעג האָט אַבו כּאַסאַן זיך אויסבאַהאַלטן אין די גערטנער פון זײַן דאָרף וואַדי־לאַכאַר און יידישן ישוב אשל־יהודה, און בלויז אין די שפּעטע אָונטן פלעגט ער אויפגעגנומען ווערן בײַ די פּוכאַנינס אין קיך, כּדי עפּעס אָפּצועסן. וואָרעם איצט האָט ער געטראָגן אין זיך אַ טאָפּלדיקן פחד. ערשטנס איז ער געווען אַן אַנטלאָפענער, און צווייטנס טאָמער געפינט מען אויס, אַז האַוואַדזשי סאַלים איז זײַן אַמאָליקער פרײַנט, וועט מען אים דאָך זיכער חושד זײַן.

עס האָט געציטערט דאָס לײַב אויף אַבו כּאַסאַנען, און זײַן צונג איז געווען צוגעשרויפּט צו זײַן גומען אַפילו ווען ער איז געזעסן אויג אויף אויג מיט די פּוכאַנינס אין קיך.

אָבער געטראַכט האָט ער כּסדר פון זײַן פרײַנט האַוואַדזשי סאַלימען, וואָס רוקט זיך יעדן טאָג אַלץ נעענטער אַהער, געטראַכט האָט אויך וועגן אים אדון מנשה פּוכאַנין, אָבער נאָך שטאַרקער האָט געטראַכט וועגן אים די גברת דבורה פּוכאַנין.

פון די דרײַ זײַנען געווען בלויז דבורה און אבו, וואָס האָבן אים פערזענלעך גוט געקענט, און כאָטש זיי זײַנען שוין איצט געווען מיטל־יאָריקע מענטשן, ווי דער העלד וועגן וועלכן זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, איז ער אָבער אין זייערע אויגן געווען דער זעלבער, ווי ווען ער איז פון זיי פאַרשוואונדן מיט יאָרן צוריק.

אַז אַבו פלעגט זיך באַווײַזן אין דער קיך פון די פּוכאַנינס און דערבײַ איז געווען די דערוואַקסענע טאָכטער אלישבע, אָדער דאָס הויז־מיידל פאַטמאַ, האָט מען זיך בלויז באַגריסט מיט אים און גאַרנישט גערעדט,

אָבער אַז קיין איינע פֿון זיי איז דערביי נישט געווען, פֿלעגט דבורה אויף אים אַ קוק טאָן מיט אַ גלי אין אירע טונקעלע אויגן.

— נו, אַבו ? עפּעס נייעס ?

— געלויבט איז אַללאַ, ער קומט אַלץ נעענטער — פֿלעגט ער שטיל אַ מורמל טאָן.

אין אַזאַ מאָמענט פֿלעגט זיך אַמאָל טרעפֿן, אַז אדון מנשה פּוכאַנין האָט זיך צעוויצלט :

— און ווער האָט דיר דאָס איצט געלאָזט וויסן, אַבו ? דאָס זאַמד פֿון דער ערד ? די געוויקסן אין די גערטנער ? צי די צווייגן פֿון די ביימער ?

אָט אַזוי פֿלעגט אַמאָל אדון מנשה פּוכאַנין פֿרעגן אין אַ וויצלדיקן טאָן און אַבו פֿלעגט ערנסט ענטפֿערן :

— זאָל זיין געבענטשט דער נאָמען פֿון אַללאַ. עס זיינען דאָ צייטן, ווען דאָס זאַמד פֿון דער ערד, די געוויקסן אין די גערטנער, און די צווייגן אויף די ביימער עפֿענען די מיילער, און ברענגען דיר בשורות.

— עפּעס איז דאָ, אין דיין זאָגן — האָט מנשה פּוכאַנין מסכים געווען.

אין יענער צייט זיינען די טעג געגאַנגען מיט דריבנע טריט, ווי צדיקים, וואָס גייען מיט זייער אייגענעם ווילן על קדוש־השם, און די נעכט האָבן זיך געצויגן, ווי הונגעריקע דורשטיקע אין דער מדבר, און כאָטש יעדער נייער טאָג, און יעדער אָנקומענדיקער אָוונט האָבן געבראַכט סמנים פֿון נייע טערקישע מפּלות אין דער געגנט, האָבן זיך דאָך די טעג און די נעכט אַזוי לאַנג געצויגן פֿאַר די איינוואוינער פֿון די ישובים.

דער עיקרשט האָבן זיי זיך זייער לאַנג געצויגן פֿאַר אַבו כאַסאַנען פֿון וואַדי־לאַכאַר און פֿאַר דבורה פּוכאַנין פֿון אשל־יהודה.

דורך די נעכט האָט מען זיך געהאַלטן אין די הייזער אין וועלכע מען האָט זעלטן אָנגעצונדן אַ ליכטל. אַלע זיינען געזעסן, אָדער געלעגן און מיט שטאַרקן פּחד און אומגעהויערער דערוואַרטונג זיך צוגעהערט צום קראַכעריי פֿון קאַנאָנען, וואָס האָט זיך דערטראָגן פֿון דער ווייטנס. פֿון צייט צו צייט איז דאָס שווערע קראַכעריי איבערגעגאַנגען אין דריבנע שיסע־רייען, וואָס האָבן געגעבן דעם איינדרוק פֿון מירמל־שטיינדלעך, וואָס שיטן זיך פֿון אַ באַרג אַרונטער אָן אַן אויפֿהער.

אין אַזעלכע נעכט פֿלעגט אַמאָל אַבו כאַסאַן זיך אַריינשלייכן אין דער שטיל צו פֿאַטמאַן אין דער הינטער־שטיבל פֿון דעם פּוכאַנין־הויז, און

פּאַטמאַ, וואָס האָט זיך געוואָרפֿן פֿון שרעק, איז געוועזן אַזוי דאַנקבאַר זיין קומען צו איר, אַז זי האָט אַפּילו געלאָזט זיינע האַריקע הענט פֿריי זיך אַרומגליטשן איבער איר לייב.

— פּאַטמאַ, אַז האַוואַדזשי סאַלים וועט זיך באַווייזן דאָ אַרום, וועל איך דיך קויפֿן ביי דיין טאַטן און דיך מאַכן פֿאַר מיין ווייב — פֿלעגט ער איר אַ מאָל אַ שושקע טאָן אין אַן אויער.

— האַוואַדזשי סאַלים? ווער איז ער? — האָט זי געוואָלט וויסן אין איר נייגעריקייט.

— אָ, אַ גרויסער פֿריינד מיינער, וואָס דערנעענטערט זיך אַהער מיט אַ גרויסן חיל — האָט ער אָנגעהויבן דערציילן און זיך באַלד פֿאַרהאַקט אין זיינע ווערטער, אַז ער זאָל חלילה נישט צופֿיל אויספּלאַפּלען פֿאַר איר.

אָבער פּאַטמאַ האָט שוין איצט געוואָלט וויסן גאָר עפּעס אַנדערש און נישט וועגן האַוואַדזשי סאַלימען.

— און דאָס ווי פֿלטע ווייב וועל איך דאָס זיין ביי דיר? — האָט זי געוואָלט וויסן.

— אַ דאגה דיר — האָט ער זי געטרייסט, און דריקנדיק מיט דער האַנט אירע בריסט, האָט ער שטיל צו איר געמורמלט:

— דו וועסט זיין די יינגסטע, און די געליבטסטע.

— אָבער וויפֿיל ווייבער האָסטו שוין? — איז זי פֿונדעסטוועגן נישט אָפּגעשטאַנען פֿון אים.

— דריי — האָט ער איר אָפּגהאַרציק געלאָזט וויסן.

זי האָט אַ שטויס געטאָן זיין האַנט פֿון איר נאַקעטן לייב און זיך צעבייזערט:

— און איך די פֿערטע?

אַבו האָט געוואָלט עפּעס ענטפֿערן און זי באַרואיקן, אָבער דאָס קראַכעריי פֿון די קאַנאָנען האָט פֿאַרשפּאַרט זיינע ווערטער, וואָרעם באַלד האָט זי אין איר פּחד זיך סיי ווי צוגעטוליעט צו אים, און נישט אויפֿגעהערט אים איבערצופֿרעגן:

— איז ווען זשע קומט ער שוין, דיין האַוואַדזשי סאַלים?

— ער וועט קומען, קומען, דו ווייסט גאָר נישט, וואָס פֿאַר אַ העלד ער איז!

אָבער אָט זיינען אָנגעקומען טעג, ווען מען האָט ווירקלעך געזען מיט די אייגענע אויגן, אַז דער סוף פון דער טערקישער אַרמיי קומט אָן און אַז באַלד, באַלד וועט פון איר קיין זכר דאָ אַרום נישט בלייבן.

יידן און אַראַבער האָבן מיט אומרו און האָפענונגען צוגעזען מיט די אייגענע אויגן און נאָכגעפאָלגט די פאַרמאַטערטע טערקן זיך צוריקציען אין אומאָרדנונג און אין פּאַניק. די פריערדיקע גוט־פאַרמירטע באַטאַליאָנען זיינען איצט געלאָפן סיי דורך וואַדי־לאַכאַר און סיי דורך אשל־יהודה, וואוהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן. זעלנער, וואָס האָבן שוין איצט אויסגעזען, ווי פאַרברודיקטע וואַגאַבונדן, זיינען געלאָפן אָפגעריסענע, אָפּגעשליסענע, וואַרפנדיק פון זיך דאָס געווער מיטן געפעק צוזאַמען, אָדער גאָר פאַרשלאָגנדיק צו יעדן ציווילן, וואָס איז זיי געקומען אַנטקעגן, אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר אַ שטיק ברויט און אַ קווערטל וואַסער דאָס לעבן אין זיך צו דערהאַלטן.

אַנדערע פון די טערקישע זעלנער זיינען שוין אַפילו נישט געלאָפן אויך. זיי האָבן זיך דורכגעשלעפּט פאַרשטויבטע, מידע און רעזיגנירטע צום אייגענעם גורל. עס האָט אויסגעזען, אַז אַ סך פון זיי איילן זיך נישט פאַראויס פשוט דערפאַר, ווייל זיי איז אַ סך ניחאער געווען אַריינצופאַלן אין געפענגעניש צו די ענגלענדער, כדי אַזוי אַרום פטור צו ווערן פון דער מלחמה.

אין זייער פאַרביישלעפעניש האָבן זיי אויסגעקוקט ווי הונגעריקע און דורשטיקע שאָף נאָך אַ שטורעם אין וועלכן די אייגענע פאַסטוכער זיינען ערגעץ־וואו אומגעקומען און איצט וואַנדערן זיי פלאָנטערנדיק זיך קוים אויף די פיס, און זיי אַרט שוין גאָרנישט, וועלכער נייער פאַסטוך וועט זיי איבערנעמען.

— העק־מעק! העק־מעק! — האָבן זיי געשריען מיט פאַרמאַטערטע קולות, וואָס דאָס האָט געמיינט אויף זייער טערקישן לשון, אַז מען זאָל רחמנות האָבן און געבן אַ שטיקל ברויט.

— העק־מעק! העק־מעק!

און די יידן פון די ישובים, דורך וועלכע זיי האָבן זיך דורכגעשלעפט, האָבן רחמנות געהאַט און אַרויסגעבראַכט וויפיל ברויט און וואַסער מען האָט נאָך געקאָנט אָפשפּאָרן און דערביי טאַקע אויך געפילט צו די דערשלאָגענע אַביסל דאַנקבאַרקייט, וואָרעם קוקנדיק אויף זיי איז דאָך גע־

וואַקסן די האָפֿענונג באַלד, באַלד צו דערזען די לאַנג דערוואַרטע ענגלענ־דער און מיט זיי צוזאַמען אויך די יידישע אַרמיי פֿון וועלכער מען האָט געהערט.

— אַדון שלום מיט זיין אַרמיי מוז שוין זיין דאָ אַרום — האָבן יידן זיך געשושקעט שטילערהייט, און עס האָבן זיך שוין אָפּילו געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן פֿאַרזיכערט, אַז זיי האָבן אים שוין געזען מיט אייגענע אויגן.

— אַז איך זאָג אייך, אַז...

— וואו? ווען? — האָט מען מיט צאַפּלעניש איינער ביים אַנדערן נישט אויפֿגעהערט צו פֿרעגן.

— דאָ, דאָרטן — זיינען געקומען ענטפֿערס, און כּדי צו באַשטע־טיקן זייערע ענטפֿערס, האָט מען זיך געהייסן צוהערן צום דונערן פֿון די קאַנאָנען און צו דעם דריבנעם שיסעריי פֿון די מאַשינביקסן, וואָס האָבן זיך שוין טאַקע געהערט פֿון גאָר נאָענט.

— איר הערט?

— נו יאָ, אָבער...

דער עלטסטער איינוואוינער פֿון אשל־יהודה יששכר הבבלי איז גע־שטאַנען ביי דער שוועל פֿון זיין הויז און געפּינטלט מיט זיינע בלינדע אויגן:

— יידן פֿירט מיך צו אים! איך וויל אים זען! מען זאָגט, אַז ער קוקט אויס, ווי אַ יונגער אָדלער וועמענס פֿליגל עס יאָגן זיך אַן אַ שטורעמ־ווינט — האָט דער זקן געשריען, און בשום אופֿן זיך נישט געוואָלט צור־הערן צו זיין טאָכטער, וואָס האָט זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל אַריינ־גיין אין הויז.

— לאָז מיך אָפּ, חנה! אַז איך האָב דערלעבט, וויל איך זוכה זיין אַ קוק צו טאָן אויף אים!

אויך די אַראַבער פֿון וואַדי־לאַכאַר זיינען אַרויס פֿון זייערע באַהעל־טענישן, און פֿאַלנדיק אויף די קני, האָבן זיי געשלאָגן מיט די קעפּ צו דער ערד און געשריען:

— האַוואַדזשי סאַלים, זאָל אַללאַ בענטשן דיין קומען!

דער גאַנצער אַרום איז געווען אָנגעשטרענגט פֿון גרויסער דערוואַר־טונג, אָבער גאָר באַזונדער האָבן געוואַרט דבורה פּוכאַנין פֿון אשל־יהודה און אַבו כאַסאַן פֿון וואַדי־לאַכאַר.

#ביים טייטלבוים אין גאָרטן

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער איז די ארץ־ישׂראלדיקע זון אונטערגע־גאַנגען, ווי אַ יונג, שיין מיידל, וואָס הויבט אָן אירע אויגן צו שליסן פֿון מידקייט, און גיט דערביי דעם איינדרוק, אַז עס איז נישט אַזוי די מיד־קייט, ווי דער ווילן צו געבן אירע באַוואונדערער אַ געלעגנהייט זי בעסער צו באַטראַכטן און נאָך מער צו באַוואונדערן.

די בערג פֿון יהודה, וואָס ליגן ווי ריזיקע קעמלען מיט קנאַכיקע רוקנס ביים האָריזאָנט, האָבן זיך געוויקלט אין דינע, ווייכע שלייערן פֿון פּורפּור און גאָלד, און דער הימל איבער זיי האָט יעדע רגע געביטן די קאָלירן אין אַ קינדיש־שטיפֿעריש שפּיל. עס האָט אויסגעזען, ווי סיי די בערג און סיי דער הימל פּוצן זיך איצט אויס אין קאָלירנדיקע אָונט־קליידער, כּדי צו קאָנען באַגעגענען אַ גאָר געהויבענעם גאַסט, וואָס ווערט דערוואַרט דאָ יעדע מינוט.

אויך דער גאָרטן אַרום דעם פּוכאָנין־הויז איז געווען איינגעטונקען אין אָוונטדיקע קאָלירן. עס איז געווען, ווי אַלע געוויקסן, בלומען און ביימער וואָלטן פּלוצלונג צו זיך געקומען און אָנגעהויבן אַ קאָלירן־געוועט מיט דעם פּורפּור און גאָלד איבער די בערג ביים האָריזאָנט.

לעבן דעם טייטלבוים, וואָס איז געשטאַנען האַרט ביי דער וועראַנדע פֿונעם הויז, איז געשטאַנען די גבֿרת דבֿורה פּוכאָנין אין איר ווייס־ראָזעווען קלייד, וואָס איז געווען באַשפּרינקלט מיט דינע וויאָלעט־בלימעלעך און זי האָט פֿאַרטראַכט געגלעט דעם שטאַם פֿונעם בוים. די זון האָט זיך גערוקט צו מערבֿ־זייט, אָבער דינע שטרייפֿן פֿון פּורפּור און גאָלד זיינען געהאַנגען אין דער לופֿטן מיט דער עקשנות פֿון קליינינקע, אומגעהויער שייניקע מיידעלעך, וואָס ווילן זיך נישט לאָזן אָפּפֿירן אין די בעטלעך צום שלאָפֿן. זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון די גרויסע שלייערן איבער די בערג ביים האָריזאָנט, און געקומען אַהער אינעם גאָרטן אַריין זיך שפּילן מיט די גע־וויקסן, בלומען און די צווייגן אויף די ביימער, אָבער ווי אַ מאַמע ציט די קינדער נאָך זיך ביי די הענטלעך, האָט די זון זיי מיטגעצויגן מיט זיך.

— גייט אין בעט אַריין, קינדערלעך.

נאָך האָט די זון נישט דערגרייכט די ערד אויפֿן מערב, אָבער פֿון מזרח האָט זיך שוין געבלייכט די לבנה. אַ גרויסע, אַ קיילעכדיקע, האָט אָבער דאָס בלייכקייט אויף איר פּנים דערציילט, אַז נישט גרינג איז איר אָנגעקומען זיך דורכצורייסן דורך די פּורפּורנע און גאָלדענע שלייערן איבער די בערג.

די גברת דבורה פּוכאָנין איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פֿאַרטראַכטע לעבן דעם טייטלבוים, און אין איר פֿאַרטראַכטקייט האָט זי אַפֿילו נישט געפֿילט, ווי אירע פֿינגער גליטשן זיך צערטלעך איבערן שטאַם, גלעטן אַ צווייג, באַרירן אַ בלאַט, און קערן זיך ווידער אום צוריק צו דעם שטאַם. אירע טונקעלע, אָבער נאָך שיינענדיקע אויגן האָבן איצט געגליט, ווי אין זיי וואָלט זיך פּלוצלונג פֿאַנאַנדערגעבלענדט עפּעס אַזוינס, וואָס איז געקומען פֿון דער ווייט אויף וועלכן זי האָט זיך שוין נישט געריכט. אירע ליפּן האָבן זיך געהאַלטן אין איין באַוועגן, ווי ביי אַ נאָנע אין עקזאַלטירנ־דינקער דערהויבונג בשעת תּפֿילה.

— גאָט מיינער!

אָבער נישט קיין תּפֿילה צו עמעצן פֿאַר עמעצן איז דאָס געווען, נאָר אַ טיפֿע איבערלעבונג פֿון אַ לאַנג פֿאַרגאַנגענעם לעבן איז דאָס געווען.

— שלום, יאָ שלום.

די ווערטער זיינען נישט אַרויס פֿון איר מויל, אָבער געזאָגט האָט זי זיי סיי־ווי, ווי געזאָגט האָט זי די זעלבע ווערטער מיט יאָרן צוריק, ווען אָט דער צעוואַקסענער בוים איז נאָך געווען אַ דינער און יונגער פֿלאַנץ אין שלומס הענט.

— שלום, יאָ שלום.

זי האָט אין איר איצטיקער פֿאַרטראַכטקייט געזען דעם באַרוועסן, זונאָפּגעברענטן שלומען שטיין איבערגעבויגן איבער דעם דינעם, יונגן פֿלאַנץ, וואָס ער האָט דאָ פֿאַרזעצט מיט די הוילע הענט, און געהערט האָט זי איצט די זעלבע רייד, וואָס ער האָט דעמאָלט גערעדט צו איר.

יענער פֿאַרנאַכט איז געווען אַקוראַט אַזאַ, ווי דער איצטיקער, און זיינע רייד זיינען געווען צו איר:

— אַ בוים... אונדזער ביידנס אַ בוים... שפּעטער וועט ער זיין אונ־דזערע קינדערס אַ בוים...

— שלום, יאָ שלום — האָט זי אים דעמאָלט געענטפֿערט, און ווען זי

האָט אים אונטערגעטראָגן דעם אייזערנעם „פּיאַש“, האָט ער אים נישט גענומען.

— ניין, ניין, נישט מיט קיין אייזן, דבורהלע.

— שלום, יאָ שלום — האָט זי דעמאָלט מיט אים מסכּים געווען, און זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קני לעבן אים.

— דבורהלע — האָט ער נאָכאַמאָל אַרויסגערעדט איר נאָמען, און צוגעבויגן דעם קאָפּ צו איר.

— שלום, יאָ שלום?

— דבורהלע, זאָג, און אַז דיין פֿאָטער וועט?...

דבורה פּוכאַנין האָט פּלוצלונג אַ ציטער געטאָן אָט פּונקט אַזוי, ווי זי האָט דעמאָלט אַ ציטער געטאָן.

אָבער איצט איז דער ציטער נישט געקומען פֿון שלומס וואַרעמע הענט, נאָר פֿון דעם קילן ווינטל, וואָס האָט זי אַ וועק געטאָן.

אירע פֿינגער, וואָס האָבן די גאַנצע צייט זיך געשפּילט איבערן בוים האָבן איצט צוגעגלעט די טונקעלע האָר אויף איר קאָפּ. זי האָט זיך אַ וויג געטאָן, ווי זי וואָלט פּרובירט עפּעס אָפּשאָקלען פֿון זיך, און זי האָט געלאָזט אירע טריט איבערן גאָרטן, וואָס האָט איצט אויסגעקוקט מיט זיינע געוויקסן, בלומען און בוימער, ווי אַ גרויסע, פֿאַרמעגלעכע משפּחה, וואָס האָט נאָר וואָס איבערגעביטן די נאָכמיטאָגדיקע קליידער אויף אָוונטיקע.

זי אַליין האָט זיך אויך דערפֿילט אָוונטיק. נישט אומגליקלעך, אָבער אָוונטיק־טרויעריק, וואָס ווייסט קיין מאָל נישט די סיבה פֿאַרוואָס עס ווילט זיך זיין אַליין מיט זיך, און זיך לאָזן פֿאַרוויקלען אין אָט דער טרויעריקייט, וואָס קומט מיטן אָוונט.

— גאָט פֿון אַברהם און פֿון יצחק און פֿון יעקב — האָט זי זיך צעמורמלט.

ווען זי האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער די עטלעכע טרעפּלעך צו דער וועראַנדע פֿון איר שטוב, האָט זי געהאַט דאָס געפֿיל, ווי זי הויבט מיט זיך מיט דאָס פֿאַרגאַנגענע לעבן אירס, וואָס האָט זיך ערשט נאָר וואָס אומגעקערט צו איר פֿון זייער ווייט צו־גאַסט. פּונקט ווי עס האָבן פֿריער אירע פֿינגער געגלעט דעם טייטלבוים, אַזוי האָבן זיי איצט געגלעט דאָס פֿאַרגאַנגענע לעבן, און זי האָט זיך מיט דעם אַרונטערגעלאָזט אין דער

ווייכער שטול, וואָס איז געשטאַנען אין דעם שאָטנדיקסטן ווינקל פֿון דער וועראַנדע.

— ס׳קאָצל קומט, — האָט זי באַגריסט דאָס פֿאַרגאַנגענע לעבן אירס, וואָס איז געקומען צוריק פֿון דערווייטנס, און זי האָט זיך צעשמייכלט מיט אַן אומט־טרויעריקן שמייכל.

— ווי לאַנג איז דאָס שוין, שלום, אַז דו ביסט...

פֿונעם זיך־צימער אין שטוב האָבן זיך דורכגעוויגט דורכן אָפֿענעם פֿענצטער שטילע קלאַנגען פֿון דער פּיאַנע. זי האָט גוט געוואוסט, אַז דאָס שפּילט איצט אַזוי איר בת־יחידה אלישבע, אָבער אויסגעדאַכט האָט זיך איר, אַז דאָס זיצט זי אַליין איצט ביי דער פּיאַנע, און דער אָונט איז נישט אַן איצטיקער נאָר אַן אָונט פֿון יענער צייט, ווען זי איז געווען אין איר טאָכטערס יאָרן. זי זיצט און שפּילט נישט אויף אָט דער גוטער פּיאַנע, נאָר אויפֿן אַלטן קלאַוויר, וואָס איר מוטער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון רוסלאַנד. די איינציקע זאַך וואָס איר מוטער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַהער. זי האָט מיטגעבראַכט דעם קלאַוויר און דער פֿאָטער דעם תּנ״ך מיט נאָך עטלעכע העברעאישע ביכלעך. זי געדענקט גאַרנישט, ווען טאַטע־מאַמע זיינען אַהער געקומען. אירע זכרונות הויבן זיך אָן אין דעם שטיבל, אָט דאָ אויפֿן זעלבן אָרט, וואו עס שטייט איצט איר גרויסע, ווייסע און באַקוועמע שטוב. דעמאָלט איז נישט נאָר אָט דער גאָרטן נישט געווען, נאָר דער גאַנצער שטח דאָ אַרום איז געווען זאַמד, און אַ שטיבל דאָ און דאָרט.

צווישן דעם ביסל חפֿצים, וואָס זיינען אין שטיבל געווען איז דער אַלטער קלאַוויר געווען דער טייערסטער חפֿץ און די מוטער אירע האָט אים שטאַרק, שטאַרק אָפּגעהיט. זי געדענקט גוט דער מאַמעס שפּילן אויף אים, און עס איז געווען טאַקע די מאַמע וואָס האָט איר די לעקציעס אין מוזיק געגעבן.

— מוזיק איז דאָס קול פֿון גאָט און פֿון זיינע ריינסטע מלאכים, — פֿלעגט די מאַמע צו איר זאָגן.

איצט שפּילט שוין איר מאַמעס אייניקל, איר אייגענע טאָכטער אלי־שבע. זי שפּילט אויף אַן אַנדער פּיאַנע — אַ בעסערע און אַ מאָדערנערע, ווי יענער קלאַוויר, וואָס שטייט אין אַ זייטיקן צימער איבערגעדעקט מיט אַ צודעק שוין זינט יאָרן. אָבער איר דאַכט זיך אויס, אַז דאָס זיצט זי

איצט אַליין און שפּילט דווקא אויף יענעם אַלטן קלאַוויר און דאָ אין ווייכן שטול זיצט איר מוטער און הערט זיך צו.

— אַט אַזוי, אַזוי, אַזוי רואיק, איינגעהאַלטן — מורמלט די מוטער צו איר.

די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו איר זיינען געווען מאָ־צאַרטס, און כאָטש לויט דער אָוונטיקער טרויעריקייט אין איר, וואָלט אפשר שאָפּענס אַ סאָנאַטע געווען מער צוגעפּאַסט, איז זי אָבער ביז גאָר צופרידן, וואָס זיי זיינען דווקא מאָצאַרטס, וואָרעם שלום דער זאַמד־פּירער האָט אַזוי ליב געהאַט צו הערן, ווען זי האָט געשפּילט מאָצאַרטן.

— איך האָב ליב מאָצאַרטן — פֿלעגט ער זאָגן.

די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך דורכגעטראָגן דורכן אָפֿענעם פֿענצטער האָבן זיך צעוויגט איבער די בלעטער פֿון די איקאַליפּטוס־בוימער אַרום דער ווערענדע און זיך דערנאָך אָנגעשלאָגן אָן דעם טייטלבוים, וואָס שלום האָט מיט זיינע אייגענע הענט דאָ פֿאַרזעצט.

— נישט מיט קיין אייזן, דבורהלע...

— שלום, יאָ שלום.

זי האָט גערעדט צו אים אין אירע געדאַנקען, און דערביי געטראַכט וועגן די פּיאַנע־קלאַנגען, וואָס זיינען איצט די זעלבע, ווי דעמאָלט, כאָטש די פּיאַנע איז איצט אַן אַנדערע, די שפּילערין אַן אַנדערע.

— דאָס לעבן שפּילט זיך איבער און איבער. עס איז בלויז דער אינסטרומענט, וואָס בייט זיך, אָבער די מוזיק איז אייביק, נישט אַזוי שלום?

דאָס שפּילן האָט אויפֿגעהערט. אויף דער ווערענדאַ האָט זיך באַ־וויזן אַלישבע, אַ יינגערע קאָפּיע פֿון דער מאַמען. זי האָט געפֿרעגט:

— מוטער, ביסט פֿאַרטיק צו גיין?

דבורה האָט אַ קוק געטאָן אויף איר טאָכטער, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן איר אין איר פֿרישן העלן קליידל אַ יוגנטלעכע, אַ ספּריטנע און זי האָט מיט געבעט אין איר קול געזאָגט:

— גיי אַליין, מיין קינד, איך בין אַ ביסל מידלעך היינט.

— אָבער דער פֿאָטער...

דבורה האָט איבערשלאָגן דער טאָכטערס ווערטער, און נאָך אַמאָל איבערגעחזרט:

— גיי אַליין, מיר איז אַזוי גוט צו זיצן און רוען דאָ.
אלישבע האָט אַ קוק געטאָן מיט אומרואיקע בליקן אויף דער מאַמען:
— פילסט זיך נישט מיט אַלעמען, מוטער?
— ניין, ניין. איך פיל זיך פולשטענדיק געזונט, — האָט זי געגומען בארואיקן דער טאָכטער.
— אין בית־העם וועט דאָך היינט זיין אַזוי פריילעך — איז אלישבע נישט אָפּגעשטאַנען, אָבער דבורה איז געווען איינגעעקשנט:
— גיי, גיי, מיין קינד, איך וועל צוקומען אַ ביסל שפּעטער, — האָט זי געזאָגט, און כדי צו געבן דער טאָכטער אַן אויסרייד הלמאי זי וויל קו־מען דווקא אַ ביסל שפּעטער און נישט גלייך, האָט זי צוגעגעבן:
— דער בית־העם וועט זיין געפּאַקט, מענטשן וועלן רויכערן, וועל איך צוקומען צום סוף, און דו וועסט מיר שוין אַלצדינג איבערגעבען.
— וועסט קומען שפּעטער?
— שפּעטער, שפּעטער.
אַלישבע האָט אַ לאָז געטאָן אירע דריבנע טריט פון דער ווערענדע אַרונטער. די מוטער האָט איר נאָכגעקוקט ביז זי האָט זיך פאַרלוירן, און דעמאָלט זיינען אירע בליקן געבליבן הענגען אויף די צווייגן פונם טייטל־בוים, וואָס איז איצט געשטאַנען פאַרטראַכט אין אַ זייער טיפער פאַר־טראַכטעניש.

אויף דער אסיפה אין בית־העם

שפּעטער אָביסל האָט זיך אויף דער וועראַנדע פֿון פוכאָנינס הויז צעלייגט אַזאַ שטילע מנוחה, אַז מען האָט זי געקאָנט ממש אָנטאַפּן מיט די הענט.

דאָס אָרט פֿון דער זון האָט פֿאַרנומען די לבנה.

מנוחהדיק איז אויך געווען דאָ אַרום פֿון גאַנץ פֿרי אָן. נאָך אַזוי פֿיל טעג פֿון קאַנאָנען־קראַכערײַ, שיסערײַען פֿון אַלערליי ביקסן, וואָס האָבן זיך אַהער דערטראָגן, און טערקישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן דורך דאַנען זיך דורכגעשלעפּט, איז דער הײַנטיקער טאָג אַרײַנגעטראָטן, ווי אַ לאַנג־דער־וואַרטער שבת.

פֿון גאַנץ פֿרי אָן האָט מען בכלל דאָ קיינעם נישט געזען. די טערקישע מאַכט איז ווי אויסגעטריקנט געוואָרן, אַז די נײַע, די ענגלישע, האָט זיך דאָ נאָך נישט באַוויזן.

וואָס איז געשען?

עס איז געווען, ווי ביידע קריגערישע צדדים האָבן אָן אשל־יהודה אינגאַנצן פֿאַרגעסן און קיין סימן, אַז מען וועט זיך אָן איר דערמאָנען האָט זיך נישט געזען דורכן גאַנצן טאָג.

שאַ שטיל איז געווען דורכן טאָג און איצט איז שוין אָוונט, און די שטילקייט איז דאָ אַזוי שטאַרק שטיל, אַז זי שרייט אַזש.

פּלוצלונג האָט גברת דבורה פוכאָנין זיך אויפֿגעכאַפּט און זיך ווי איבערגעשראָקן פֿון אָט דער שרײַענדיקער שטילקייט. עס האָט זי אַ צי געטאָן צו מענטשן, און זי איז אַרונטער פֿון די שטיגן, און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פֿון בית־העם.

דער גרויסער זאַל פֿונעם בית־עם איז געווען העל באַלויכטן. אַלע שטולן זײַנען געווען באַזעצט. אויף דער פּלאַטפֿאָרמע זײַנען געזעסן עט־לעכע אָנגעזעענע תושבים און צווישן זיי אַדון מנשה פוכאָנין, וואָס האָט באַלד, ווי ער האָט דערזען זײַן דבורהן אַרײַנקומען, זיך אויפֿגעשטעלט און אָנגעהויבן אָנצופֿירן מיטן מיטינג.

ערשט איצט האָט דבורה פֿון איר שטול דערזען, ווי יום־טובדיק איר מנשה קוקט הײַנט אויס. זי האָט זיך געוואונדערט, וואָס זי האָט גאָרנישט

באַמערקט, ווען ער האָט זיך אָנגעטאָן דעם ווייסן טשעסוטשאַ־אַנצוג, וואָס ער האָט אין לויף פֿון די מלחמה־יאָרן נישט געטראָגן. דער עיקרשט האָט זיך איר געוואָרפֿן אין די אויגן אַריין דאָס שוואַרץ־גרוי בערדל זײַנס, וואָס איז געווען צוגעשוירן און צוגעפּוצט.

ווען האָט ער דאָס באַוויזן?

מנשה פּוכאָנין האָט געלייענט אין אַ דערהויבענעם טאָן דעם טאָג־אָרדענונג, וואָס איז באַשטאַנען פֿון צוויי פּונקטן.

ערשטנס אַן אייגענע שמירה, ווײַל אינם איצטיקן מאָמענט איז מען געבליבן אינגאַנצן אָן אַ מאַכט אין אשל־יהודה. צווייטנס באַדאַרף מען זיך צונויפֿרעדן, ווי אַזוי און ווער זאָל מקבל־פּנים זײַן די נײַע ענגלישע מאַכט, וואָס וועט זיך אודאי מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן דאָ באַווײַזן.

— מען וועט דאָך סוף כּל סוף זיך באַווײַזן — האָט ער באַטאָנט.

— די ענגלענדער זײַנען שוין אין רחובות — האָט זיך דערהערט אַן אויסרוף פֿול מיט עקזאַלטירונג צווישן דעם עולם.

— אין ראשון־לציון אויך!

— אַ סברה, אַז זיי זײַנען הײַנט אַרײַן אין נס־ציונה!

אין דער לופֿטן האָבן זיך צעשאָטן נאָך נעמען פֿון ייִדישע ישובים אין דער געגנט, און אַדון מנשה פּוכאָנין האָט געהאַלטן אין איין קלינגען מיטן גלעקעלע, וואָס איז געשטאַנען אויף זײַן שטענדער.

— אָרדענונג! בבקשה אָרדענונג!

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צוביסלעך באַרויקן, און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מען קאָן שוין צוטרעטן צו די וויכטיקע ענינים, וואָס האָבן געמוזט באַהאַנדלט ווערן.

פּלוצלונג האָט זיך אַרײַנגעריסן אַ פֿאַרשפּעטיקטע אסתּר קיטאָוויטש. איר פּנים איז געווען פֿאַרפֿלאַמט, ווי זי וואָלט דאָס ערשט נאָר וואָס אָפּגעקערט פֿון אַ ברענענדיקן פּריפּעטשאָק, און מיט אויפֿגעהויבענע הענט אין דער הויך האָט זי אויסגערופֿן:

—אַדון שלום מיטן ייִדישן לעגיאָן זײַנען הײַנט פֿרי אַרײַן קיין ראַמלע, און פֿאַרנאַכט האָבן זיי פֿאַרנומען לוד!

דער נאָמען: אַדון שלום האָט אַ הויב געטאָן אַלעמען פֿון די שטולן. דער גאַנצער עולם האָט געפּאַטשט מיט די הענט, געשריען: „הידד!“

צום אָנהויב האָט אַדון מנשה פוכאַניק, ווי דער פֿאָרזיצער פֿון דער פֿאַר־זאַמלונג, געקלונגען מיטן גלעקל, אָבער באַלד איז ער אַליין אַריינגעפֿאַלן און מיטגעצויגן געוואָרן פֿון דעם אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם, און אויך ער האָט זיך שטאַרק צעפּאַטשט מיט די הענט און געשריען: הידד!"

ווען דער עולם האָט זיך דאָך סוף כּל סוף אַביסל באַרואיקט, האָט דאָס גלעקל זיך ווידער צעקלונגען, און דער פֿאָרזיצער האָט אָנגעהויבן אין אַ זייער געהויבענעם טאָן:

— חברות און חברים — האָט ער אויסגערופֿן, און האַלטנדיק די הענט אין דער הויך ביז עס איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל, האָט ער דער־ציילט:

— שוין עטלעכע טעג, אַז עס איז צו מיר דערגאַנגען אַ שטיק נייעס, וואָס איז פֿון גרויסער, היסטאָרישער באַדייטונג פֿאַר ארץ־ישראל, און פֿאַרן גאַנצן יידישן פֿאָלק.

איצט איז שוין דער עולם געזעסן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און פֿול מיט דערוואַרטונג. אַפֿילו די לאָמפּן פֿון דעם באַלקאָן אַרונטער זיינען עפּעס ווי פֿאַרשטאַרט געוואָרן, וואַרטנדיק אויף די וויטערדיקע ווערטער, און די ווערטער זיינען געקומען:

— די ענגלישע מלוכה האָט דורך איר פֿאַרשטייער דעם לאָרד באַלפֿור אַרויסגעלאָזט אַן אָפֿיציעלע דעקלאַראַציע, אַז דאָס באַפֿרייטע ארץ־ישראל פֿון דער טערקישער מאַכט וועט ווערן אַ היימלאַנד פֿאַר יידן.

— הידד! הידד!

ווידער איז די פֿאַרזאַמלונג געשטאַנען אויף די פֿיס, ווידער אַ רוישי־קע פּאַטשעריי מיט די הענט. עמעצער האָט פֿאַרצויגן די „התקוה", און גלייך איז דער גאַנצער זאַל אָנגעפֿילט געוואָרן מיט געזאַנג. נאָך דער „התקוה" איז געקומען „בשוב אדוני" און אַנדערע געזאַנגען. מענטשן זיינען זיך געפֿאַלן אויף די העלזער און געקושט, געהאַלזט, און ווידער־אַמאָל און נאָכאַמאָל געזאַנג, און געשריען מיט געוואַלדיקער דערהויבונג:

— אַ היימלאַנד! אַ היימלאַנד פֿאַר יידן!

— הידד! הידד!

שפּעטער זיינען געקומען וויטערדיקע בשורות, וואָס זיינען זיך צע־פֿלויגן איבער אַלעמענס קעפּ און הערצער, ווי ליכטיקע טויבן. אַפֿילו

דבורה פוכאַנין, וואָס האָט שוין דאָס אַלץ געוואוסט, האָט אויך מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן זיך צוגעהערט צו איר מאַנס דערציילן:

— פֿון זיכערע קוועלן וויסן מיר, אַז עס האָט זיך פֿאַרמירט אַ מעכ־טיקע יידישע אַרמיי, וואָס קעמפֿט איצט זייט ביי זייט מיט די ענגלענדער און העלפֿט באַפֿרייען אונדזער הייליק לאַנד. אַקוראַט די צאָל פֿון אָט דער יידישער אַרמיי וועלן מיר מסתמא געוואָר ווערן אין די קומענדיקע פּאָר טעג, אָבער עס זיינען דאָ סמנים, אַז זי באַשטייט פֿון עטלעכע באַטאַליאָנען, און די יונגעלייט, וואָס שטעלן זיי צוזאַמען זיינען פֿון אַמעריקע, קאַנאַדע, אַרגענטינע און אַנדערע לענדער.

— הידד הידד!

דער עולם האָט אין יענע מינוטן נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. עס האָט זיך פֿון אים אַליין אויסגעשריען, עס האָט זיך פֿון זיך אַליין געיובלט, און דאָך האָט זיך אויך געוואָלט זיצן אויף די ערטער, וואָרעם לויט דעם פֿאָכען מיט די הענט אין דער לופֿט פֿונם פֿאָרזיצער, האָט מען געזען אַז עס קומט נאָך און נאָך.

— מיר דאָ פֿון אונדזער אשל־יהודה, האָבן גאָר אַ גרויסע און גאָר אַ באַזונדער זכיה — האָט מנשה פוכאַנין אויסגערופֿן אין גרויס עקסטאַז, און אָפּשטעלנדיק זיך אַ ווייל, ווי ער וואָלט אַליין געוואָרן איבערפֿילט מיט דעם, וואָס ער וועט זאָגן, האָט ער אַ ווייל געקוקט אויפֿן עולם און ער האָט ווייטער דערציילט:

— איינער פֿון די באַטאַליאָנען־קאָמאַנדירן איז אַן אונדזעריקער. ער איז פֿון אונדזער אשל־יהודה. די יינגערע געדענקען אים זיכער נישט, אָבער די עלטערע געדענקען דאָך די צייט, ווען מען האָט ביי אונז דאָ אויס־געגליכן דאָס זאַמד, און דעמאָלט האָט צווישן די אַראַבער געאַרבעט אַ יונג בחורל שלום.

— שלום?

—יאָ, שלום!

—שלום דער זאַמד־פֿירער! — האָט עמעצער אויסגעשריען, און באַלד האָט אַן אנדערער אים אַרויסגעהאָלפֿן.

— שלום מיט דער טאַטשקע!

— אַזוי! אַזוי!

— ער האָט געקאָנט רייטן אויף אַ פֿערד בעסער פֿון יעדן אַראַבישן רייטער אין דער סביבה!

— אָט, אָט, דעם מיין איך! — האָט דער פֿאָרזיצער מסכּים געווען, און צווישן עולם האָט זיך אָנגעהויבן אַ גערודער:

— איז ער דאָס דער אדון שלום?

— הערט נאָר, הערט!

— איך געדענק אים זייער גוט!

— ער האָט דאָך מיט מיר צוזאַמען דאָ געאַרבעט!

— אַזוי! אַזוי! או־וואַ!

דאָס גערודער האָט לאַנג אָנגעהאַלטן אין זאַל, און עס האָט געדויערט אַ היפּשע צייט ביז דעם פֿאָרזיצער האָט זיך איינגעגעבן אַלעמען צו באַרואיקן און אָנהויבן צו פֿאַרהאַנדלען די צוויי וויכטיקע פּונקטן, וואָס זיינען געשטאַנען אויפֿן סדר־היום.

דבורה פוכאַנין קאָן נישט איינשלאָפֿן

יענע נאַכט איז גברת פוכאַנין געלעגן לאַנג אין איר בעט, און געקוקט מיט אָפֿענע אויגן צום דרויסן דורך די צוויי אָפֿנע פֿענצטער פֿון איר שלאָף־צימער. איר מאַן מנשה האָט געלאָזן הערן זיין טיפֿן שלאָף פֿון זיין בעט דערלעבן דורך אַ שנאָרך פֿון צייט צו צייט און אויך דורך זיין רואיקן ריטמישן אָטעמען. זי האָט אים מקנא געווען, וואָס נאָך אַזאַ רוישיקן, איבערלעבנדיקן מיטינג קאָן ער אַזוי רואיק שלאָפֿן. זי האָט זיך געפֿילט דורכאויס אויפֿגעוואַכט. אירע אויגן האָבן געקוקט דורך די פֿענצטער צום דרויסן וואָס האָט געבלויט מיט בלויען זילבער, אָבער געזען האָט זי גאָר עפּעס אַנדערש. עס איז געווען, ווי דער נעכטן וואָלט גאָר פּלוצלונג און אַזוי אומגעריכט אַנגעקלאַפּט אין דער טיר פֿון איר היינט, און האָט זיך באַוויזן צו גאַסט, ברענגנדיק איר אַ מתּנה דאָס ליד פֿון איר אייגענעם נעכטן.

— יאָ, אַ ליד, — איז איר דורכגעלאָפֿן אין אירע געדאַנקען, וואָרעם האָט דען נישט געזונגען אין איר דאָס בלוט? איר יעדער אבר?

— גאָט פֿון אַברהם און פֿון יצחק און פֿון יעקב — האָט זיך געריסן פֿון איר מויל.

זי האָט דערפֿילט, אַז עס איז פֿאַר איר אוממעגלעך איינצוליגן אין בעט. זי האָט שטיל אַרונטערגעלאָזט די פֿיס צום טעפּיך איבערן דיל, אויפֿגעזוכט מיט די שפּיצן פֿון אירע פֿיס־פֿינגער די שטעק־שיך, אַרויפֿגעצויגן דעם שלאָף־ראָק און נאָך שטילער זיך אַרויסגעשלייכט אויף דער וועראַנדע.

די לבֿנה איז געווען אין דער מיט פֿונעם הימל. אַזאַ גרויסע און אַזאַ פֿולע האָט זי אַרונטערגעקוקט פֿון דער הויך. אַ ווייל איז זי געשטאַנען און געקוקט אין דער נאַכט אַריין פֿון וועלכער עס איז אויפֿגעגאַנגען צו איר אַזאַ שטיל און לויטער געזאַנג. נישט קיין פֿרעמדס און קיין ווייטס איז דאָס געזאַנג געווען. עס האָט געשלאָגן פֿון דעם מיט אַזאַ נאָענטקייט, מיט אַזאַ היימישקייט. עס האָט געזונגען דאָס ווינטל איבער די צווייגן פֿון די בוימער, די שטערן אין דער הויך, און אַפֿילו די לבֿנה האָט אויך

געזונגען. ס'אַרז וואוילקייט עס וואָלט געווען אַרונטערצוציען דעם צודעק פון דעם אַלטן קלאַוויר, אים אַרויסצובערענגען אַהער אויף דער ווערענדע און אויסשפּילן אויף זיינע צעבראָכענע ביינדלעך אָט דאָס געזאַנג. אָבער אויף אַזוי פיל איז זי דאָך געווען באַוואוסטזיניק, אַז עס איז אָן אומזין דאָס צו טאָן. וואָס וואָלט געטראַכט פון איר אַלישבע? איר מאַן? זיי וואָלטן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער שלאָף, און זיך זייער שטאַרק איבער־געשראָקן. זיי וואָלטן דאָך נישט באַנומען, וואָס אין איר גייט פאָר. די טאָכטער אירע, וואָס האָט נאָך קיין נעכטן נישט איבערגעלעבט, וואָלט דאָך נישט געקאָנט באַנעמען זיין צו גאָסט קומען, און זי וואָלט געמיינט, אַז די מוטער איז חלילה פון זינען אַרונטער. מנשה וואָלט אפשר יאָ באַנומען, אָבער טאָקע דאָס באַנעמען וואָלט אים זייער אומגליקלעך געמאַכט.

— נו, מילא — האָט זי רעזיגנירט.

אָבער אין דער אמתן האָט זי זיך גאַנץ פיין געקאָנט באַגיין אָן דעם אַלטן קלאַוויר. סיי־ווי האָט אַלץ אַרום איר, און אויך אין איר געזונגען.

זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין ווייכן שטול, אַרונטערגעבויגן דעם קאָפּ און איינגעוויקלט דאָס פּנים אין אירע הענט.

לעבן איר איז איצט געווען איר שלום.

נישט „אדון שלום" וועגן וועלכן די אידן האָבן לעצטנס אַזוי פיל גערעדט און היינט ביים מיטינג אַזוי התלהבותדיק אויפגענומען זיין העל־דישקייט, ווי אַ קריגס־פירער. אויך נישט „חאַוואַדזשי סאַלים", וואָס האָט באַוויזן צו צעפלאַמען ביי די אַראַבער די פאַנטאַזיעס אַזוי, אַז ער איז שוין איצט ביי זיי אַ לעגענדע. ניין. נישט דער און נישט יענער, נאָר דער פּשוטער, יונגער, געזונטער בחור שלום איז לעבן איר געשטאַנען, און זי האָט אין אירע מחשבות גערעדט צו אים אַזוינע רייד, ווי זי האָט צו אים גערעדט אין יענעם שפּעטן נאָכמיטאָג, ווען ער האָט פאַרזעצט דעם טייטלבוים דאָ אינם גאָרטן, אָדער, ווען זי איז געזעסן מיט אים אין די שפּעטע אָוונטן אויפן זאַמד־בערגל, און זיינע הענט האָבן זיך גע־שפּילט מיט אירע האָר, מיט אירע אויערן און איר האַלדז.

— דבורהלע, וועסט צוגרייטן טאַטע־מאַמע, האַ?

— איך וועל, שלום!

דבורה האָט באַפּרײט איר פּנים פֿון די הענט, און אָנגעשטרענגט געקוקט אין דער נאַכט אַרײן. אַזוי הײמיש און נאָענט איז אָט די נאַכט איר אױסגעקומען. זי װאָלט געקאָנט שװערן, אַז דאָס איז די זעלבע נאַכט. נישט מער, זי איז געװען אַװעקגעגאַנגען אױף אַ צײט און איצט האָט זי זיך אומגעקערט צוריק. שלום, װאָס זיצט דאָ איצט לעבן איר, איז אױך דער זעלבער. גאָרנישט האָט זיך געענדערט.

— דבורהלע.

— יאָ, שלום.

פּלוצלונג האָט זי אַ ציטער געטאָן און זיך אױפֿגעכאַפּט פֿון איר פֿאַרטראַכטקײט.

זי װאָלט געקאָנט שװערן, אַז זי האָט געהערט טריט צװישן די בױמער אינעם גאָרטן; זי האָט געפּילט, װי אױסצושרײען, אָבער זי האָט זיך צוריקגעהאַלטן און לאַנג זיך אײנגעהערט צו דעם שטילן גערױש פֿון די צװײגן אױף די אײקאַליפּטוס־בױמער.

איצט איז זי שױן צוריק געװען די גברת דבורה פּוכאָװין, דאָס װײב פֿון דעם אָנגעזעענעם אדון מנשה פּוכאָװין און די מוטער פֿון דער דערװאַקסענער טאָכטער אלישבע פּוכאָװין, װעלכע שלאָפֿן איצט רױיקע אױף זײערע געלעגערס. דער נעכטן אירער, װאָס איז צו־גאַסט געקומען, האָט זיך אױך געלײגט אָפּרוען. װאו רוט ער דאָס דער נעכטן? מסתמא אױפֿן זאַמד־בערגעלע, װאו ער פֿלעגט רוען מיט איר אין זײנע אָרעמס, װען ער איז נאָך אַ הײנט געװען. טשיקאַװע אַ קוק צו טאָן אױפֿן זאַמד־בערגעלע. עס איז דאָך נישט װײט פֿון דאַנען. עס איז דאָך דאָ אָנטקעגנאיבער.

זי האָט זיך אױפֿגעהױבן פֿון איר שטול, צוגעגאַנגען צו דער שװעל פֿונעם אַרױסגאַנג אױף דער װעראַנדע און זי האָט געזוכט מיט די אױגן.

— װאו זשע איז דאָס זאַמד־בערגעלע?

אױפֿן אָרט פֿונעם זאַמד־בערגעלע איז איצט געשטאַנען דאָס גרױסע, װײסע הױז פֿון דער שטײנבערג־משפּחה.

— מען האָט געגומען אַזאַ ליב, הײמיש זאַמד־בערגעלע, און...

— אַ שאָד, אַ גרױסער שאָד.

אַ לאַנגע צײט האָט זי געקוקט אױף דעם גרױסן, װײסן הױז אַנטקעגנאיבער, אוז בײ איר איז אױסגעקומען, װי אָט דאָס הױז איז עפּעס,

ווי אַ מין מצבה אויף אַ זייער וויכטיקער שטיק פֿון איר לעבן, וואָס איז געווען, און איז איצט שוין מער נישטאָ, נישטאָ.

— וואו זשע איז דאָס זאַמד־בערגעלע?

זי האָט מיטאַמאָל דערזען די גאַנצע רעאַלקייט אַרום זיך, און עס איז פֿאַר איר קלאָר געוואָרן, אַז נישט דער נעכטן איז געקומען, נאָר דאָס ליד פֿונעם נעכטן איז געקומען און אַזאַ רייכס, אַזאַ פֿאַרביקס איז אָט דאָס ליד. נישט אַלע נעכטנס זײַנען זוכה זיך אין לידער צו פֿאַר־וואַנדלען. פֿאַראַנען אַזעלכע, וואָס גייען אַוועק אין דעם אייביקן גאָרנישט אַריין, ווי זיי וואָלטן קיין מאָל נישט געווען. אַזעלכע נעכטנס ווערן אָפּ־געווישט. ווייל אַפֿילו ביי זייער לעבן זײַנען זיי קיין „הײַנטן" נישט געווען, און ממילא זײַנען זיי קיין „נעכטנס" נישט געוואָרן.

אינעם קעגנאיבערדיקן הויז האָט אַ קינד זיך צעוויינט, און אין איינעם פֿון די פֿענצטער האָט זיך אַ לאָמפּ אָנגעצונדן. דבורה פּוכאַנין האָט געקוקט אויף דעם צעצונדענעם פֿענצטער, און עס איז געווען, ווי אָט דאָס אויפֿגעלויכטענע פֿענצטער האָט געקוקט מיט פֿאַרוואורף אויף איר:

— אַ מצבה, האַ?

זי האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר אָט דעם פֿאַרוואורף, און זי האָט זיך אַליין גענומען שטאַרק אויסריידן:

— אָט וואָס איך בין!

— געהערט אַ מעשה!

— איך, דבורה פּוכאַנין, שטיי און באַדויער, וואָס איבער אַ זאַמד־בער־געלע האָט זיך אַ הויז אויפֿגעבויט מיט אַ משפּחה אין איר!

זי האָט שוין געוואָלט זיך צוריק אַריינשאַרן אין שטוב אַריין, אָבער פֿאַרבײַגייענדיק די שטול האָט זי זיך נאָך אַמאָל אַראָפּגעלאָזט אין איר. איצט האָט זי מער נישט פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט אירע הענט. זי האָט געקוקט אין דער נאַכט אַריין מיט אָפֿענע אויגן און אין דער בלוי־קייט פֿון דער נאַכט האָט זי געזען דעם הײַנט. עס איז געווען אַ הײַנט נאָך אַ שווערער מלחמה. אַ הײַנט, וואָס האָט זיך געגויטיקט אין אַרבעט, כּדי זײַנע אָפּגעצערטע באַקן זאָלן זיך אָנפֿילן אויף מאָרגן. דאָס ליד פֿונעם נעכטן, וואָס האָט אַלץ אין איר געזונגען האָט זי דאָך פֿון זיך נישט אָפּגעטריבן. אַדרבא, עס איז איר מיט אַמאָל זייער גוט געוואָרן, וואָס

איר נעכטן איז צוריקגעקומען אַזאַ צעזונגענער. ער זינגט אין איר דער־פֿאַר, װײַל, װען ער איז אַ היינט געװען האָט ער אויך געזונגען. און זינ־גען װעט ער שוין אַזוי שטענדיק אין איר. שלום האָט זיך אומגעקערט. איז גוט, װאָס ער האָט זיך אומגעקערט. זיין אַנטלויפֿן פֿון דאַנען איז אפֿשר גאָר געװען אַ באַשערטע זאַך. אים איז אָנגעצייכנט געװאָרן צו טאָן גרויסע זאַכן פֿאַר זיין פֿאָלק. ער האָט אָנגעהויבן אין זיין פֿריער יוגנט מיט אויסגלייכן די ערד דאָ אין אשל־יהודה, איצט איז ער אַ קעמפֿער פֿאַר אַלע אשל־יהודהס.

— ברוך הבא, שלום!

װען ער װעט זיך באַװייזן דאָ אינעם ישוב װעלן זיינע אויגן זיך צעשטראַלן פֿון גרויסער דערהויבנקייט. ער װעט קוקן, נישט דערקאָנען, און דאָך דערקאָנען, װײַל דאָס, װאָס איז איצט דאָ האָט ער דאָך געװאָלט, אַז עס זאָל זיין. האָט ער דען נישט קיין חלק אין דעם, װאָס איז דאָ? ער אַליין איז אויך דאָ צו באַטראַכטן און ליב צו האָבן דעם אויפֿבוי, און זי איז דאָ אים אַנטקעגנצוגיין. און אַז נישט זיין װייב איז װאָס? אָבי זי איז דאָ אים אַנטקעגנצוגיין מיט חברישער ליבשאַפֿט. זי װעט אים ברענ־גען צום טייטלבוים און אים זאָגן:

— זע, מיין טאָכטער אלישבע, זיצט נישט איין מאָל אונטער זיין שאָטן.

צום אָרט, װאו דאָס בערגעלע זאַמד איז אַמאָל געלעגן װעט זי אים אויך פֿירן, און דאָרטן װעט זי אים זאָגן אַזוי צו זאָגן:

— זע, אַ הויז שטייט. אין מיטן דער נאַכט כאַפּט זיך דאָ אויף אַ קינד מיט אַ געשריי מסתּמא דערפֿאַר, װײַל עס שניידן זיך ציינדלעך אין זיין מיילעכל. אַ לאָמפּ װערט אָנגעצונדן, קוקט אַ צעגאָלדיקט־ליכטיק פֿענצטער דאָ אין דער נאַכט אַריין.

יאָ, אַזוי װעט זי צו אים זאָגן, און ער? מסתּמא װעט ער זיך גליק־לעך צעשמייכלען פֿון אירע װערטער.

— דבורהלע, יאָ, דבורהלע. — װעט ער זאָגן.

זי האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון שטול מיטן באַשלוס צו גיין צוריק צו איר געלעגער, אָבער איצט האָט זי נישט נאָר געהערט טריט, נאָר געזען, װי אָבו כאַסאַן שאַרט זיך איבערן גראָז פֿונעם זייטיקן צימער, װאו פֿאַטמאַ איר הויז־מיידל איז געשלאָפֿן.

— אַבו! — האָט זי אויסגערופֿן.

אַבו כאַסאַן איז געבליבן שטיין לעבן דער וועראַנדע אַ ווייל אַ פּאַר־גליווערטער.

— וואָס טוסטו ביינאַכט ביי פּאַטמאַן? — האָט זי געפֿרעגט מיט אַ שטרענגען טאָן.

— איך?

— יאָ, דו. — האָט זי געוואָלט וויסן.

דאָ האָט זיך אַבו פֿאַרנייגט און אויסשטרעקנדיק די הענט, האָט ער שטיל געזאָגט:

— זאָל זי זיין געבענטשט פֿון אַללאַ פֿאַר דער גאַסט־פֿריינדלעכקייט, וואָס זי ווייזט אַרויס אַ היימלאָזן קנעכט.

ווי אַזוי שלום און אבו זיינען פֿריינט געוואָרן

דער ישוב אשל־יהודה מיט וועלכן עס בענטשט זיך יעדער איינער, ווער עס דערזעט אים נאָכדעם, ווי ער איז דורכגעגאַנגען, אָדער דורכגע־פֿאָרן די פֿאַרוואָרלאָזטע אַראַבישע דערפֿער אין דער געגנט, איז גאָרנישט אַזוי לאַנג צוריק געווען בלויז אַ שטיק זאַמדיקער שטח מיט אַביסל גראָז דאָ און דאָרטן און וואו נישט וואו אַ ביימל.

אַפֿילו די בעדואינער־משפחות, וואָס האָבן אַ טבע אין זייערע וואַנדע־רונגען פֿון אָרט צו אָרט זיך אָפּצושטעלן וואו נאָר עס איז דאָ אַביסל גרינס אויף אַזוי לאַנג ביז זייערע קעמלען, פֿריידעס און אייזלען עסן דאָס אויף, האָבן זעלטן באַטראַכט אַט דעם שטח, ווי אַן אָרט אויף וועלכן עס זאָל זיך זיי לוינען אויפֿצושטעלן זייערעביידלעך.

אָבער פּלוצלונג האָט זיך באַוויזן אַ גרופּע יידישע עקשנים, און זע — די ערד האָט אָפּגעטרייסלט פֿון זיך דעם זאַמדיקן אויבערפֿלאַך און אַנט־פּלעקט אַ רויטלעכע ליימיקייט, וואָס האָט, אויפֿנעמענדיק דעם מענטש־לעכן שוויס אין זיך, אַ שלאַג געטאָן מיט זאַפֿטן, וואָס זיינען געווען דורך דורות אין איר פֿאַרבאָרגן.

פֿונעם זאַמדיקן שטח איז אַ גרינער ישוב געוואָרן.

פֿון וואַנען האָבן זיך גענומען אָט די יידישע מענטשן, וואָס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַזוי פֿיל עקשנות?

זיי זיינען געקומען פֿונעם חלל צווישן הימל און ערד, וויל דאָרטן, וואו זיי האָבן געלעבט פֿריער איז נישט דער הימל געווען זייערער און נישט די ערד זייערע און מיטגעבראַכט האָבן זיי מיט זיך די עקשנות פֿון משה רבינוס שטעקן, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן וואַסער פֿון אַ שטיין.

עלטערע תושבים דערציילן נאָך היינט, ווי לאַנג עס האָט זיי גענומען ביז די פֿאַרהאַרטעוועטע ערד דאָרטן האָט אויפֿגעשלאָגן פֿון זיך דאָס וואַסער, וואָס איז איצט אַזאַ נאַטירלעכער און זעלבסטפֿאַרשטענדלעכער געברויך אין יעדער שטוב פֿונעם ישוב. עס האָט זיך געצויגן לאַנג, זייער לאַנג דאָס גראָבן און דאָס בויערן אין דער טיף ביז מען האָט דערפֿילט

די ערשטע פּייטקייט. געווען טעג, ווען די ספֿקות האָבן געגעסן די געמיטער, און מען האָט געקרעכצט צו זיך:

— אַן עקרה די ערד דאָ!

דעם איינציקן ביישפּיל, וואָס מען האָט געהאַט פֿאַר זיך איז געווען משה רבינוס שטעקן, און עס איז געווען אָט דער עקשנותדיקער שטעקן, וואָס האָט געשטאַרקט און געמוטיקט.

— איר זעט דאָך! — פֿאַרענדיקן די עטלעכע זקנים מיט טריאומף אויף זייערע צעאַקערטע פּנימער.

— מיר האָבן דאָ גענוג וואַסער.

דעם וואַסער זיינען נאָכגעקומען געוויקסן, און די געוויקסן זיינען נאָכגעקומען שטיבלעך. פֿריער קליינינקע, דערוויילִיק־אויפֿגעבויטע פֿון וואָס עס נישט איז, און שפּעטער גרעסערע, שטענדיקערע.

די ערשטע עטלעכע משפּחות האָבן אָנגעהויבן פֿאַרזייען, פֿאַרזעצן און פֿאַרפֿלאַנצן און אין דער צווישן־צייט האָט מען אויך אַליין געבויט. עס איז אָבער גלייך געוואָרן אויך אַרבעט פֿאַר נאָך. מען האָט געדאַרפֿט הילף און מען האָט אַריבערגעבראַכט יונגעלייט. פֿריער, ווען מען האָט געבויט שטיבלעך אויף דערווייל, האָט מען זיי געשטעלט וואו עס האָט זיך געלאָזט, אָבער ווען מען האָט שוין אָנגעהויבן צו בויען אויף שטענדיקייט, האָט מען זיך געכאַפּט, אַז מען מוז אויסגלייכן פֿריער דעם זאַמדיקן שטח.

— איר זעט די גלייכקייט פֿונעם שטח? — האָבן די זקנים געפֿרעגט און דערביי מיט שטאָלץ אין זייערע ווערטער צוגעלייגט נאָך אַ פֿראַגע:

— עס קוקט פֿאַר אייך אויס, ווי אָט אַזוי איז דאָ שטענדיק געווען? נישט אפֿשר?

אָט אַזוי פֿרעגן ביי אייך די זקנים, און אַז איר זענט נאָר אָנגעברייט צו הערן דערציילן זיי אייך, אַז דער גאַנצער שטח אָט דאָ איז געווען געבערגלט און געטאָלט.

— ווען בערגלעך זיינען שטיינערדיקע, איז מילא נו, אָבער, ווען די בערגלעך זיינען פֿון זאַמד, וואָס האָבן אַ טבע זיך צו לאָזן קעמען פֿון די ווינטן און אָפּטמאָל זיך איבערצוטראָגן פֿון איין אָרט צו דעם אַנדערן, איז דאָס שוין אַ היפּשע צרה.

וואונדער איבער וואונדער האָבן די זקנים צו דערציילן, ווי אַזוי מען האָט אָט די בערגלעך צעשאָטן אין די טאָלן און ווי אַזוי מען האָט זיי פֿאַרהאַרטעוועט, אַז אַ געביי זאָל שטיין פֿעסט און זיכער.

— דאָס איז געווען אַן אמת שטיקל אַרבעט!

די אַרבעט אויסצוגלייכן דעם שטח האָבן מערסטנס געטאָן עטלעכע יידישע יינגלעך, וואָס מען האָט אַריבערגעבראַכט אַהער און צוגעהאָלפֿן האָבן זיי אַ צאָל געדונגענע אַראַבער פֿון די נאָענטע דערפֿער.

איינער פֿון די יידישע יינגלעך איז געווען דער פֿלינקער, שוואַרץ־חנעוודיקער שלום און איינער פֿון די אַראַבישע יינגלעך איז געווען אַבו כאַסאַן פֿון דעם נאָענטן דאָרף וואַדי־לאַכאַר.

צווישן אָט די צוויי יינגלעך האָט די ערשטע צייט נישט געהערשט קיין שלום. אָפּטמאָל איז עס דערגאַנגען דערצו, אַז די פֿאַרוואַלטונג האָט זיך געמוזט אַריינמישן, און אַנגעמען מיטלען אָט קעגן שלומען און אָט קעגן אַבון. געווען מאָמענטן, ווען עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל איינעם פֿון זיי אינגאַנצן אַוועקשיקן פֿון דער אַרבעט, אָבער ווען עס האָט שוין געהאַלטן דערביי איז מען געשטאַנען פֿאַר אַ שווערן פּראָבלעם. אַוועקשיקן אַבון? עס קאָן זיך שאַפֿן איבער דעם אַ שנאה אינעם שכנהשן דאָרף וואַדי־לאַכאַר! נו, און שלומען? איז געווען אַ שאָד, וואָרעם אויסער וואָס ער איז געווען אַ גוטער און געטרייער אַרבעטער, האָט ער נאָך דערצו פֿאַרמאָגט אין זיך אַ חן, וואָס האָט אים ביי אַלע משפּחות זייער באַליבט געמאַכט. און גלאַט, ווי נעמט מען דאָס און מען שיקט אַוועק אַ יידיש בחורל, וואָס איז איינער אַליין אַריבערגעקומען אַהער פֿון רוסלאַנד?

און געווען איז דאָס ביז גאָר מאָדנע, וואָס כאָטש זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרומקריגן, האָבן זיי דאָך נאָר געוואָלט אַרבעטן צוזאַמען. וויפֿיל מאָל מען האָט זיי געוואָלט צעטיילן, האָט גאָרנישט געהאָלפֿן.

— איך מוז אַכטונג געבן אויף אָט דעם פּוילנצער! — האָט שלום געטענהט, און אַבו אויך אַזוי:

— ער זאָל אַפֿילו צעזעצט ווערן וועל איך, און נאָר איך דווקא, אַנפּילן זיין טאַטשקע!

אַלע האָבן געאַרבעט אין פּאָרלעך. איינער פֿלעגט אָנפּילן מיט אַ לאָפּעטע דאָס זאַמד פֿונעם בערגל אין טאַטשקע אַריין, און דער צווייטער

פֿלעגט דאָס אַוועקפֿירן איבער שמאָלע אויסגעלייגטע ברעטלעך און דאָס אויסשיטן אין אַ נידעריקן אָרט אַריין.

אַזוי אַנדערע פֿאַרלעך, און אַזוי שלום מיט אַבון.

נו, פֿלעגט טרעפֿן, אַז שלום איז געקומען מיט זיין אויסגעליידיקטער טאַטשקע און טרעפֿן די צווייטע נאָך נישט קיין אָנגעפֿילטע.

— אַט אַ פֿוילנצער! — פֿלעגט זיך שלום צעברומען אויף אַבון, און פֿאַרשטייט זיך, אַז אַבו האָט אים אָפּגעענטפֿערט.

נישט איין מאָל האָט געטראָפֿן, אַז אַבוס שוואַרצע אויגן האָבן זיך צעגליט מיט אַ פֿייער, ווי די זון איבער זייביידן, און דעמאָלט פֿלעגט ער שרייען אויף זיין אַראַבישן לשון שטופנדיק צוויי אויסגעצויגענע פֿינגער שלומען אין פּנים אַריין.

איינמאָל האָט עס שוין אָפּילו געהאַלטן ביי קלעפּ, אָבער דעמאָלט האָט זיך גראָד געטראָפֿן, אַז די יונגע דבורה בן־ימיני איז אָנגעקומען מיט אַ קרוג קאַלטע וואַסער, און דערזעענדיק, וואָס עס טוט זיך, האָט זי זיך אַריינגעמישט.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט זי זיך געבייזערט.

אין איר פֿליסיקן אַראַבישן לשון האָט זי זייער גיך באַרואיקט אַבון, און איבערגייענדיק אויף העברעאיש, האָט זי שטאַרק אויסגעשטראָפֿט שלומען.

— מען דאַרף נישט שרייען אויף אַבון — האָט זי זיך געבייזערט, און דערביי מוסיף געווען:

— ער איז אַ זון פֿון דער כּאַסאַן־משפּחה אין וואַדי־לאַכאַר, וואָס איז שטענדיק פֿריינדלעך צו אונדז אשל־יהודה'ער.

שלום האָט, פֿאַרשטייט זיך, געקאָנט דבורהן, ווי ער האָט געקאָנט אַלעמען אין אשל־יהודה. זי האָט אים אויך געקאָנט, ווי זי האָט געקאָנט אַלעמען, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די זאַמדן.

— די זאַמד־חברה! — האָט מען אין אשל־יהודה גערופֿן די בחורים, וואָס האָבן צעפֿירט דאָס זאַמד אין די נידעריקע ערטער. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט דער, אָדער יענער תּושב פֿונעם ישוב האָבן ביי זיך אַ יידישן זאַמד־בחור אויף אַ שבתדיקן מאָלצייט, און איינמאָל האָט שוין

אַפֿילו דבורה שלומען געהאָלפֿן סערווירן אַזאַ מאָלצייט, אָבער אין אַזאַ באָענטקייט, ווי דעמאָלט, ווען זי האָט זיך אַריינגעמישט און אים איבער־געדעדט, זיינען זיי געווען צום ערשטן מאָל.

שלומען האָט דערנאָך שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס ער האָט אויפֿגע־נומען דבורהס אויסרייד ווי עס געהער צו זיין, און אַפֿילו זיך פֿאַר־ענטפֿערט פֿאַר איר:

— סליחה, דבורה — האָט ער צו איר געזאָגט, און נאָך מער, ער האָט אַפֿילו צוליב איר איבערגעבעטן אַבון אויך:

— סליחה, אבו — האָט ער זיך אויך געווענדט צו אים, און אַבו איז נישט נאָר באַרואיקט געוואָרן, נאָר אַפֿילו צו אים אַ שמייכל געטאָן.

— טוב — האָט אַבו געענטפֿערט אין העברעאיש.

דבורה איז אַוועקגעגאַנגען מיט אַ שמייכל צו ביידן, און פֿון יענעם טאָג איז די צווייטע טאַטשקע שטענדיק געווען אַן אָנגעפֿילטע, ווען שלום האָט זיך אומגעקערט מיט זיין אויסגעליידיקטער.

ווי אַזוי דבורה און שלום האָבן זיך דערנעענטערט

פֿון יענער טרעפֿעניש אָן, אַז שלום פֿלעגט באַגעגענען דבורהן אין אַן אָוונט, צי אין אַ שבת נאָכמיטאָג, פֿלעגט ער שטיין בלייבן, און שטענדיק האָט ער געהאַט אַן אויסרייד פֿאַר זיין שטיין בלייבן:

— שלום, דבורה, איך האָב אייך נעכטן געהערט שפּילן אויף דער פּיאַנע.

— איז אייך געפֿעלן?

— געפֿעלן איז מיר, אָבער פֿאַרוואָס האָט איר געשפּילט שאָפּענען?

— מסתּמא איז מיר אומעטיק געווען, און אַז עס איז מיר אומעטיק, שפּיל איך שאָפּענען.

— און פֿאַרוואָס איז אייך אומעטיק, דבורה?

— איך ווייס נישט, שלום.

— און מיר איז קיינמאָל נישט אומעטיק — האָט ער שאַרף צו איר אַ זאָג געטאָן.

— קיינמאָל נישט? — האָט זי זיך געוואונדערט.

— איך לאָז אים נישט צו צו זיך! — האָט ער דערקלערט, און באַלד מוסיף געווען:

— אומעט איז אַ לוקסוס, וואָס נישט יעדערער קאָן זיך פֿאַרגינען.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אויפֿגעריסענע אויגן, ווי זי וואָלט אים צום ערשטן מאָל דערזען.

— איר זענט דאָ אַליין, שלום?

— אַליין, דבורה.

— און איר בענקט גאָרנישט נאָך אייערע עלטערן?

— איך האָב נישט קיין עלטערן.

— געשטאָרבן?

— געהרגעט געוואָרן.

— אין אַ פּאָגראָם?

— יאָ — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ, און דערביי צוגעלייגט:

— דורך אַ פּאָגראָם.

— וואָס הייסט דורך? — האָט זי געוואָלט וויסן.
שלומס פּנים איז טרויעריק געוואָרן, און ער האָט שטיל געזאָגט:
— דער פּאָגראָם האָט גורם געווען דעם טויט פֿון מײַנע עלטערן.
דבורהס האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. פֿון פּאָגראָמען האָט זי געוואוסט. זיי זײַנען געווען אין רוסלאַנד, אין דער אוקראַינע, פֿון וואַנען אירע עלטערן זײַנען אַהער געקומען. זי האָט אויך געוואוסט, אַז איר איינציק ברודערל, וואָס זי האָט געהאַט, איז אומגעקומען אויפֿן וועג אַהער. זי געדענקט נישט דאָס ברודערל, ווי זי געדענקט נישט אַ סך זאַכן, אָבער וויסן ווייסט זי, אַז טאַטע־מאַמע האָבן זיך געראַטעוועט פֿון אַ פּאָגראָם און זי געבראַכט אַהער, ווען זי איז נאָך גאָר אַ קליין קינד געווען.
זי האָט געוואָלט וויסן, ווער עס האָט אים אַהער אַריבערגעבראַכט, און ווי אַזוי.
— אַליין געקומען — האָט שלום געזאָגט.
— אַליין? — האָט זי זיך נישט אויפֿגעהערט צו וואונדערן.
— יאָ, אַליין, אויף אַ שיף פֿון אדעס.
— און עס בענקט זיך אײַך גאָרנישט אַהין פֿון וואַנען איר זענט אַוועקגעפֿאָרן?
— נאָך וועמען בענקען? — האָט ער געפֿרעגט, און דערפֿילנדיק אַ שטיקעניש אין האַלדז, האָט ער, ווי אויף להכעיס זיך אַליין, גאָר אַ לאַך געטאָן און געזאָגט:
— לאָמיר אויפֿהערן וועגן דעם. עס קאָן דאָך באַלד אונטערקומען דער אומעט, און ווער האָט צײַט פֿאַר אים?
דבורה האָט זיך אויך צעלאַכט.
זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו טרעפֿן אָפֿטער און אָפֿטער, און שטענדיק געפֿונען וועגן וואָס צו שמועסן.
איין מאָל האָט ער איר דערציילט וועגן אַ רײַכן פֿעטער זײַנעם, וואָס וואוינט אין אַמעריקע.
— אַ גוטער פֿעטער, ער האָט מיר געשיקט געלט און אַ שיפֿסקאַרט, אַז איך זאָל אַריבערקומען צו אים.
— נו? — איז זי נײַגעריק געוואָרן.
— די שיפֿסקאַרט האָב איך צוריקגעשיקט, און דאָס געלט האָט מיר געהאָלפֿן קומען אַהער.

— צו די זאַמדן — האָט ער צוגעלייגט, און זיך שטיל צעלאַכט פֿאַר זיך אַליין.

— וואָס זשע לאַכט איר, שלום?

— ווייל מיר איז גוט, דבורה.

זי האָט אים געוואָלט פֿרעגן פֿאַרוואָס איז אים אַזוי גוט, אָבער אויפֿכאַפּנדיק זיינע גליאיקע אויגן אויף איר פּנים, האָט זי נישט געפֿרעגט.

שפּעטער זיינען די באַגעגענישן געוואָרן נאָך אָפֿטערע, און ביסלעכווייז זיינען זיי געוואָרן אַ נויטיקייט פֿאַרביידן.

— נו, און מיט אַבון קריגט איר זיך נאָך אַלץ? — האָט זי געוואָלט וויסן.

— ניין, דבורה, איך קריג זיך נישט מיט אים מער.

— דאָס איז גוט — האָט זי אויסגעדריקט איר צופֿרידנקייט, און דערביי אים געגעבן אַן אויפֿקלערונג:

— מיר מוזן זוכן פֿריינדשאַפֿט מיט די שכנישע אַראַבער.

דאָ האָט שלום דערפֿילט אַ באַגער זיך אַ רייץ צו טאָן מיט איר, און ער האָט געפֿרעגט:

— האָט טאַטע־מאַמע אייך אַזוי געלערנט?

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פֿאַרוואורף, און מיט אַן אויפֿגערייצטן טאָן געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס עפּעס טאַטע־מאַמע?

— ווייל אַט אַזוי רעדן דאָ אַלע עלטערע מענטשן — האָט ער געזאָגט, און סאַרקאַסטיש אַ לאַך געטאָן.

— נישט שטענדיק זיינען די עלטערע מענטשן אַזעלכע נאַראָנים, ווי יונגעלייט טראַכטן וועגן זיי — האָט זי אים אַ שטעכעלע געטאָן.

— אָ דבורה! — האָט ער אויסגערופֿן.

פּלוצלונג האָט שלום דערפֿילט, אַז דער שמועס איז בכלל נישט אַזאַ, וואָס גייט אים אָן, און ער האָט אים אַוועקגעפֿירט אויף עפּעס אַנדערש:

— נעכטן אָוונט האָט איר געשפּילט באַזונדער גוט — האָט ער אָנגעהויבן און פֿאַרענדיקט:

— מאָצאַרט איז מיר אַ סך נעענטער ווי שאָפּען.

— און וואָס האָב איך געשפּילט אויסער מאָצאַרטן? — האָט זי אים גענומען עקזאַמינירן.

— יאָ, יאָ, — האָט ער זיך דערמאָנט, און געפּרובירט צו טרעפֿן, וואָס אַזוינס דאָס איז געווען.

— עפּעס האָט דאָס געקלונגען, ווי יידישע זמירות — האָט ער אַרויסגעזאָגט זיינע מבינות.

דבורה האָט זיך צעלאַכט און דאָ האָט זי דערפֿילט, ווי זיך מיט אים אַ רייץ צו טאָן:

— עס זעט אויס, אַז אין די אָוונטן שטייט איר גאָר הינטער מיין פֿענצטער.

— און ווי ווייט איז דען מיין ביידל פֿון אייער פֿענצטער?

דבורה האָט אויפֿגעהויבן אירע בליקן צו די עטלעכע ווייסע, לייוונטענע ביידלעך, וואָס האָבן זיך געשטאָכן מיט זייערע שפּיצן אין אָוונטיקן חלל אַריין, און זי האָט לאַנג און שטיל צו זיך געשמייכלט:

— איר הערט מיין שפּילן אין אייער ביידל?

— אַמאָל גיי איך אַרויס און שפּאַציר אַרום אייער גאָרטן.

— זייט פֿאָרזיכטיק ביים אַריינגאַנג, די טרעפּ זיינען פֿון צונויפֿגע־לייגטע רויע שטיינער — האָט זי אים געוואָרנט.

— איך ווייס — האָט ער געענטפֿערט, און צום ערשטן מאָל געוואַגט צו נעמען איר האַנט אין זיינער.

— שלום.

— יאָ, דבורה?

אַ וויילע האָט זי געשוויגן. דערנאָך האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים, און שטיל געזאָגט:

— איר קאָנט אַמאָל אַריינקומען, אויב אייך ווילט זיך, צו אונדז אין שטוב אַריין.

— אַ דאַנק — האָט ער געזאָגט, דריקנדיק שטאַרק איר האַנט, וואָס ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין זיינער.

— איך וועל שפּילן פֿאַר אייך נאָר מאָצאַרטן — האָט זי צו אים גע־מורמלט, און אַליין נישט געוואוסט וויפֿיל וואַרעמקייט עס איז געווען אין איר קול, ווען זי האָט צו אים אָט די ווערטער געמורמלט.

— אויך די זמירות? — האָט ער שטיל געפֿרעגט.

— אויך די זמירות — האָט זי נאָך שטילער אים געענטפֿערט.

אַ פֿערד־געיעג אין אשל־יהודה

צווישן שלומען און אַבו כאַסאַנען האָט געהערשט, אויב נאָך נישט קיין פֿריינדשאַפֿט, זיינען אָבער די באַדינגונגען זיכער געווען פֿריינדלעכע ביי דער אַרבעט. אַבו האָט געטאָן זיינס בשלימות, און אַפֿילו, ווען עס האָט זיך אַמאָל געטראָפֿן, אַז די טאַטשקע איז נאָך נישט געווען איינגנאַצן אָנגעפֿילט און שלומען איז אויסגעקומען אונטערצוואַרטן אַביסל, האָט ער זיך אויך נישט מער אָנגעבלאָזן, ווי עס איז געווען זיין טבע איידער דבורה האָט זיך אַריינגעמישט.

פֿון מחלוקתן צווישן זיי איז אָפּגערעדט. נישט אַבו האָט געגעבן אַ געלעגנהייט און נישט שלום האָט אַזוינס געזוכט.

אָבער איינמאָל האָט יאָ געטראָפֿן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געקאָנט פֿירן צו אַ באַנייטער שנאה, און אפֿשר אויך אַפֿילו צו בלוט־פֿאַרגיסונג, אָבער אויך דעמאָלט איז דאָס געווען שלום, וואָס האָט דאָס אויסגעמיטן.

איז דאָס געווען ביי אים צוליב דבורהן? קאָן זיין, אַז יאָ, אָבער שפּע־טער האָט אים אַליין זייער שטאַרק הנאה געטאָן פֿאַר זיין טאַקט, וואָרעם ער האָט געפֿירט צו אַ גרויסער און שטאַרקער פֿריינדשאַפֿט צווישן אים און אַבון.

געשען איז דאָס אַזוי.

נאָך אַ פּאָר חדשים אַרבעט איבער די זאַמד־בערגלעך, האָט דער שטח אָנגעהויבן צו קריגן גאָר אַן אַנדער פּנים. איצט האָט מען שוין געצויגן פּאַסן פֿאַר געסלעך און גאַסן. מען האָט שוין אָנגעהויבן צו פֿאַרזעצן איקאַליפּטוס בוימלעך ביי די זייטן, און דאָ און דאָרטן האָט מען שוין אַפֿילו פֿאַרלייגט פֿונדאַמענטן פֿאַר שטענדיקע הייזער אינעם ישוב.

עס האָט אויפֿגעזונגען די פֿרייד פֿון דערגרייכונגען אין אַלעמענס הערצער, קוקנדיק אויפֿן אויסגעגלייכטן שטח, און די פֿרייד איז געקומען צום אויסדרוק אין חגיגהלעך, וואָס מען האָט דורכגעפֿירט פֿון צייט צו צייט.

אָנטייל גענומען אין די חגיגהלעך האָבן די תּושבים און די פּועלים. אַפֿילו די אַראַבישע פּועלים זיינען אויך געווען שטענדיק פֿאַרבעטן. קיין



גרויסע געביידע איז אין אשל־יהודה נאָך נישט געווען, פלעגן די חגיגה־לעך דורכגעפירט ווערן אין דרויסן אונטערן פרייען הימל.

און געלעגנהייטן פאַר חגיגהלעך זיינען וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ מער און מער. דאָ האָט מען אויפגעריסן אַ נייעם שטח ערד, דאָרטן האָט מען פאַרפלאַנצט נייע בוימער. שפּעטער האָט מען געקראָגן אַזאַ גוטן טעם אין אָט די חגיגהלעך, אַז מען האָט שוין אַזעלכע אַפילו גאַנץ אָפט צוגעטראַכט. ווען נאָר ביי עמעצן אין שטעלכל איז געבוירן געוואָרן אַ קעלבעלע, אַ לאַשעקל, אַדער אַן אייזעלע, איז דאָס געוואָרן אַ סיבה פאַר אַן אַלגעמיינעם יום־טוב. אַפגערעדט, אַז ביי עמעצן איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, צי עס איז צוגעקומען אַ נייער תושב, אַדער אַפילו אַ נייער יידישער אַרבעטער אינעם ישוב אשל־יהודה.

די חגיגהלעך אין אשל־יהודה האָבן אָנגעהויבן צו קריגן אַ שם אין דער גאַנצער סביבה.

— אַ פריילעכע חברה, די אשל־יהודה׳ער — פלעגט מען רעדן אין די שכנישע ישובים ביי יידן און אַפילו אויך ביי די אַראַבער.

מיט דער צייט האָט מען טאַקע אָנגעהויבן צו קומען אויף די חגיגה־לעך קיין אשל־יהודה פון די שכנישע ישובים.

עס פלעגן קומען יידן און אויך אַראַבער, און נישט איינמאָל האָט מען זיך אויסגעמישט און זיך געפרייט צוזאַמען.

די אַראַבער פלעגן מיטברומען די יידישע נגונים, און צופּאַטשן מיט די הענט צו די יידישע טענץ, און נישט איינמאָל פלעגן די אַראַבער אויף די בקשות פון די יידן אויפזינגען אַראַבישע געזאַנגען און באַווייזן, וואָס פאַר אַ מייסטערס זיי זיינען אויך אין זייערע טענץ.

האָט געטראָפן, אַז איינמאָל האָט מען באַשלאָסן אויף אַזאַ יום־טוב דורכצופירן אַ פערד־געיעג צווישן די רייטער, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן יום־טוב.

— אַ פערד־געיעג, אַ פערד־געיעג!

— פאַנטאַזיע! — האָבן זיך די אַראַבער געפרייט.

אָט דער איינפאַל האָט באַזונדער שטאַרק אויסגענומען ביי די אַראַבישע געסט, וואָרעם עס איז דאָך אַ באַוואוסטע זאַך, אַז די אַראַבער זיינען שטאַרק פאַרקאַכט אין פערד־געיעגן.

ווען דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן האָבן זיך אַפּילו געפֿונען עטלעכע יידן, וואָס זיינען געווען אומצופֿרידן:

— זיי זיינען בעסערע רייטער פֿון אונדז, און מיר וועלן בלייבן די פֿאַרלירער — האָבן די אומצופֿרידענע געמורמלט, אָבער עס איז שוין געווען סיי ווי צו שפּעט צוריקצוציען זיך.

עס האָבן וואָלונטירט דריי יידישע בחורים און דריי אַראַבישע. צווישן די יידישע איז געווען שלום און צווישן די אַראַבישע אַבו.

דבורה האָט מיט טאַטע־מאַמעס הסכמה אַרויסגעפֿירט פֿאַר שלומען פֿון זייער שטעלכל אַ יונגע, ברוינע שקאַפּע:

— זי איז אַ פֿלינקע און אַן אומרואיקע — האָט זי געוואָרנט שלומען, און דערביי מוסיף געווען:

— זיי פֿאַרזיכטיק אויף איר.

אַבו כאַסאַן האָט ממש געשטראַלט פֿון גליק, ווען מען האָט אים דער־לויבט זיך אויסצוקלייבן, וואָס פֿאַר אַ פֿערד עס געפֿעלט אים צווישן די פֿערד, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין ישוב. אים איז ביז גאָר וואויל גע־פֿעלן געוואָרן, וואָס ער וועט היינט קאָנען באַווייזן, וואָס ער קאָן, וואָרעם אין זיין דאָרף וואַדי־לאַכאַר איז ער געווען באַקאַנט פֿאַר דעם בעסטן און פֿלינקסטן רייטער. דערצו האָט ער אויך געהאַט אַ שטאַרקן באַגער זיך אַרויסצוואַווייזן פֿאַר שלומען.

זאָל ער זען, וואָס אַבו כאַסאַן איז — האָט ער זיך געפֿרייט, וואָרעם ביי אים איז גאָר קיין ספֿק ניט געווען, אַז ער וועט אַרויס דער ערשטער אינעם געיעג.

עס איז געווען אַן אָוונט, ווען די לבנה איז אַ פֿולע, און עס איז געווען אַזוי ליכטיק, ווי עס איז בכלל ליכטיק אין די אָוונטן פֿון יהודה, ווען די לבנה איז אַ פֿולע.

אַ העל־בלוי ליכט איז געווען אויסגעגאָסן איבער דעם ישוב און דאָס זאַמד האָט געפֿינקלט מיט בלויען, געשייערטן זילבער.

ווען אַבו כאַסאַן האָט געזאָטלט זיין פֿערד, און איינגעצויגן דאָס צוימל, האָט ער געוואָרפֿן אַ בליק אויף שלומען, וועלכער האָט אויך דאָס זעלבע געטאָן:

— אַ וואויל שקאַפּקעלע דיינס — האָט אַבו געזאָגט, און שמייכלענדיק מוסיף געווען:

— מיט אַזוינס דאַרף זיין גרינג צו געווינען?

— יאָ — האָט שלום מסכים געווען, און מיט אַ געמאַכטער באַשיידנ־קייט געברומט אונטער נאָז:

— דאַרף מען דאָך אָבער זיין אַ רייטער.

— איז פֿאַרוואָס זשע נעמסטו זיך אונטער, אַז דו ביסט נישט קיין געניטער רייטער? — האָט אַבו געוואָלט וויסן.

— מער ווי פֿאַרלירן קאָן איך דאָך נישט — האָט שלום זיך פֿאַר־ענטפֿערט.

אַבו האָט געשמייכלט אונטערן נאָז און איז אַרויף אויף זיין פֿערד.

דער קרייז פֿאַרן געיעג איז באַשטימט געוואָרן דורכן ברייטן וועג, וואָס פֿירט פֿון יפֿו קיין ירושלים. פֿון דאָרטן רעכטס דורכן שמאָלן, וואָס ציט זיך פֿאַרביי וואַדי־לאַכאַר, און דערנאָך דורכן זאַמד צוריק קיין אשל־יהודה.

מען איז אַרויף אויף די פֿערד, און די יידן האָבן אָנגעהאַנגען די איינציקע האָפֿענונגען אויף זלמן דעם שומר פֿון רחובות, וואָס איז דעמאָלט צופֿעליק געווען צווישן די געסט.

— זלמן, באַווייז זיי, וואָס דו קאָנסט! — האָט מען אים געמינטערט.

עס איז געגעבן געוואָרן דער צייכן, און זעקס רייטער אויף זעקס פֿערד האָבן זיך אַ ריס געטאָן אין אַ ווינטיקן גאַלאָפּ צום ברייטן וועג. אין די ערשטע עטלעכע רגעס זיינען אַלע זעקס געווען איין יאָגנדיקע מאַסע פֿון אונטער וועלכער עס האָט זיך אַ הויב געטאָן אַ געדיכטער שטויב, וואָס האָט זיי כּמעט ווי פֿאַרשטעלט פֿון אַלעמענס אויגן. באַלד האָט די מאַסע זיך פֿאַנאַנדערגעריסן אין זעקס באַזונדערע שוועבנדיקע טיילן, און דער שטויב איז שיטערער און דינערער געוואָרן און אינעם שיין פֿון דער פֿולער לבנה האָט ער זיך פֿאַרוואַנדלט אין דינע שוועבנדיקע ליילעכער.

דער עולם איז געשטאַנען מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. איצט האָט מען שוין גאָרנישט געזען, נאָר צו די אויערן האָט זיך דערטראָגן אַ טויבע טופּעריי, וואָס איז יעדע רגע נאָך טויבער געוואָרן.

די דערוואַרטונג האָט געדויערט נישט מער, ווי געציילטע מינוטן, אָבער ביז דאָס טופּעריי האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו הערן שאַרפֿער און שאַרפֿער, איז יעדע מינוט געווען פֿאַר יעדן איינציקן אַן אייביקייט. אָט זעט מען זיי זיך שוין טאַקע אומקערן. יעדע רגע ברענגט זיי נעענטער

און נעענטער. דעם עולם איז אָנגעשטרענגט. ווען די רייטער האָבן זיך באַוויזן אויף צוריקוועגס אין דער נאָענטקייט איז צו דער אויפגעברויזט־קייט קיין גרענעץ נישט געווען. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס זייַנען נישט נאָר די מענטשן, וואָס זייַנען געווען פאַרזאַמלט, נאָר אַפילו די לופט איז געווען אויפגעברויזט און די לבנה אויך. אָט, אָט, און איר גרויס זילבערן פּנים וועט אַ טראַסקע טאָן און זיך אפשר גאָר צעשפּאַלטן אויף צווייען.

— זעט, זעט, אָט איז שלום?

— ער איז דער ערשטער?

— ניין, אָט איז אַבו!

— ביידע גלייך:

— נאָז און נאָז!

— הידד פאַר שלומען!

— הידד פאַר אַבון!

אָט אַזוי האָט מען געשריען, געליאַרעמט, און זיך געשטופּט צו זיי ביידן.

אָבער דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַרויסגערופן ביי אַלע־מען דערשטוינונג.

ווען ביידע ערשטע רייטער זייַנען אַרונטער פון זייערע פערד, האָט אַבו זיך צאַרנדיק אַ וואָרף געטאָן אויף שלומען, און בייז אויסגעשריען:

— צוויי זונען קאָנען נישט שייַנען!

—אַבו — האָט שלום געפּרובירט באַרואיקן דעם אויפגערייצטן אַראַ־בישן יונג, אָבער דערזעענדיק אין אַבוס האַנט אויפבליצן אַ מעסער, האָט ער אים פלינק געטאָן אַ שלאָג אַרויס, און אַרומגעכאַפּט אַבוס פיגור מיט אַזאַ שטאַרקייט, אַז יענער האָט זיך גענומען בויגן אין דרייען.

— לאָז אָפּ! — האָט ער זיך צעשריגן.

דער עולם איז אויף אַ מינוט אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט אין דער צעטומלעניש נישט געוואוסט, וואָס עס גייט דאָ אין דער אמתן פאָר, און ווי צו האַנדלען.

— וואָס איז געשען? וואָס איז געשען?

אָבער דאָ האָט זיך דערהערט שלומס קול, וואָס האָט אַ שלאָג געטאָן אין אַלעמענס אויערן:

— מענטשן, רואיק! אַבו איז גערעכט!

דער עולם האָט זיך גענומען באַרואיקן, און האַלטנדיק אַבון נאָך אַלץ אין זיינע שטאַרקע הענט, האָט שלום אין אַ רואיקן טאָן דערקלערט:

— איר האָט שלעכט געזען. אַבו מיין פֿריינד איז אַנגעקומען מיט אַ נאָז פֿאַר מיר.

האָט דער עולם פֿאַרשטאַנען דעם וואונק, וואָס שלום האָט מיט זיינע ווערטער געגעבן? עס זעט אויס, אַז די יידן האָבן באַלד באַנומען דעם מיין פֿון שלומס ווערטער, און זיי האָבן די ערשטע אָנגעהויבן שרייען:

— הידד פֿאַר אַבו כאַסאַן פֿון וואַדי־לאַכאַר!

— אַבו איז אַ גרויסער רייטער!

— וואַדי־לאַכאַר מעג זיין שטאָלץ מיט אַבון!

— הידד פֿאַר וואַדי־לאַכאַר!

ערשט דעמאָלט האָט שלום אָפּגעלאָזט פֿון זיינע הענט אַבון, און דער באַפֿרייטער האָט זיך געשעמט אויפֿצוהויבן דאָס אַרויסגעשלאָגענע מעסער זיינס, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין זאַמד.

אויף מאָרגן, ווען דבורה איז פֿאַרבייגעגאַנגען דאָס אָרט, וואו אַבו כאַסאַן איז געשטאַנען און געאַרבעט, האָט ער זיך נידעריק פֿאַרנויגט פֿאַר איר און שטיל צו איר געזאָגט:

— שלום איז אַ לעמפּערט, און איך בין אַן אייזל.

אָט אַזוי האָט ער געזאָגט, און דבורה האָט באַנומען, אַז דאָס גע־שעניש ביים נעכטיקן פֿערד־געיעג האָט אויפֿגעוואַרעמט אַ פֿריינד־שאַפֿט אין אַבוס האַרץ צו שלומען, וואָס קיין זאַך וועט שוין נישט צעשטערן.

ווען זשע וועט זיך פֿאַרט באַווייזן אַדון שלום?

עס איז געווען אין טעג, ווען די ענגלישע אַרמיי האָט שוין געהאַט פֿאַרנומען כּמעט גאַנץ ארץ־ישראל.

אין אַלע ישובים פֿון יהודה און גליל האָט מען גערעדט וועגן דעם אַריינמאַרש פֿון דעם באַרימטן גענעראַל אַלענבי קיין ירושלים.

— די שטאָט איז איינגענומען געוואָרן כּמעט אָן אַ שאָס — האָט מען דערציילט, און דערביי זייער שטאַרק באַוואונדערט דעם גרויסן גענעראַל אַלענבי.

אין זאַך האָט צעשטערט אַביסל די שמחה, וואָס איצט האָט מען שוין געוואוסט אויף זיכער, אַז אַ ייד איז דער גענעראַל מאַנאַש, און אַז אַלענבי איז אַן אמתער ענגלענדער, אָבער געטרייסט האָט מען זיך דאָך, אַז די ענגלענדער האָבן אַ גאָר גרויסע שייכות מיט יידן.

— אַ סברה, אַז די ענגלענדער זיינען אייניקלעך פֿון די עשרת השבטים, וואָס זיינען פֿאַרלוירן געוואָרן, און מען ווייסט נישט, וואוהין זיי זיינען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן — האָבן יידן געטייטשט.

— אַ סימן די ביבל.

— אַ קלייניקייט די ביבל אין ענגלאַנד!

— אַן אמתער ענגלענדער וועט זיך דיר נישט קיין ריר טאָן אָן דער הייליקער ביבל.

זיינען אָט די ווערטער געווען אַביסל טרייסט. ספּעציעל האָבן זיך געקוויקט מיט אָט די ווערטער די עלטערע און די פֿרומע יידן.

און אַז מען האָט גערעדט וועגן אַלענבים אַריינמאַרש קיין ירושלים זיינען אַלערליי בילדער געמאָלן געוואָרן.

מען האָט געמאָלן אַלענבין אויף אַ מעכטיקן ווייסן פֿערד, און אַן אַרמיי, וואָס האָט זיך געצויגן הינטער אים מיילן און מיילן באַוואָפֿנט מיט אַלערליי כּלי־זין.

— אַ געוואַלד געווען אָנצוקוקן! — האָט מען זיך פֿאַסמאַקעוועט מיט די אייגענע ווערטער.

עס האָבן נישט געפֿעלט, פֿאַרשטייט זיך, די העראָלדן אויף היציקע פֿערדלעך אויסגעפּוצט אין פֿאַרביקע קליידער און מיט לאַנגע זילבערנע טרומייטערס. עס זיינען געווען קאַפּעליעס אויך, וואָס האָבן פֿאַרהילכט אַלע גאַסן פֿון ירושלים מיט זייער מוזיק.

— אַ קלייניקייט אַריינמאַרשירן ווי זיגער קיין ירושלים!

— דער מופֿטי איז אַנטקעגנגעקומען, און איז געפֿאַלן אויף די קני.

— אַללאַ, זאָל דיך בענטשן!

— אַ גאַנצע מחנה מיט בישאָפֿן האָבן מיט די פֿינגער געצלמט די לופֿט אַנטקעגן גענעראַל אַלענביס פֿערד.

— יעזוס זאָל דיך באַשיצן!

— דער רב־הכּולל איז אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ ספֿר־תּורה און דער גענעראַל האָט זי אַ קוש געטאָן.

— יברך אדושם — האָט דער רב־הכּולל געזאָגט אין העברעאיש.

— ווי דען, עס איז דאָך די ביבל!

— אַ קלייניקייט די ביבל פֿאַר אַן ענגלענדער!

אָט אַזוי האָבן יידן געשמועסט צווישן זיך. מעשׂות אויף מעשׂות זיינען געוואַקסן און זיך געמערט און בילדער געזעענע אין די אייגענע פֿאַנטאַזיעס האָט מען געמאָלן איינע פֿאַר די אַנדערע, גלויבנדיק באמת, אַז מען האָט זיי געזען מיט די אייגענע אויגן.

געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געווען מער פֿאַראינטערעסירט אין אַדון שלומען מיט זיינע יידישע לעגיאָנערן, וואָס זיינען געקומען אַזש פֿון אַמע־ריקע, קאַנאַדע און אַרגענטינע, און מען האָט געוואָלט וויסן:

— איז אדון שלום אויך געווען אינעם אַריינמאַרש קיין ירושלים! האָבן די יידישע לעגיאָנערן געטראָגן די בלוי־ווייסע פֿאָן מיטן מגן־דוד? וואָס האָבן די דאָרטיקע יידישע איינוואוינער געזאָגט? ווי אַזוי האָבן זיי זיך געהאַלטן, האַ?

אויך אָט די פֿראַגעס זיינען חלילה נישט געבליבן אָן אַן ענטפֿער. עס האָט זיך שטענדיק געפֿונען עמעצער, וואָס האָט אַליין געהערט, ווי אַן אַנדערער האָט געזען און ער האָט געענטפֿערט מיט אַ זיכערקייט, ווי ער איז אַליין דערביי געשטאַנען:

— סאַראַ שאלה! ווי דען?

— איז אַדון שלום אויך געווען אויף אַ פֿערד, ווי דער גרויסער גענעראַל אַלענבי?

— אויף אַ פֿערד! נאָך וואָס פֿאַר אַ פֿערד!

דאָ האָט זיך עמעצער דערמאָנט, וואָס פֿאַר אַ רײַטער שלום איז געווען נאָך ווען ער האָט דאָ אין אשל־יהודה געאַרבעט בײַ די זאַמדן, און ער האָט אויסגערופֿן:

— אַ פֿערד, ווי אַן אָדלער, און ווײַס, ווי שניי.

— איך בין זיך משער, אַז ער האָט אויסגעקוקט אויף דעם נאָך שענער און אײַנדרוקספֿולער, ווי דער ענגלישער גענעראַל — איז שוין אַן אַנדערער אַרײַן אין גאָר געהויבענעם ענטוזיאַזם, אַז די אַקסלען האָבן זיך בײַ אים אַזש צעצוקט.

און אַז עס האָט שוין געהאַלטן בײַ השערות, האָט אײנער זיך גאָר צעזונגען מיט אַ גמרא־ניגון:

— און אפֿשר איז אַ פֿערד בײַ אים געווען לאו־דווקא, האַ? אפֿשר איז ער גאָר אַרײַנגעריטן אויף אַן אײזעלע, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן.

— נו, נו — האָט שוין אַ ייִנגערע אָװעקגעמאַכט מיט דער האַנט, און דער שמועס איז אַריבער וועגן דער דעקלאַראַציע פֿונעם לאָרד באַלפֿור.

— דאָס קאָן דאָך מײנען, אַז מיליאָנען ייִדן וועלן זיך אַ ציִ טאָן אַהער!

— מיליאָנען?

— נו, יאָ, פֿאַרוואָס נישט? דער גאַנצער גלות וועט זיך אַריבערוואַרפֿן צו אונדז אַהער.

— דער גאַנצער גלות?

אַ מיטל־יאָריקער ייִד מיט זײַער דיקע ברילן אויף זײַנע קורצזיכטיקע אויגן האָט אָנגעהויבן טרײסלען מיטן קאָפּ און דערקלערט, אַז אַזוינס איז אַן אוממעגלעכע זאַך.

— אַן אוממעגלעכע זאַך?

— אוודאי אַן אוממעגלעכע זאַך! — האָט זיך דער ייִד מיט די דיקע ברילן אויף זײַנע קורצזיכטיקע אויגן אײַנגעקעשנט.

און אַז מען האָט פֿאַרט געוואָלט וויסן פֿאַרוואָס דאָס איז אַן אוממעגלעכע זאַך האָט ער געגעבן אַן ענטפֿער, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַן „ערשטנס" מיט אַ „צווייטנס".

— עס איז דאָ אַ „דריטנס״ אויך, און אפֿשר אַפֿילו אַ „פֿערטנס״, נאָר דער „ערשטנס״ מיטן „צווייטנס״ זיינען אויך גענוג — האָט דער ייד זיך שטאַרק צעקאָכט.

— וואָס זשע זיינען זיי — האָט מען געברענט פֿון נייגעריקייט, און מען האָט זיך ביי אים געבעטן:

— זאָגט שוין, נו? אַ טבע פֿון אַ מענטשן צו ציען די עצמות!

— אדרבה, לאָמיר הערן.

און אַז דער ייד האָט געזען, אַז איצט איז ער שוין טאַקע דער צענטער פֿון אַלעמענס אויערן, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזע פֿון אַ גרויס־פּאָליטיקער, בשעת ער האַלט אַ רעדע אין אַ פּאַרלאַמענט. די אויגן האָבן זיך ביי אים פֿאַרזשמורעט און מיט פֿאַרבויגענע פֿינגער אויף זיין אויפֿגעהויבענער רעכטער האַנט האָט ער ענדלעך אָנגעהויבן:

— ערשטנס, איז ביי אונז אין לאַנד נישטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר די יידן פֿונעם גאַנצן גלות.

— נישטאָ קיין פּלאַץ? וואָס הייסט סע נישטאָ?

דער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן און שוין געוואָלט מיט אים דיס־קוטירן די פֿראַגע צי עס איז יאָ, אָדער נישט דאָ אין לאַנד קיין פּלאַץ פֿאַר אַלע יידן פֿון גלות, אָבער עס האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך צעשריען:

— שאַט! שטיל זאָל זיין! לאָמיר אויך הערן, וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן צווייטנס

און דער „צווייטנס״ האָט אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטן! ער איז גלייך געקומען:

— צווייטנס וואָלט דאָס געווען אַ גרויסער אומגליק!

— אַן אומגליק?

— נו, אוודאי אַן אומגליק! נאָך מער ווי אַן אומגליק! אַ גאַנצע קאַטאַסטראָפֿע וואָלט דאָס געווען! — האָט דער ייד זיך צעשריען, און זענדיק, ווי דער עולם אַרום אים איז איצט שטאַרק געשפּאַנט, האָט ער ביי אים אַ פֿרעג געטאָן מיט זייער שאַרפֿער באַטאָנונג:

— ווייסט איר דאָך דעם זין פֿון דעם דור המדבר? האָט איר זיך קיינמאָל נישט געשטעלט די פֿראַגע פֿאַרוואָס משה רבינו האָט געהאַלטן דעם דור המדבר גאַנצע פֿערציק יאָר? אויב איר האָט זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם, ווייסט איר, אַז ער האָט געהאַלטן יענע יידן אין דער מדבר אַזוי לאַנג ביז זיי זיינען אויסגעשטאָרבן, וואָרעם אַ שיין ארץ־ישראל וואָלט געווען, ווען אָט דער ערב־רב וואָלט אַריינגעקומען אין ארץ־ישראל!

אָט אַזוי האָט זיך געקאָכט דער ייד מיט די דיקע אויגנגלעזער אויף די קורצזיכטיקע אויגן און נאָכן משל איז גלייך געקומען דער נמשל:

— ווי וואָלט אויסגעזען דאָס לאַנד מיט אָט די יידן? זיי וואָלטן דאָך געריידט פֿרעמדע שפּראַכן, און דאָס לאַנד וואָלט גלייך פֿאַראומווירדיקט געוואָרן מיט זייער זשאַרגאָן.

דערהערנדיק דעם „צווייטנס", האָט דער עולם אינגאַנצן פֿאַרגעסן דעם „ערשטנס" און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿייערדיקער וויכוח. אַנדערע האָבן געוואָלט האָבן, אַז עפּעס איז דאָ אין דעם, וואָס איז ערשט געזאָגט געוואָרן, און אַז מען דאַרף זיין פֿאַרזיכטיק ווען יאָ אויפֿצונעמען און ווען נישט, עס האָבן זיך אָבער געפֿונען, אמת נישט קיין סך, נישט מער ווי צוויי יונגעלייט, וואָס האָבן נישט מסכּים געווען.

— ווייס איך וואָס ער פּלאַפּלט דאָרט — האָט זלמן דער געוועזענער שומר זיך געקרימט און אָװעקגעמאַכט די רייד פֿון יענעם יידן צו ווען אַלע האָבן זיך צוגעהערט.

— אַ ייד רעדט אַזעלכע שטותריי!

אָבער דער צווייטער יונגערמאַן, מיכאל וויינמאַן, וואָס האָט געאַרבעט ביי די פּוכאַנינס אין דער נוס־פּלאַנטאַציע, האָט זיך אָנגעצונדן, ווי אַ העליש פֿייער.

— איר רעדט, ווי אַן עוכר ישראל! — האָט ער זיך צעשריגן אויף דעם יידן.

— געהערט אַ מעשה! העברעאיש איז אונדז טאַקע טייער, אָבער דאָס פֿאָלק ישראל איז נאָך טייערער!

אָט דער שטורעמדיקער שמועס איז פֿאָרגעקומען אינמיטן געסל, נישט ווייט פֿון דעם אַריינגאַנג אין פּוכאַנינס גאָרטן אַריין. עס איז געווען שבת שפּעט נאָכמיטאָג. געאַרבעט האָט מען נישט, און מען האָט דערפֿאַר

געהאַט צייט צו שטיין און שמועסן. ווער ווייסט צו וואָס אַט די דיסקוסיע וואָלט געוועזן דערפֿירט, ווען עס באַווייזט זיך נישט פּלוצלונג אַדון מנשה פוכאַנין.

—שאַט, שאַט, אַט איז אַדון פוכאַנין!

דערזעענדיק מנשה פוכאַנין האָבן ערשטנס אַלע אים געוואונטשן דעם שיינעם גוט־שבת, און צווייטנס האָט מען געוואוסט, אַז פֿון אים קאָן מען דאָך טאַקע הערן די אמתע נייעס.

— גוט שבת, אַדון פוכאַנין. וואָס זשע וועט איר אונדז זאָגן?

און אַדון מנשה פוכאַנין האָט ווירקלעך געהאַט נייעס. דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין די נייעס איז געוועזן דאָס, וואָס אין אַלע יידישע ישובים, וואָס זיינען שוין באַפֿרייט פֿון די טערקן, שליסן זיך אָן די יונגעלייט פֿון מיליטערשן עלטער אינעם יידישן לעגיאָן.

— אַ לעגיאָן פֿון ארץ־ישראלדיקע?

— נו, יאָ, מיר וועלן אויך האָבן די זכיה — האָט אַדון מנשה פוכאַנין געזאָגט און דערביי זיך רחבותדיק אַ גלעט געטאָן דאָס צוגעפּוצטע בערדל:

— אַ גדוד מפּרי אַרצנו!

— און ווער וועט אָנפֿירן מיטן היגן גדוד? — האָט עמעצער געפֿרעגט, אָבער איידער מנשה האָט נאָך באַוויזן אויסצורעדן אַ וואָרט, האָט שוין עמעצער אויסגערופֿן:

— וואָס הייסט ווער? אוודאי אַדון שלום!

און אַז דער נאָמען אַדון שלום איז שוין ווידער דערמאָנט געוואָרן איז דער שמועס שוין אַריבער אינגאַנצן וועגן אים.

— אַן עולה פֿון אים, וואָס ער איז נאָך ביז איצט נישט אַריבערגעקומען צו אונדז קיין אשל־יהודה — האָט עמעצער אויסגעדריקט זיין פֿאַרדראָס, און אַ צווייטער האָט שוין צוגעלייגט:

— נו וואָס דען, אַז מען ווערט אַזאַ גדול!

— און אפֿשר איז ער פֿאַרנומען? — האָט זיך געפֿונען אַ מליץ־יושר צווישן דעם עולם.

— ווער פֿאַרנומען! וואָס פֿאַרנומען! — האָט זיך דער ערשטער צעבייזערט און זיך געהאַלטן ביי זיינעם:

— ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט ער שוין לאַנג געווען ביי אונדז!

אַלע האָבן געבענקט, געגאַרט אים צו זען. די וואָס האָבן נאָך אים געבענקט, האָבן דאָך אוודאי שוין געוואָלט אַ קוק טאָן אויף אים, און אויך די, וואָס האָבן בלויז געהערט פֿון אים, האָבן געגאַרט, אַז ער זאָל זיך באַווייזן.

אָבער שטאַרקער פֿון אַלעמען האָט געבענקט דבורה פוכאָנין, און כסדר האָט זי געהאַלטן אין איין פֿרעגן ביי זיך אַליין.

— געדענקט ער נאָך?

און אַז איר טאָכטער אלישבע פֿלעגט זיך צו איר ווענדן מיט דער פֿראַגע וועגן אַדון שלומס באַווייזן זיך אָט דאָ, פֿלעגט זי אַ קוק טאָן אויף איר, און ענטפֿערן מיט דער זעלבער פֿראַגע:

— ווען זשע וועט זיך פֿאָרט באַווייזן אַדון שלום?

און דבורה לעבט נאָך אַלץ מיטן נעכטן

אין יענע טעג פֿון דערוואַרטונג האָט די גברת דבורה פּוכאַנין איבער־געלאָזט די גאַנצע הויז־ווירטשאַפֿט אויף איר טאָכטער אלישבען.

נישט וואָס זי האָט געדאַרפֿט איבערלאָזן. אלישבע האָט אַליין איבער־גענומען, ווייל זי האָט געזען, אַז מיט דער מוטער קומט עפּעס פֿאָר, און אַז זי דרייט זיך אַרום, און קאָן זיך קיין אָרט נישט געפֿינען.

עפּעס האָט זי געהאַט אַן אָנונג וועגן דעם, וואָס עס גייט אָן אין האַרצן פֿון דער מוטער, כאָטש אַקוראַט, וואָס דער אַדון שלום האָט גע־מיינט אין איר לעבן האָט זי נישט געוואוסט. געאָנט האָט זי דאָס סיי פֿון דער מוטערס אומרו און סיי פֿון דער באַזונדערער פֿאַרזיכטיקייט און צערטלעכקייט, וואָס דער פֿאָטער האָט די לעצטע צייט אָנגעהויבן אַרויס־ווייזן צו דער מוטער. עס איז געווען קלאָר פֿאַר איר, אַז מיט אָט דער באַזונדערער אויפֿמערקזאַמקייט און צערטלעכקייט איז דער פֿאָטער אויסן צו דעמאָנסטרירן פֿאַר דער מוטער אַ פֿאַרשטענדלעכקייט און מיטגעפֿיל, וואָס מען ווייזט געוויינלעך אַרויס צו אַ ליידנדיקן, וואָס איז זייער נאָענט און טייער.

אלישבע האָט באַנומען, אַז מיט דער מוטער האָט קיין זין נישט צו רעדן וועגן דעם. מיטן פֿאָטער האָט זי יאָ בדעה געהאַט אַ שמועס צו טאָן, אָבער יעדעס מאָל ווען זי האָט געוואָלט אַ פֿרעג טאָן ביי אים וועגן דעם, האָט איר אויסגעפֿעלט מוט אָנצוהויבן.

— פֿאָטער — האָט זי עטלעכע מאָל זיך געווענדט צו אים, אָבער יעדעס מאָל, ווען זי האָט געוואָלט אָנהויבן פֿרעגן וועגן דעם, האָט זי גע־פֿרעגט עפּעס אַנדערש.

איז דאָס געווען די מיידלשע שעמעוודיקייט אין איר?

אלישבע האָט געלאַכט צו זיך אַליין, ווען אָט דער געדאַנק איז איר געקומען אויפֿן זינען. די באַציאונג פֿון אירע עלטערן צו איר איז שטענדיק געווען ווי צו אַ דערוואַקסענעם מענטשן. טאַטע־מאַמע האָבן זיך נישט איין מאָל געגרויסט דערמיט, וואָס זייער טאָכטער איז פֿאַר זיי נישט קיין קינד, נאָר אַ חבר מיט וועלכן מען טיילט זיך יעדן ענין סיי בנוגע דער

משפּחה, און סיי בנוגע דעם אַלגעמיינעם לעבן. ביי איר איז אויסגעקומען, אַז קיין זאַך איז פֿאַר איר ניט פֿאַרבאָרגן אינעם לעבן פֿון איר טאַטע־מאַמען, און דאָ פּלוצלונג עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַ סוד פֿאַר איר.

— הייסט עס, אַז עס איז יאָ דאָ עפּעס, וואָס איז פֿאַרבאָרגן!

אָט דער „הייסט עס" האָט זי געמאַטערט, און אָפּגענומען ביי איר דעם מוט צו פֿרעגן.

איינמאָל האָט שוין יאָ געהאַלטן דערביי, אַז זי זאָל אָנהויבן רעדן מיטן פֿאָטער וועגן דעם, אָבער אויך דעמאָלט איז די פֿראַגע געבליבן שטעקן ביי איר אין האַלדז, און זי איז דערנאָך געווען צופֿרידן, וואָס זי האָט טאַקע גאָרנישט געפֿרעגט.

דאָס איז געווען אין אַ פֿרימאָרגן נאָך פֿרישטיק, ווען דער פֿאָטער איז אַרויס צו זיין אָנגעזאָטלטן פֿערד אָפּצופֿאָרן אין דער ניס־פּלאַנטאַציע, וואָס איז געווען אויף דער אַנדערער זייט פֿון אשל־יהודה. אלישבע איז אַרויס פֿון הויז מיט אים צוזאַמען, ווי עס איז געווען דער שטייגער אירער צו טאָן. אַרונטערלאָזנדיק זיך מיט אים צוזאַמען פֿון די וועראַנדע־טרעפּלעך, האָט זי שוין געהאַט צעעפֿנט דאָס מויל, אָבער אין דעם זעלבן מאָמענט, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איר, זי אַרומגענומען און געזאָגט מיט אַזאַ ווייכקייט אין קול, וואָס זי פֿלעגט הערן פֿון אים, נאָר ווען עמעצער אין דער משפּחה איז קראַנק געווען.

— טאָכטערל, זיי צערטלעך צו דער מאַמען, זיי געדולדיק מיט איר, וואָרעם זי לעבט איבער זייער שווער די איצטיקע טעג.

אָט אַזוי האָט ער זיך פּלוצלונג געווענדט צו איר און איז גלייך נאָכדעם אַרויף אויף זיין פֿערד.

אלישבע האָט נאָכגעקוקט דעם פֿאָטער, וואָס האָט זיך געוויגט אינעם זאָטל פֿונעם פֿערד, און זי האָט געפֿילט ווי איר האַרץ וויגט זיך אים נאָך.

זי האָט זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין, און זעענדיק, ווי די מוטער הויבט אָן העלפֿן פֿאַטמאַן, דעם הויז־מיידל, מיטן געשיר, איז זי צוגעגאַנגען צו איר, צערטלעך זי אַרומגענומען, און זיך ביי איר גענומען בעטן:

— מוטער, לאָז מיך. פֿאַטמאַ און איך וועלן שוין אַלץ באַזאָרגן.

דבורה האָט אַ קוק געטאָן אויף אלישבע, זיך צוגעטוליעט צו איר, ווי זי וואָלט געווען די טאָכטער און אלישבע די מוטער.

— טאַכטער מײַנע — האָט זי געמורמלט.

יענעם גאַנצן טאָג האָט שוין דבורה פֿאַרבראַכט צווישן איר צימער, וועראַנדע און דעם גאָרטן.

יעדעס מאָל, ווען זי איז אַרונטער פֿון די וועראַנדע־טרעפּלעך אינעם גאָרטן אַרײַן האָבן אירע טריט זי געבראַכט צום טײַטלבוים.

אלישבע האָט דורכן אָפֿענעם פֿענצטער געזען, ווי די מוטער שטייט אָנגעשפּאַרט אָן דעם שטאַם פֿונעם טײַטלבוים און קוקט אַ פֿאַרטראַכטע אינעם זוניקן בלענד אַרײַן.

— וועגן וואָס טראַכט זי אַזוי? וועמען זעט זי איצט? — האָט אַלישבע זיך געפֿרעגט, און אירע אויגן זײַנען אָנגעפֿילט געוואָרן מיט פֿאַרוואונדערונג און זאָרג.

איצט איז אַלישבע שוין געווען זיכער, אַז צווישן איר מוטער און אַדון־שלומען איז עפּעס פֿאַרגעקומען. זי האָט געוואוסט, אַז אָט דער אַדון־שלום, וואָס איז איצט אַ קאָמאַנדיר פֿון יידישע לעגיאָנערן, האָט מיט יאָרן צוריק געאַרבעט דאָ אין אשל־יהודה, און נישט פּילנדיק אַליין וואָס זי טוט, האָט זי אַרײַנגעשפּאַנט אין דער מוטערס צימער, און אָנגעהויבן זוכן אין די שופֿלאַדן, וואו עס האָבן זיך געפֿונען דער מוטערס פּריוואַטע בריוו און אַלטע בילדער.

— שייך צו זאָגן, אַז זי האָט נישט באַהאַלטן זײַנעם אַ בריוו? אַ בילד? — האָט זי זיך געפֿרעגט, און געגליט פֿון נײַגעריקייט.

אָבער איר זוכעניש האָט נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. אַלץ, וואָס זי האָט געפֿונען, איז איר געווען באַקאַנט פֿון פֿריער.

— שייך צו זאָגן? — האָט זי זיך געוואונדערט.

פּלוצלונג האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ גרויסע בושה איבער איר, און זי האָט זיך אַליין גענומען אויסרעדן:

— אָט צו וואָס איך דערגיי! איך זוך זאַכן, וואָס מען וויל נישט, אַז איך זאָל זען!

נאָך שטאַרקער האָט זי דערפֿילט די בושה, ווען זי האָט זיך געכאַפּט, אַז עס איז נישט אַזוי די מוטער, וואָס אינטערעסירט זי איצט, נאָר עס איז אָט דער אדון שלום. זי האָט געפֿילט, ווי יעדער אבר אירער גליט פֿון נײַגעריקייט וועגן אים.

— ווי האָט ער אויסגעזען דעמאָלט, ווען ער האָט דאָ געאַרבעט? ווי קוקט ער איצט אויס?

זי האָט אויף גיך צונויפֿגעלייגט די פּאַפּירן אין דער אָרדענונג, ווי זיי זיינען געווען, צוגעמאַכט די שופֿלאָדן און זיך געלאָזט אין קיך אַריין.

דורכגייענדיק דאָס עס־צימער, האָט זי געזען, ווי די מוטער שטייט נאָך אַלץ אָנגעשפּאַרט אין דעם שטאָם פֿונם טייטלבוים, און קוקט אַזאַ פֿאַרטראַכטע אין דעם זוניקן בלענד אַריין.

איצט האָט זי נישט געפֿרעגט ביי זיך מער וועגן וואָס די מאַמע טראַכט און ווען זי זעט דאָרטן. דווקא דאָס, וואָס קיין סימן איז נישט צו געפֿינען, האָט איר געגעבן די זיכערקייט, אַז עפּעס זייער וויכטיקס איז פֿאָרגעקומען צווישן איר מוטער און אדון שלומען.

שטייענדיק אין קיך לעבן פּאַטמאַן, און העלפֿנדיק איר מיטן איבער־ווישן דאָס געשיר, האָט אַלישבע זיך געמאָלן אַ בילד פֿון אַ זייער שיינעם און לעבעדיקן יינגל אין וועמען די מוטער אירע איז געווען שטאַרק פֿאַר־ליבט. די מוטער איז דעמאָלט געווען אין די יאָרן, וואָס זי, אַלישבע, איז איצט. שלום האָט דער מאַמען אויך ליב געהאַט, נאָר וואָס זשע דען? ער איז אומרואיק געווען און נישט איבעריק געטריי. אַפּטמאָל פֿאַרנאַכ־לעסיקט דער מוטער אירער, און זי איז געלעגן ביינאַכט אין בעט און געוויינט מיט טרערן אין דעם קישן אַריין.

— אָרעמע מוטער — האָט זי געטראַכט וועגן דער מאַמען מיט טיפֿן מיטגעפֿיל, אָבער זי האָט זיך געכאַפּט, אַז אויף אָט דעם שלומען איז זי נישט בייז. אדרבה, ער געפֿעלט איר.

—טשיקאַווע צו וויסן, וואָס פֿאַר אַ מענטש ער איז איצט?

— ער מוז זיין אַן אויסערגעוויינלעכער, אָט דער...

אָט אַזוי האָט געטראַכט אַלישבע, ווען זי איז געשטאַנען אין קיך און צוגעהאָלפֿן פּאַטמאַן אין דער אַרבעט, און אין דער זעלבער צייט איז געזעסן די מוטער אויף אַ שטול אינעם גאָרטן און געקוקט אינעם בלענד פֿון דער זון.

אין זוניקן בלענד

דבורה האָט געחלומט אויף דער וואָר.

— מאָדנע, ווי אַלץ אַרום מיר האָט זיך געביטן, נאָר דער בלענד פֿון דער זון איז אַקוראַט דער זעלבער, ווי אין יענע טעג — האָט דבורה זיך שטאַרק געוואונדערט.

אין אָט דעם זוניקן בלענד פֿונעם נאָכמיטאָג איז דער בליענדיקער צעגרינטער ישוב אָפּגעווישט געוואָרן און ווידער איז געווען זאַמד, ווי דעמאָלט. דבורה האָט זיך געזען מיט אירע פֿיס אינעם זאַמד, טראָגנדיק אַ פֿרישן קרוג וואַסער:

— אַ טרונק, שלום?

— צו דער חנעוודיקער בת־יחידה פֿון די בן־ימיניס — ענטפֿערט ער, און דער שמייכל צעגיסט זיך פֿון זיין פּנים אויף דעם גאַנצן אַרום, אַזוי אַז זי אַליין הויבט אויך אָן צו שמייכלען.

ער טרינקט און שמייכלט צו איר:

— לחיים, דבורהלע.

זי וויל אים נאָך עפּעס זאָגן און זי ווייסט אייגנטלעך נישט אַקוראַט, ווי אַזוי אים דאָס צו זאָגן, אָבער די מוטער אירע רופֿט זי ביים שוועל פֿון זייער שטוב:

— דבורה!!!

דעמאָלט איז די שטוב געווען אַקוראַט אויפֿן זעלבן אָרט. נישט אָט די שטוב, וואָס שטייט איצט. אָן אַנדערע איז זי געווען. אָט זעט זי זי פֿאַר די אויגן.

אַ פֿיר־עקיקע, אַ פּשוטע מיט אַ הילצערנעם דאַך. די טיר האָט זיך געעפֿנט פֿונעם דרויסן גלייך אינעווייניק אַריין און די שוועל איז באַשטאַנען פֿון עטלעכע רויע שטיינער, וואָס זיינען געלעגן איינער איבער דעם אַנדערן.

— גיט אַכטונג אויף די טרעפּ — פֿלעגן טאַטע־מאַמע שטענדיק אויפֿמערקזאַם מאַכן צו עמעצן, וואָס איז געקומען.

— גיב אַכטונג אויף די טרעפּ — פֿלעגט זי אויך זאָגן צו שלומען, ווען ער איז אין שטוב אַרײַנגעקומען.

דבורהס עלטערן זײַנען געווען פֿון די ערשטע דאָ אין אשל־יהודה. זי אַליין געדענקט נישט, ווען מען איז געקומען. איר ערשטער באַוואוסט־זײַן פֿאַרן לעבן איז פֿאַרבונדן מיט אשל־יהודה, מיט ברענענדיקער זון פֿאַר ווּעלכער מען האָט זיך נאָך געקענט אויסבאַהאַלטן צווישן די ווענט פֿון דער שטוב, ווײַל קיין בוימער זײַנען נאָך דעמאָלט נישט געווען. זי געדענקט, ווען מען האָט די ערשטע עטלעכע בוימער דאָ פֿאַרזעצט, און ווי אַזוי מען האָט געוואַרט, אַז עס זאָל זיך באַווײַזן אויף די דינע צווײַגלעך דאָס ערשטע גרינס. מיט איר דערציאונג אין די פֿריסטע יאָרן האָבן זיך אָפּגעגעבן אירע עלטערן. דער עיקר די מוטער, וואָס האָט צונויפֿגעבונדן די אַלגעמיינע דערציאונג מיט מוזיק. שפּעטער האָט זי אויך געלערנט אין דער תּל־אָביבער גימנאַזיע, וואו עס האָט אויך גע־לערנט מנשה, דער זון פֿון נח און מרים פּוכאַנין, וואָס האָבן זיך געהאַלטן זייער נאָענט מיט אירע עלטערן אין אשל־יהודה. זי טראַכט פֿון יענע טעג, ווען מרים און נח האָבן באַשלאָסן אַוועקצושיקן מנשהן שטודירן קיין פּאַריז, און זי האָט אַזוי מקנא געווען מנשהן, אָבער אירע עלטערן האָבן אויפֿגעציטערט נישט נאָר פֿונעם געדאַנק, אַז זייער בת־יחידה זאָל זיי איבערלאָזן, נאָר אַפֿילו דאָס אָפּפֿאָרן פֿון מנשהן איז זיי געווען זייער שטאַרק דערווידער.

— מען נעמט אַ בן־יחיד און מען שיקט אים אַוועק אין אַ ווײַטן לאַנד אַרײַן — האָט איר מאַמע געשאָקלט דעם קאָפּ מיט צער און דער פֿאָטער האָט געצוקט מיט די אַקסלען, ברומענדיק צו זיך:

— נו, וואָס נחן און מרימען קאָן אײַנפֿאַלן!

מרים פֿלעגט אַפֿילו יאָ טרויעריק ווערן פֿון אָט די פֿאַרוואורפֿן וואָס מען האָט איר געמאַכט, אָבער פֿונעם באַשלוס האָט זי זיך נישט אָפּגע־זאָגט, זי האָט זיך בלויז געטרייסט:

— איך האָב אַ שוועסטער אין פּאַריז, זאָגט זי, אַז מנשהלע וועט בײַ איר זײַן, ווי אַן אייגן קינד.

אָט אַזוי פֿלעגט זאָגן מרים, און נח? ער האָט געשפּילט דעם שטאַרקן, און זיך אַפֿילו צעבייזערט, ווען מען האָט אים פֿאַרוואורף געמאַכט.

—וואָס איז? ער מוז דאָס טאַקע זיין אונטער דער מאַמעס פאַרטוך, האַ? איך בין געווען ייִנגער פון אים, און איך בין איינער אַליין געפאָרן אין דער ישיבה אַריין אונטער אַ באַנק פון דער באַן, ווייל איך האָב קיין בילעט נישט געקאָנט קויפן.

אַט אַזוי פלעגט ער זיך צעבייזערן, און דערנאָך שוין מיט פאָטער־לעכער ווייכקייט אין קול נעמען רעדן:

— דער ישוב וועט דאַרפן אַגראָנאָמען, און וואו זאָלן מיר זיי נעמען אויב נישט ביי אונדזערע קינדער?

— אַ שטאַרקער מענטש געווען, דער פאָטער פון איר מאַן — טראַכט ביי זיך איצט דבורה.

אָבער זי געדענקט, אַז אין יענער צייט האָט זי אים פיינט געהאַט. זי האָט אים דעמאָלט געהאַלטן אין איין פאַרגלייכן מיט איר אייגענעם פאָטער און זי האָט ליבער נאָך געקראָגן איר פאָטער פאַר זיין שוואַכקייט.

די ערשטע צייט האָט זי געבענקט נאָך מנשהן. זייער שטאַרק גע־בענקט. און אַז עס איז אַוועק אַ לענגערע צייט און זי האָט פון אים קיין בריוול ניט געקראָגן, איז זי געווען טרויעריק. ניט איין מאָל האָט זי אַפילו שטיל געוויינט פון בענקשאַפט נאָך אים. אָבער שפּעטער איז די בענקשאַפט צוביסלעך שוואַכער געוואָרן און ניט איין מאָל איז איר אויסגעקומען אויסצורײדן זיך אַליין הלמאַי זי לאָזט אים וואַרטן מיט אַן ענטפער אויף זיינעם אַ בריוו.

— שוין אַזוי לאַנג מנשהן ניט געענטפערט אויף זיין בריוו!

ווען שלום האָט זיך באַוויזן אין איר לעבן, האָט זי אָנגעהויבן שרייבן צו מנשהן נאָך זעלטענער און אַפילו ווען זי האָט שוין יאָ געשריבן, זיינען אירע בריוולעך געווען קורצע און זאַכלעכע.

האָבן אירע עלטערן אָנגעהויבן צו האָבן אַן אָנונג וועגן איר ליבשאַפט צו שלומען?

דעמאָלט האָט זי זיך די פראַגע כמעט ווי ניט געשטעלט, אָבער איצט, אַז זי טראַכט וועגן יענער צייט, איז זי זיכער, אַז ניט נאָר האָבן זיי געאָנט, נאָר זיי זיינען געווען אַלאַרמירט.

זי דערמאָנט זיך איצט, אַז איר מוטער האָט אין יענע טעג פלוצלונג אָנגעהויבן צו רעדן צו איר זייער אָפט וועגן מנשהן.

— וויסט, טאָכטער מיינע? מנשה קומט דאָך בקרוב אַהיים — פּלעגט די מוטער פּלוצלונג פון דער הוילער הויט אַרויס זיך אַ װענד טאָן צו איר, און גלייך נאָכדעם פּלעגט זי אויך דערציילן:

— מרים האָט מיר היינט געזאָגט, אַז נח הויבט שוין אָן צו פאַר־גרעסערן זיין נחלה.

— נו, וואָס דען? אַז מען וועט האָבן אָן אייגענעם אַגראָנאָם — האָט שוין דער פאָטער פון זיין זייט אויך צוגעלייגט.

וואָס מער דבורה האָט געטראַכט פון יענער צייט, אַלץ מער איז אויסגעוואָקסן פאַר איר דער אומרו, וואָס אירע עלטערן האָבן דעמאָלט דורכגעלעבט איבער איר און שלומען.

— דענקסטו ניט, אַז דו גיסט אַוועק אַביסל צופיל צייט אָט דעם יונג פון די זאַמדן? — האָט ביי איר די מוטער איינמאָל פּלוצלונג געפרעגט, און דערביי אויף איר אַזוי פאַרשנדיק אַ קוק געטאָן.

דבורה קאָן איצט ניט פאַרשטיין הלמאַי זי האָט דעמאָלט ניט גע־ענטפערט גלייך אויפן אָרט, אַז זי איז שטאַרק פאַרליבט אין אָט־דעם יונג פון די זאַמדן. זי דערמאָנט זיך ווי אַזוי עס איז ביי איר ממש אָפּ־גענומען געוואָרן דאָס לשון פון דער מאַמעס פראַגע, וואָס איז געקומען אַזוי פּלוצלונג פון איר מויל. האָט זי מורא געהאַט פאַר דער מאַמען? ניין, קיין מורא האָט זי קיינמאָל ניט געפילט פאַר דער מאַמען, און ניט פאַר איר פאָטער. נאָר וואָס־זשע דען? עס איז געוועזן טיפע ליבשאַפט צו טאַטע־מאַמען און די מורא זיי ווי צו טאָן.

עס איז געוועזן, ווי איין ליבשאַפט איז געשטאַנען קעגן דער אַנדע־רער, און זי — אַ הילפלאָזע צווישן ביידע.

עס איז געוועזן קלאָר פאַר איר, אַז אירע עלטערן קוקן אויף מנשהן, ווי אויף זייער צוקונפטיקן איידים, און אַז זיי וואַרטן מיט אומגעדולד אויף זיין אַהיים קומען, כדי וואָס גיכער צו דערלעבן נחת אויף זייערע עלטערע יאָרן.

עס האָבן געטראָפן מאָמענטן, אַז זי האָט זיך דערפילט שטאַרק. אין אַזוינע מאָמענטן האָט זי דערפילט אין זיך גענוג כח צו זאָגן טאַטע־מאַמען, אַז זי האָט ליב שלומען, אָבער שטענדיק זיינען אָט־די מאָמענטן צו איר געקומען אָדער שפּעט ביינאַכט, ווען זי איז געלעגן אַ שלאָפ־לאָזע אין בעט, אָדער ווען די עלטערן זיינען אַרום איר ניט געווען.

אין אָט־די מאָמענטן האָט זי פֿעסט באַשלאָסן, אַז זי וועט זיך ניט אונטערגעבן דעם ווילן פֿון די עלטערן:

—אַז עס וועט נויטיק זיין וועל איך גאָר אַנטלויפֿן מיט שלומען — האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט, אָבער גלייך האָט זי זיך דערשראָקן פֿאַר אָט־דעם געדאַנק:

— אַנטלויפֿן פֿון די עלטערן?

פֿאַר איר האָט זיך אויסגעמאָלן אַ בילד, וואָס האָט ביי איר אויפֿגעגרוילט דאָס לייב.

— אַנטלויפֿן פֿון די עלטערן!

זי האָט דערזען טאַטע־מאַמען איבערגעלאָזטע. די מאַמע ליגט אין בעט אַ צעבראָכענע, בשעת דער פֿאָטער שפּאַנט אַרום, ווי אַ שאָטן, נישט האָבנדיק קיין אינטערעס צו קיין שום זאַך. זי האָט דעמאָלט געטראַכט וועגן דעם שווערן לעבן פֿון אירע עלטערן, זייער אַנטלויפֿן פֿון דער אוקראַינע, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַן איינגעוואָרצלט לעבן פֿון דורות. דער טויט פֿון איר עלטערן ברודערל אויפֿן וועג קיין ארץ־ישראל. זייער שווערע אַרבעט דאָ אין דער ווילדערניש ביז מען האָט זיך דערפֿילט אונטער אַ דאַך.

— אונדזער טרייסט! אונדזער אָנשפּאַר! — פֿלעגן טאַטע־מאַמע רעדן צווישן זיך וועגן איר, זייער בת־יחידה.

— אונדזער טרייסט! אונדזער אָנשפּאַר!

דבורה האָט זיך דערמאָנט די צייטן, ווען זי האָט געלערנט אין תל־אָביבער גימנאַזיע. די בענקשאַפֿט פֿון איר צו זיי און פֿון זיי צו איר. יעדן צווייטן אָדער דריטן טאָג איז עמעצער געקומען צולויפֿן. אָפֿטמאָלביידע צוזאַמען, כאַטש אויף אַ שעה.

— דבורהלע, עס זעט אויס, אַז דו עסט נישט, ווי עס געהער צו זיין.

— טאָכטערל, איז דיר באַקוועם ביי די אַמדורסקיס?

— גברת אַמדורסקי זאָגט, אַז דו זיצסט צו שפּעט ביי דיינע ביכער אין די אָוונטן.

ווען פֿון אשל־יהודה איז נאָך מנשהס אָפּפֿאָרן קיין פּאַריז אויך אָפּגעפֿאָרן בתיה, די טאָכטער פֿון די שעמענאָוויטשעס, זיך לערנען פֿאַר אַ דענטיסטקע, האָט גברת שעמענאָוויטש פֿאַרגעשלאָגן איר מוטער, אַז אויך דבורה זאָל פֿאָרן.

— די קינדער וואָלטן געקאָנט וואוינען צוזאַמען אין איין פּאַנסיאָן, און אַכטונג געבן איינער אויף דער אַנדערער — האָט די גברת שעמענאָ־וויטש פאַרגעשלאָגן.

זי איז געווען דערבײַ, ווען די גברת שעמענאָוויטש האָט אַזוי גע־רעדט צו איר מוטער. אויף אַ ווײַל איז זי אויפגעציטערט געוואָרן פון פרייד:

— פּאַריז, איך וועל זיין מיט מנשהן.

אָט אַזוי האָט אויפגעקלונגען אין איר האַרצן, אָבער דערזעענדיק דער מאַמעס פּנים, האָט זי דערפילט, אַז עס איז נישט נאָר די מאַמע, נאָר אַז זי אַליין וואָלט נישט געקאָנט זיין אַוועק אַזוי ווייט פון דער היים.

דאָס זעלבע האָט זי געפילט שפּעטער, ווען איר איז געקומען אויפן זינען צו אַנטלויפן. אָט דאַכט זיך איז דאָס געווען אַ פעסטער באַשלוס, און באַלד האָט זי דערפילט, אַז דאָס איז נישט מער, ווי אַ מאָמענטאַנע אילו־זיע. דעמאָלט האָט זי זיך גענומען טרייסטן, אַז עס וועט נישט קומען דערצו.

די האָפענונגען, אַז זי וועט נישט דאַרפן אַנטלויפן זיינען געקומען צו איר יעדעס מאָל, ווען שלום איז ביי זיי אין שטוב געווען.

— וועט שלום אפשר טרינקען אַ גלאָז טיי?

— איז אפשר גאָר שלום הונגעריק, האַ?

אָט אַזוי פלעגט די מוטער פרעגן, און דער פאָטער איז אויך געווען ביז גאָר פריינדלעך.

— נו, שלום, עס גלייכט זיך אויס די ערד אין אשל־יהודה, האַ?

שפּילנדיק פאַר שלומען אויף דעם קלאַוויר עפּעס וואָס איז אים געווען צום האַרצן, זיינען צוזאַמען מיט די קלאַנגען אויפגעגאַנגען פון איר מוח פּלענער, ווי אַזוי זיך דורכצורעדן מיט די עלטערן וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין איר האַרצן. זי וועט רעדן צו זיי פשוט און אָפנהאַרציק.

— איז שלום דען נישט אַ וואונדערבאַרער בחור? — איז ער נישט קיין איבערגעגעבענער ציוניסט?

אָט אַזוי וועט זי ביי זיי פרעגן, און דערביי זיי דערציילן די מעשה מיטן פּעטער, וואָס ער האָט אין אַמעריקע.

— אַ פֿיינער פֿעטער, אַ גוטהאַרציקער. ער האָט געשיקט שלומען אַ שיפֿסקאַרט, און צוגעזאָגט אים געבן אַלע מעגלעכקייטן, אָבער שלום האָט אויסגעקליבן ארץ־ישראל, די זאַמדן אין אשל־יהודה.

יעדעס מאָל ווען זי האָט אַזוי אויסגעלייגט דעם פּלאַן פֿון איר אָפּנ־האַרציקן שמועס מיט טאַטע־מאַמע איז זי געווען זיכער, אַז דער שמועס וועט ווירקן:

— האָסט אים טאַקע אַזוי שטאַרק ליב? — וועט דער טאַטע פֿרעגן, קוקנדיק פֿון אַ זייט אויף איר, ווי עס איז זיין טבע צו קוקן, ווען זי פֿירט מיט אים אַן ערנסטן שמועס.

— יאָ וועט זי ענטפֿערן מיט אַ דרייסטן קול, און דערביי קוקן אויף אים מיט געבעט אין אירע אויגן:

—איך האָב אים שטאַרק ליב, טאַטע.

— נו, און מנשה? — וועט די מאַמע זיך אַריינמישן מיט אַ פֿראַגע, און איר פּנים וועט אויסדריקן אַביסל אַנטוישונג.

— מנשה איז אַ וואוילער, איך האָב אים ליב, ווי מיינעם אַ ברודער, אָבער מיט שלומען איז גאָר עפּעס אַנדערש.

— עפּעס אַנדערש? — וועט דער טאַטע פֿאַרשן און דערביי קוקן אויף דער מאַמען.

די מאַמע וועט אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ און...

— נו, מילא, מסתמא איז דאָך אַזוי באַשערט — וועט דער טאַטע ענדלעך אַ זאָג טאָן.

און דעמאָלט?

דבורה געדענקט אַזוי קלאָר, אַז ווען זי האָט אין יענער צייט זיך פֿאַרגעשטעלט ווי טאַטע־מאַמע זיינען מסכּים, האָט זי שטיל און פֿריידיק געוויינט.

אָבער צו אָט דעם געפּלאַנטן שמועס צווישן איר און די עלטערן איז דאָך קיינמאָל נישט געקומען.

פֿאַרוואָס?

דבורה קאָן זיך אַפֿילו איצט נישט אָפּגעבן קיין גענויען חשבון פֿאַר־וואָס עס איז צו אָט דעם שמועס נישט געקומען.

— איך בין אויך איצט נישט פֿון די שטאַרקע, בפֿרט דעמאָלט — האָט זי זיך אויסגערעדט, און ווי פֿאַרענטפֿערט פֿאַר זיך אַליין.

זי געדענקט, ווי יעדעס מאָל ווען זי האָט געוואָלט אָנהויבן רעדן דערפֿון איז בײַ איר אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון.

בפֿרט, אַז ווי נאָר שלום איז אַוועק פֿון שטוב, זענען די רייד וועגן אים געווען שוין גאָר אין אַן אַנדער טאָן:

— אַ וואויל בחורל, נאָר נעבעך אַ פּראָסטס — האָט דער פֿאָטער באַמערקט, און די מוטער האָט צוגעגעבן:

— אונדזער דבורהלע גיט זיך שוין אַביסל צופֿיל אָפּ מיט אים.

זי האָט געוואָלט אויסשרייען, פּראָטעסטירן, אַז שלום איז גאָרנישט אַזוי פּראָסט, און אַז דאָס, וואָס זי גיט זיך אָפּ מיט אים איז דערפֿאַר, ווייל זי האָט אים ליב, אָבער אין דעם מאָמענט האָט מען שוין גאָר זיך צערעדט וועגן מנשהן:

— באַלד וועלן מיר האָבן מנשהן — האָט די מאַמע געזאָגט און איר קול האָט געציטערט פֿון פֿרייד, ווי ער וואָלט געווען איר אייגן קינד.

— אַ פֿאַלנער אַגראָנאָם — האָט דער פֿאָטער אונטערגעכאַפּט, און באַלד מוסיף געווען:

— אַ שטאָלץ פֿאַרן ישוב.

— נח פֿאַרנעמט זיך שוין גאָר ברייט מיט זיין נחלה — האָט די מאַמע נישט אויפֿגעגעבן.

— בלויז נחס נחלה? דער גאַנצער ישוב וועט זיך מיט אים קאָנען באַנוצן. ער געהער אונדז אַלעמען — האָט דער פֿאָטער נחתדיק גע־מורמלט.

פּלוצלונג האָט גאָר די מוטער זיך געווענדט מיט שמייכלענדיקע בליקן צו איר:

— וואָס זשע, טאָכטערל, דיר שרייבט ער גאָרנישט וועגן זיין קומען?

— יאָ, יאָ — האָט זי געענטפֿערט.

— אוודאי שרייבט ער!

אַלע פֿלענער אירע אָנצוהויבן דעם לאַנג־געפּלאַנטן שמועס מיט די עלטערן וועגן שלומען זיינען צערונען געוואָרן.

די זון האָט אין יענעם טאָג געבלענדט מיט אַ באַזונדערער העלקייט, און דבורה איז געשטאַנען לעבן טייטלבוים און איבערגעלעבט נאָכאַמאָל דאָס פֿאַרגאַנגענע.

מנשה קומט אַהיים און דבורה איז צערודערט

און ווירקלעך, האָט מנשה געלאָזט וויסן דבורהן, אַז ער קלויבט זיך צו קומען אַהיים, אָבער וואָס איז דעמאָלט איר אַנגעגאַנגען מנשה?

— ער קומט, וועט ער זיין — האָט זי זיך געטראַכט.

און אַז עס האָט זיך געטראָפן, אַז זי האָט זיך יאָ פֿאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס מנשהס אַהיים קומען מיינט, האָט זי זיך געטרייסט דערמיט, וואָס נישט נאָר האָט זי אין אירע לעצטע בריוו נישט גערעדט וועגן קיין פֿאַרליבטקייט אין אים, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אַפֿילו אין די פֿריערדיקע איז אויך קיין דירעקטע און אָפֿענע דעמאָנסטראַציעס פֿון קיין ליבשאַפֿט צו אים נישט געווען. בענקשאַפֿט יאָ, אָבער מאָלע וואָס אַ מיידל בענקט נאָך אַ בחור! איז ער דאָך אויסגעוואַקסן מיט איר צוזאַ־מען, און זיינען דאָך די משפּחות פֿון זיי ביידן געווען נאָענטע פֿריינט! נו, האָט זי געבענקט! איצט בענקט זי נישט מער. עס איז דען איר שולד, וואָס איר האַרץ האָט אויפֿגעפֿלאַמט צו עמעצן אַנדערש?

— איך וועל אים דערציילן דעם אמת, און שוין!

ניין. דבורה האָט זיך מיט גאַרנישט געפֿילט פֿאַרפֿליכטעט צו מנשהן. זי האָט אין אירע בריוו צו אים קיינמאָל דאָס נישט דערמאָנט, און ער אין זיינע צו איר האָט זיך אויך קיינמאָל נישט פֿאַרפֿליכטעט צו איר. זי האָט דערפֿאַר זיך גאַרנישט געשראָקן פֿאַר דער באַגעגעניש. מיט אים וועט נישט זיין דאָס, וואָס עס איז מיט אירע עלטערן. צו אים וועט זי זיכער קאָנען רעדן פֿריי און אָפֿנהאַרציק.

— מנשה, פֿריינד מיינער — וועט זי זיך צו אים ווענדן.

אָפּטמאָל האָט זיך איר גאָר אויסגעדאַכט, אַז זיין קומען אַהיים איז דווקא גוט פֿאַר איר. ער וועט דאָך זיכער נישט וועלן שטיין אין איר וועג צו איר גליק. און אדרבה, ווי אַ נאָענטער צו איר פֿון דער סאַמע פֿריסטער יוגנט, וועט ער נאָך זוכן איר צו העלפֿן.

— באַרואיק זיך, דבורהלע, באַרואיק זיך — וועט ער זי טרייסטן און דערביי נאָך צערטלעך גלעטן אירע האָר.

טראַכטנדיק אַזוי האָט זי גאָר אָנגעהויבן צו וואַרטן אויף אים מיט אומגעדולד.

— ער, וואָס האָט געלעבט אין אַזאַ שטאָט, ווי פּאַריז, האָט זיכער איינגעזאַפּט אין זיך אַ סך פֿאַרשטענדעניש.

איצט האָט זי זיך שוין פֿאַרגעשטעלט, ווי זי זיצט מיט מנשהן און דערציילט אים אַלצדינג.

— ליבע איז אַ נאַטירלעכע זאַך — וועט ער זי טרייסטן, און דערביי מיט אויפֿריכטיקן מיטגעפֿיל גלעטן איר האַנט.

— אָבער, וואָס טוט מען, מנשה? — וועט זי ביי אים פֿרעגן, ווי עס פֿרעגט אַ שוועסטער אַן עצה ביי אַ געטרייען און פֿאַרשטענדיקן ברודער.

— מען וועט שוין עפּעס צוטראַכטן — וועט ענטפֿערן מנשה, און דערביי זיך טאַקע טיף פֿאַרטראַכטן.

אין יענע טעג, אַז זי האָט זיך געטראָפֿן מיט שלומען, האָט זי ליב געהאַט צו רעדן פֿון מנשהן.

— דו ווייסט: מנשה קומט דאָך באַלד צו פֿאָרן! — פֿלעגט זי אַ זאָג טאָן צו שלומען.

פֿון אָנהויב האָט שלום אויסגעהערט מיט אינטערעס אַלץ וואָס זי האָט אים דערציילט וועגן מנשהן, אָבער ווען זי האָט נאָכאַמאָל און ווידער־אַמאָל אויסגערופֿן:

— ער קומט! גאָר אינגיכן קומט ער! — און דערביי אַרויסגעוויזן אויפֿגעשוימטע פֿרייד, איז שוין שלום אַביסל איריטירט געווען.

— עס קוקט אויס, אַז ער מיינט פֿאַר דיר מער, ווי דו אַליין שטעלסט זיך גאָר פֿאָר — האָט ער צו איר איינמאָל באַמערקט.

— און דו ביסט שוין אייפֿערזיכטיק אפֿשר? — האָט זי געלאַכט, און אַריין מיט אירע פֿינגער אין זיינע האָר.

— איך פֿאַרשטיי, אַז ער איז זייער אַ פֿיינער בחור — האָט שלום געזאָגט אין אַ גערייצטן טאָן.

דבורה האָט אויפֿגעכאַפּט די גערייצטקייט זיינע, און צוגעדריקט זיין קאָפּ צו איר האַרצן:

— נאַר וואָס דו ביסט! נאַר וואָס דו ביסט!

אָט אַזוי האָט זי אים באַרואיקט, און דאָך ווייטער גערעדט מיט ווארעמקייט וועגן מנשהן.

— וועסט זען, וואָס פֿאַר אַ פֿיינער בחור ער איז — האָט זי געזאָגט, און דערנאָך צוגעלייגט:

— ער איז מיר, ווי אַ ברודער.

— אַ ברודער?

שלום האָט געפֿרעגט ביי איר אָט די פֿראַגע מיט עפּעס אַזאַ מין טרויעריקייט אין זיינע אויגן, און זי האָט לאַנג, לאַנג געקוקט אָט דעם טרויער, ווי דעם סימן פֿון זיין ליבשאַפֿט צו איר.

— נאַר, וואָס דו ביסט! נאַר, וואָס דו ביסט!

וואָס זשע אַזוינס איז געשען מיט איר אין די ערשטע עטלעכע וואָכן, אַז מנשה האָט זיך באַוויזן אין אשל־יהודה?

אויך איצט, נאָך אַזויפֿיל יאָרן, קאָן זיך דבורה נישט אָפּגעבן קיין גענויען חשבון, וואָס עס איז מיט איר דעמאָלט געשען.

איז זי, די פּראָווינציאַלקע, מיטגעריסן געוואָרן מיט דער גרויס־שטאָטיקייט, וואָס האָט אַ ווײַ געטאָן פֿון אים אויף איר? אָדער עס איז גאָר געווען די קילקייט, די רעזערווירטקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך געהאַלטן צו איר, וואָס האָט אויפֿגעוועקט אין איר מיידלשן האַרצן אַזאַ נייגעריקייט צו אים?

איצט, נאָך אַזויפֿיל יאָרן לעבנדיק מיט מנשהן, ווי זיין פֿרוי און מוטער פֿון זייער טאָכטער, איז זי זיכער, אַז ווען ער וואָלט גלייך ביים אָנקומען אַהיים געווען צוגעשטאַנען צו איר מיט זיין ליבע, וואָלט זי דעמאָלט געווען גאָר אַנדערש געהאַנדלט. זיינע ווערטער אַליין וועגן זיין ליבשאַפֿט צו איר וואָלטן געווען אַרויסגערופֿן איר ענטפֿער:

— איך האָב ליב שלומען — וואָלט זי אים געווען געענטפֿערט.

אָבער מנשה האָט זיך די ערשטע צייט געהאַלטן אַזוי קאָרעקט צו איר, אַז נישט נאָר האָט זי נישט געקאָנט רעדן צו אים וועגן זיך, נאָר זיין קאָרעקטקייט האָט זי אַפֿילו ווי באַליידיקט און גערייצט. אָפּטמאָל האָט זי געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער טראַכט גאָרנישט וועגן דעם, וואָס ביי ביידנס עלטערן איז דאָס שוין געווען אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע זאַך. ערשט שפּעטער מיט יאָרן האָט זי אויסגעפֿונען, אַז זיין דעמאָלטדיקע קילקייט, רעזערווירטע קאָרעקטקייט איז געווען דערפֿאַר, ווייל מען האָט אים גלייך ביי זיין אָנקומען דערציילט, אַז עפּעס גייט אָן צווישן איר און שלומען. זי האָט אויך שפּעטער אויסגעפֿונען, אַז סיי אירע און סיי זיינע עלטערן האָבן אַלצדינג געוואוסט און זיינען געווען שטאַרק באַזאָרגט

און אומרואיק וועגן דעם. אָבער דעמאָלט האָט זי קיין אָנונג נישט געהאַט, אַז אַלע ווייסן און זי האָט מנשהס האַלטונג גאַנץ אַנדערש אויסגעטײַטשט.

אַז מנשה איז געקומען אין שטוב אַריין האָט ער פֿאַרבראַכט מער מיט אירע עלטערן, ווי מיט איר. די שמועסן זײַנען מערסטנס געווען, ווי אַזוי אויסצוברייטערן די מאַראַנצן און ניס־פּלאַנטאַציעס אַרום אשל־יהודה, און טאָמער האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט מיט איר שוין יאָ זיך דורכ־געשפּאַצירט אין דרויסן, האָט ער אויך גערעדט נאָר וועגן זײַטיקע זאַכן.

— אשל־יהודה וואַקסט צוביסלעך!

אָדער:

— אַ סך אַרבעט דאָ פֿאַראַן!

איין שפּאַציר געדענקט זי גאָר באַזונדער. איבער די דעכער פֿון אשל־יהודה איז געהאַנגען אַ דורכזיכטיק בלויער הימל מיט אַ סך פֿינקל־דיקע שטערן און אַ פֿולע לבנה האָט געזילבערט די ערד איבער וועלכער זיי האָבן שטיל געשפּאַצירט.

מנשה האָט זיך געזעגנט מיט אירע עלטערן, און בײַ איר געפֿרעגט צי זי וויל אים נישט באַגלייטן אין דרויסן. זי האָט גיך מסכּים געווען, טראַכטנדיק, אַז אפֿשר וועט ער זיך הײַנט צעעפֿענען פֿאַר איר, און זי וועט האָבן די געלעגנהייט זיך דורכצורעדן מיט אים אויף דעם אופֿן, ווי זי האָט געהאָפֿט מיט אים זיך דורכצורעדן. אָבער דער קליינער שפּאַ־ציר האָט איר געבראַכט נאָך אַ גרעסערע אַנטוישונג.

שפּאַצירנדיק מיט איר האָט ער אַפֿילו איר אָרעם נישט גענומען. ער האָט גערעדט מיט איר וועגן ענינים, וואָס האָבן זיך געפּאַסט פֿאַר זײַטיקע און פֿרעמדע מענטשן.

בלויז ביים געזעגענען זיך מיט איר, האָט ער קוקנדיק אַרויף אַ זאָג געטאָן מער צו זיך, ווי צו איר:

— אַ שיינער הימל בײַ אונדז, אַ סך אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן פֿאַר דער היגער ערד, אָבער דעם אמת געזאָגט בענקט זיך מיר אַביסל נאָך פּאַריז.

אָט אַזוי האָט ער געזאָגט און שווייגנדיק אַ ווייל צוגעלייגט מיט גרויס בענקשאַפֿט אין קול:

— נישטאָ אויף דער גאַנצער ערד נאָך אַ פּאַריז!

דבורה האָט דערפֿילט אַ בייזקייט אין זיך. זי האָט זיך באמת די בייזקייט צו צאַמען, אָבער דאָך האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— אַז פּאַריז איז אַזאַ גן־עדן, האָסטו געדאַרפֿט בלייבן דאָרט.

זי האָט אים אַ זאָג געטאָן אָט די ווערטער און באַלד האָט איר באַנג געטאָן הלמאי זי האָט זיי אים געזאָגט. זי האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז מיט אָט דער באַמערקונג האָט זי דעמאָנסטרירט אַ געפֿיל פֿאַר אים, וואָס איז איר נישט אָנגעשטאַנען דאָס צו דעמאָנסטרירן און זי האָט זיך באמת אַרויסצודרייען, אָבער עס איז סיי ווי נישט אַרויסגעקומען, ווי זי האָט געוואָלט:

— אַז אַ מענטש איז אַזוי באַגייסטערט — האָט זי אָנגעהויבן און נישט געוואוסט, וואָס ווייטער צו זאָגן, אָבער אין דעם מאָמענט האָט ער זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן:

— ווען איך האָב געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ אויף דער גאַנצער ערד נאָך אַ פּאַריז, האָב איך נישט געמיינט, אַז...

דאָ האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַ שטרענגן בליק, און אויסגעשריגן אויפֿן קול:

— קודם־כל בין איך אַן ארץ־ישראלדיקער! פֿאַרשטייסט? אַן ארץ־ישראלדיקער! פֿאַרשטייסט?

אָט אַזוי האָט ער זיך צעשריגן, און זי האָט פֿאַרשטאַנען זיין געשריי, וואָרעם איז זי דען נישט געווען קיין ארץ־ישראלדיקע? איז זי נישט געווען צוגעוואַקסן צום לאַנד? צו אשל־יהודה? אוודאי האָט זי פֿאַרשטאַנען זיין שרייען, און זי איז אַפֿילו געווען גערירט פֿון זיין שרייען. אַזוי גערירט איז זי געווען, אַז וואָלט ער דעמאָלט געווען געמאַכט די מינדסטע באַוועגונג צו איר וואָלט זי געווען געפֿאַלן אויף זיין האַלדז.

אָבער ער האָט אַזאַ באַוועגונג צו איר נישט געמאַכט. ער האָט זי בלויז צוגעפֿירט צוריק צו דער טיר פֿון דער שטוב, און זיך קאָרעקט אָפּגעזעגנט מיט איר:

— אַ גוטע נאַכט, דבורה.

— אַ גוטע נאַכט, מנשה.

— זעען מיר זיך מאָרגן?

— מאָרגן.

זי געדענקט נאָך איצט, אַז יענע נאַכט האָט זי נישט געקאָנט אַנט־שלאָפֿן װערן, און זי איז געװען ביז גאָר בײז אױף זיך הלמאי זי קאָן נישט אַנטשלאָפֿן װערן.

— איך האָב דאָך ליב שלומען, איז װאָס זשע גײט ער מיר אָן, אָט דער פּאַריזשאַנער?

אָט אַזױ האָט זי זיך געבײזערט אױף זיך אַלײן.

אָבער אױך דאָס בײזערן זיך אױף זיך אַלײן האָט נישט געהאָלפֿן. זי האָט זיך געפֿילט באַלײדיקט פֿון אים, און בשום אופֿן נישט פֿאַר־שטאַנען הלמאי זי האָט זיך אַפֿילו באַלײדיקט.

— װאָס גײט ער מיר אָן? — האָט זי זיך נישט אױפֿגעהערט צו פֿרעגן, אָבער צוזאַמען מיט דער פֿראַגע איז געװאַקסן אין איר נאָך אַ פֿראַגע:

— מײן איך טאַקע פֿאַר אים גאָרנישט?

הער אַ מעשה! בײ אירע און בײ זײנע עלטערן איז אַ קלאָרע זאַך, אַז זײ בײדע זײנען אַ פּאָר, און דאָ דערצײלט ער איר גאָר אַ מעשה, אַז װײל ער איז אַן ארץ־ישראלדיקער!

— אָבער אפֿשר האָט ער גאָר עמעצן אין פּאַריז, האַ?

אָט דער געדאַנק איז איר געקומען אַזױ פּלוצלונג, אַז זי אַזש איבער־ראַש געװאָרן פֿון אים.

די איבערראַשונג איז געװען פֿאַר איר דאָס, װאָס אַנשטאָט זיך דער־פֿרײען האָט זי גאָר דערפֿילט אַ פֿאַרדראָס.

— האָסטו געהערט? מיר שרײבט ער ליבעס־בריװ, און דאָרטן אין פּאַריז איז גאָר דאָ אַן אַנדערע!

— װער איז זי? װי אַזױ קוקט זי אױס?

פּרובירנדיק זיך אױסמאָלן דאָס מײדל, װאָס ער האָט איבערגעלאָזט אין פּאַריז, האָט זי זיך דערמאָנט די בריװ, װאָס ער האָט צו איר גע־שריבן די גאַנצע צײט.

— ערשט אין לעצטן בריװ האָט ער מיר דאָך געשריבן, אַז...

דאָ האָט זי זיך שטיל צעלאַכט פֿון זיך אַלײן און פֿון דעם אײנפֿאַל, װאָס איר איז אײנגעפֿאַלן, אַז ער האָט עמעצן אין פּאַריז געלאָזן.

— נאַרישקײטן!

— אָבער פֿאַרװאָס אַזאַ האַלטונג צו מיר?

— סיידן ער ווייסט וועגן מיר און שלומען!

דאָ איז איר איינגעפֿאַלן, אַז אפֿשר האָט גאָר שלום אַליין אים שוין באַוויזן צו זען און אים דערציילט, און טראַכטנדיק וועגן אַזאַ מעגלעכ־קייט האָט זי דערפֿילט אַ פֿאַרדראָס אויף שלומען.

— אַזוינס דאַרף ער לאָזן אינגאַנצן צו מיר!

דער שלאָפֿלאָזער אומרו האָט זי אַרויסגעטריבן פֿון בעט. זי האָט זיך געשטעלט ביים אָפֿענעם פֿענצטער און לאַנג געקוקט אין דער נאַכט אַריין.

די לופֿט האָט געוויעט אויף איר מיט דינעם מאַראַנצן־ריח, אויס־געמישט מיט דער שאַרפֿקייט פֿון געטראָטענע ווייַנטרויבן. פֿון צייט צו צייט האָט זיך אַ ריס געטאָן אין אירע אויערן אַריין דאָס היסטערישע געוויין פֿון אַ שאַקאַל, און פֿון אויבן האָט אַרונטערגעקוקט צו איר אַ העל־בלויער הימל מיט גרויסע פֿינקלדיקע און אַ פֿולע בלוי־זילבערנע לבנה.

— שלום, אפֿשר קאָנסטו מיר דערקלערן מיין ליבשאַפֿט צו דיר, און מיין אייפֿערזיכטיקייט צו מנשהן?

אויף מאָרגן נאָך פֿרישטיק איז זי אַריבערגעגאַנגען צו די זאַמדן, וואו שלום האָט געאַרבעט מיט זיין טאַטשקע.

—וואָס מאַכסטו, שלום?

— תודה, דבורה?

ער האָט געשטופּט די טאַטשקע מיטן אָנגעפֿילטן זאַמד, און זי האָט געשפּאַנט לעבן אים אַ דערשלאָגענע.

זי האָט געוואָלט צו אים רעדן. זי האָט געהאַט אַזוי פֿיל אים צו זאָגן, ביי אים צו פֿרעגן, אָבער נישט ווייסנדיק פֿון וואַנען אָנצוהויבן, האָט זי גלאַט אַזוי אַ פֿרעג געטאָן:

— פֿון ווען אָן הייס איך ביי דיר דבורה?

— איז דאָס נישט דיין נאָמען?

זי האָט אַ געצוואונגענעם שמייכל געטאָן, און שטיל און טרויעריק באַמערקט:

— געוויינלעך הייס איך ביי דיר דבורהלע.

שלום האָט אָפּגעשטעלט די טאַטשקע ביי אַ טאַליקן אָרט, אַ קוק געטאָן אויף דבורהן, ווי ער וואָלט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער גע־

זאָגט האָט ער גאָרנישט. ער האָט גענומען מיט דער לאָפּעטע אויסשיטן דאָס זאַמד.

זי האָט געוואַרט ביז ער האָט אויסגעליידיקט דאָס זאַמד פֿון דער טאַטשקע, און ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן אומצוקערן צוריק צום בערגל, וואו אַבו איז געשטאַנען, האָט זי אים געבעטן בלייבן שטיין:

— עס איז איצט אַרבעט־צייט, דבורה.

— בלויז אַ מינוט, איך וויל מיט דיר רעדן.

— זע מיך אין אָוונט.

— איך קאָן נישט.

— נו, יאָ — האָט ער אַ ברום געטאָן, און אָנגעמענדיק דאָס הענטל פֿון דער טאַטשקע, האָט ער צוגעלייגט:

— די אָוונטן געהערן צו אים.

ער האָט געשטופּט די טאַטשקע און זי איז געגאַנגען ביי זיין זייט. פּלוצלונג איז זי געבליבן שטיין און געפֿרעגט ביי אים אין אַן ערנסטן און באַזאָרגטן טאָן:

— ביסט אייפֿערזיכטיק אויף מנשהן?

שלום איז געבליבן שטיין און קוקנדיק אויף איר, האָט ער שטיל און זייער פּשוט געזאָגט:

— יאָ, איך בין אייפֿערזיכטיק. איך וועל אויפֿגעגעסן פֿון אייפֿערזוכט.

— שלום!

— יאָ, דבורה!

— פֿאַרשטיי מיך, שלום, פֿאַרשטיי.

ער האָט אַ שטופּ געטאָן פֿאָראויס די טאַטשקע, און זי איז געבליבן פֿון הינטן נאָכקוקנדיק אים מיט טרערן אין די אויגן.

דבורה ווערט גברת פוכאַנין

אַבו כאַסאַן האָט געבראַכט דבורהן די נייעס, אַז ער האָט נעכטן אָונט געהערט אין זיין וואַדי־לאַכאַר, אַז האַוואַדזשי סאַלים איז אויפן וועג מיט זיינע לעגיאָנערן אין דער געגנט אַריין, און אַז מען האָט אים געזאָגט, אַז אָט דאָ נישט ווייט אַרום לוד וועט זיין זייער לאַגער אויף אַ שטיקל צייט.

— און וואָס קלויבסטו זיך צו טאָן? — איז דבורה אומרואיק געוואָרן.

— איך וועל זיך אַריבערכאַפּן אים זען — האָט אַבו כאַסאַן געזאָגט, און די אויגן האָבן זיך ביי אים צעגליט.

— מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק — האָט אַדון מנשה פוכאַנין אים געוואָרנט, און דערביי מוסיף געווען:

— די מלחמה איז נאָך אינגאַנצן ניט פאַראיבער.

אלישבע האָט אָפּגעפירט אַבון אין קיך אַריין און צוגעהאָלפן פאַט־מאַן אים אָנצוקאָרמענען.

מנשה פוכאַנין האָט זיך געגרייט אָפּצופאָרן אויף זיינע פּלאַנטאַציעס, אָבער זעענדיק די צערודערטקייט אויף דבורהס פּנים איז ער פאַרבליבן אַביסל לענגער מיט איר.

— דבורהלע, מיר וועלן אים באַזוכן אין לאַגער, און דו וועסט באַ־נייען אָן אַלטע פריינדשאַפט.

דבורה האָט אַ געצוואונגענעם שמייכל געטאָן, און אָפּנהאַרציק גע־זאָגט צו איר מאַן:

— ווער ווייסט צי ער געדענקט מיך נאָך אַפילו.

מנשה האָט אַרומגענומען זיין ווייב, צערטלעך זי אַ דריק געטאָן צו זיך און זיך באַמיט אַ ווייצל צו טאָן:

— די ערשטע ליבע פאַרגעסט זיך נישט — האָט ער געזאָגט, און דערנאָך מוסיף געווען:

— ווי זאָגט מען דאָרט ? — אַן אַלטע ליבע...

— נו, געגוג, געגוג — האָט זי אים איבערגעשלאָגן, און ווי וועלנדיק פֿאַרגיטיקן אים פֿאַר זײַן גוטסקייט און צערטלעכקייט, האָט זי אים גע־קושט, און געזאָגט:

— אַלע יאָרן געטראַכט, אַז איך האָב אים שלעכטס געטאָן, נו, דאַנ־קען גאָט, אָט איז ער אַ העלד ביי יידן!

ווען מנשה איז אַוועק איז דבורהן געקומען אויפֿן זינען, אַז אָט דער אבו איז ווי עפּעס אַ שטענדיקע דערמאָנונג אָן שלומען.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז עס איז געווען דער זעלבער אבו, וואָס האָט איר דעמאָלט געבראַכט דאָס בריוול פֿון אים.

— אַ בריוו פֿון סאַלימען — האָט ער דעמאָלט געזאָגט צו איר, און ווייל עס איז דעמאָלט געווען אָוונט, און דאָס בריוול האָט ער איבער־געגעבן אין דרויסן פֿון הויז, איז זי געוואָרן אַזוי אומגעדולדיק, אַז זי האָט זיך גענומען בעטן ביי אים מיט ציטערניש אין קול:

— אַבו, וואָס שרייבט ער אין בריוול?

— איך ווייס נישט — האָט ער געענטפֿערט זייער שטיל און אַראָפּ־געלאָזט די אויגן צו דער ערד.

— אַבו?

— איך ווייס נישט — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, און רעדנ־דיק מער צו זיך, ווי צו איר, האָט ער שטיל אַ מורמל געטאָן:

— איין זאַך נאָר ווייס איך.

— וואָס ווייסטו, אַבו? — האָט זי געפֿרעגט און געציטערט פֿון שרעק.

— אַז ער איז אַ נאַר.

— ווער איז אַ נאַר?

— סאַלים איז אַ נאַר.

—— מיט וואָס איז ער אַ נאַר? — האָט זי זיך אין אים געקלאַמערט.

— איך וואָלט נישט אַוועקגעפֿאָרן און דיך געלאָזט פֿאַר עמעצן אַנ־דערש — האָט אַבו דעמאָלט אַ שיפּע געטאָן און זי איבערגעלאָזט.

— אַבו! — האָט זי אים נאָכגעשריגן, אָבער ער האָט זיך נישט אומגעקוקט.

שפּעטער, ווען זי האָט ביי זיך אין צימער איבערגעלייענט שלומס בריוול, איז זי לאַנג געזעסן ביי זיך אויפֿן בעט און שטיל געוויינט.

— אַ נאַר! אַ נאַר! — האָט זי געמורמלט צו זיך.

געוועזן מאָמענטן, ווען זי האָט געפילט אַריינצוגיין צו טאַטע־מאַמען, דערציילן פאַר זיי, וואָס עס האָט געטראָפן מיט איר, און פאָדערן, אַז זיי זאָלן איר העלפן צוריקבריינגען שלומען, אָבער זי האָט דאָס דאָך נישט געטאָן. פשוט קיין כח נישט געהאַט דאָס צו טאָן, ווייל טיף אין איר האָט געשלאָגן אַן אַנדער כח — אַ כח, וואָס איז איר יענעם מאָמענט אַפילו געווען פרעמד און פיינדלעך, אָבער דאָך האָט ער זי געהאַלטן איינגעקלאַמערט, און זי דערפירט צו הילפלאָזיקייט. זי האָט געשטוינט פון איר אייגענער הילפלאָזיקייט אַנטקעגן דעם כח, און דאָך האָט זי געבויגן אין אונטערגעגעבנקייט איר קאָפ צו אים:

— מנשה — האָט זי שטיל גערופן דעם נאָמען, און אויסציִענדיק זיך אויף איר בעט אין אירע קליידער, האָט זי מיט וויינענדיקן געבעט געפרעגט:

— וואָס זאָל איך טאָן, מנשה?

אויף מאָרגן אין דער פרי איז זי אויפגעשטאַנען מיט אַ גרויסער גלייכגילטיקייט אין איר געמיט. זי האָט אויפגעהויבן דאָס צעקנייטשטע בריוול, וואָס שלום האָט איר איבערגעשיקט דורך אַבו כאַסאַנען, נאָכ־אַמאָל דורכגעגאַנגען מיט די אויגן די שורות:

— פון מיר צו אים איז אַ גאַנג באַרג אַרויף. עס קומט דיר עפּעס בעסערס, ווי איך בין. איך ווינטש דיר גליק — זייט ביידע גליקלעך!

— עפּעס בעסערס? — האָט זי געפרעגט, און געקנייטשט אין דער האַנט דאָס בריוול.

זי האָט אויפגענומען די שורות מיט פאַרגליווערטער גלייכגילטיקייט, און ווען זי האָט דערלייענט ביזן סוף, אַז ער איז אויפן וועג קיין אַמע־ריקע צום פעטער, האָט זי נאָך שטאַרקער צונויפגעדריקט דאָס בריוול אין דער האַנט און לאַנג געקוקט דורכן פענצטער אין דער ווייטקייט אַריין.

מנשה האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען אָפטער אין שטוב אַריין און זי האָט זיך גאָרנישט געוואונדערט, וואָס זיין באַציאונג האָט זיך אינגאַנצן געביטן צו איר. אַנשטאָט אָפּגעבן די מערסטע צייט צו אירע עלטערן, איז איצט זיין צייט געווען אירע.

— דבורהלע, זע ס׳אַראַ בראַסלעט — האָט ער אויסגערופֿן עפּע־נענדיק אַ שאַכטעלע פֿאַר אירע אויגן, און כּדי עס זאָל אויסקוקן נאַטיר־לעך, וואָס ער האָט זיך ערשט איצט, נאָך אַ פּאָר וואָכן שוין זײַן אין אשל־יהודה קוים דערמאָנט מיט אַ מתּנה, האָט ער דערקלערט:

— ערשט נעכטן אָנגעקומען מײַן באַגאַזש.

שפּעטער זײַנען געקומען נאָך מתּנות. יעדן אָוונט פֿאַר אַ לענגערער צײַט האָט ער עפּעס געבראַכט, ווי יעדן אָוונט וואָלט די באַן אים איצט געבראַכט אַן אַנדער פּעקל פֿון פּאַריז.

זי האָט אָנגענומען די מתּנות, ווי אומפֿאַרמײַדלעכע נאַטירלעכקייטן, געדאַנקט פֿאַר זיי, נאָר ווען ער האָט זי געבעטן צו פֿאַרברענגען מיט אים אַ טאָג, האָט זי פֿונדעסטוועגן שטענדיק געפֿונען אַן אויסוועג.

— מאָרגן איז אוממעגלעך פֿאַר מיר, מנשה.

— טאָכטערל, פֿאַר אַרויס, וועסט זען, וואָס מנשה טוט אויף מיט די מאַראַנצן־בוימער — האָט די מוטער זיך געפּרובירט אַרײַנמישן, אָבער מנשה האָט געהאַלטן, אַז עס איז ניט אַזוי וויכטיק.

— מיר וועלן זיך זען אין אָוונט, האַ? — האָט מנשה בײַם געזע־גענען זיך מיט איר געפֿרעגט.

— יאָ, מנשה — האָט זי געענטפֿערט, און דערפֿילט אַ דאַנקבאַרקייט צו אים פֿאַר זײַן פֿאַרזיכטיקייט און צערטלעכקייט:

— אומבאַדינגט אין אָוונט.

אין יענע טעג האָט זי ליב געהאַט צו זײַן אַ סך צײַט מיט זיך אַליין. אירע עלטערן האָבן דאָס דערפֿילט און זי צורו געלאָזט.

איינמאָל האָט זי צופֿעליק איבערגעכאַפּט אַ פּאָר באַמערקונגען צווישן איר פֿאָטער און מוטער, וואָס האָבן געגעבן אָנצוהערעניש, אַז שלום איז נישט גלאַט אַזוי אַוועקגעפֿאָרן, נאָר אַז ער האָט גענומען אַ פֿרײַנדלעכע עצה דאָס צו טאָן.

— ווער האָט אים געגעבן אָט די פֿרײַנדלעכע עצה — איר פֿאָטער? אָדער האָט אפֿשר גאָר מנשה אַליין מיט אים געהאַט אַ שמועס, און עס איז געווען מנשהס פֿרײַנדלעכע עצה צו וועלכער ער האָט זיך צוגעהערט?

יענעם פֿרימאָרגן, ווען זי האָט איבערגעכאַפּט די באַמערקונגען פֿון טאַטע־מאַמע, האָט זי אויפֿגעציטערט, און די פֿראַגע ווער עס האָט שלומען געגעבן די פֿרײַנדלעכע עצה האָט איר אַ ווײַל געמאַטערט. אָבער נישט

מער, ווי אַ וויִיל. שפּעטער איז זי צוריק אַריינגעפֿאַלן אין איר גלייכגילטיקייט, און זיך געלאָזט פֿירן פֿון דעם, וואָס איז געווען אַרום איר מיט דער נאָכגיביקייט פֿון אַ געשלאָגן קינד.

— מסתּמא דאַרף זיין אַזוי און נישט אַנדערש!

אָפּטמאָל האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי פֿילט אַ שנאה צו מנשהן, אָבער אין די אָוונטן האָט זי פֿונדעסטוועגן אויף אים געוואַרט. ערגעץ־וואו האָט זיך דאָך געשפּילט אין איר אַ שטיקל באַפֿרידיקונג פֿון דעם, וואָס ער איז אַזוי פֿאַרליבט אין איר.

— די פֿאַריזער מאַדמואַזעלן האָבן אים דאָך נישט געקאָנט צונעמען פֿון מיר — האָט זי אַמאָל צו זיך אַ טראַכט געטאָן.

און אַז די פֿאַריזער מאַדמואַזעלן וואָלטן מסתּמא געוואָלט אים צונעמען איז זי געווען זיכער, וואָרעם כאָטש זי איז געווען פֿאַרליבט אין שלומען, האָט זי פֿונדעסטוועגן געזען מנשהס מעלות.

— אַ שיינער בחור איז ער דאָך, אַ געלערנטער אויך, איז נו, יאָ, אוודאי.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען זי האָט אַזוי געטראַכט פֿון אים איז ער געקומען און איז גלייך צוגעשטאַנען, אַז זי זאָל מיט אים אַרויסגיין אַביסל אויף אַ שפּאַציר:

— די לופֿט איז פֿול מיט געפּרעסטע וויינטרויבן — האָט ער געזאָגט, און זי האָט אים צוליב געטאָן.

יענער אָוונט איז דווקא געווען נישט קיין לבנהדיקער, און אַז אין יהודה איז דער אָוונט נישט קיין לבנהדיקער איז די טונקלקייט אַזאַ, וואָס הויבט זיך אויף פֿון צייט צו צייט, ווי אַ טונקעלער שלייער פֿאַר די אויגן און פֿאַרשטעלט פֿאַר דיר דעם וועג.

האָט ער דערפֿאַר גלייך ביים אַרויסגאַנג פֿון הויז גענומען איר אָרעם, און עס איז געווען, ווי די טונקלקייט האָט זיי נעענטער געמאַכט. זיי זיינען געגאַנגען צונויפֿגעדריקט איינער לעבן אַנדערן איבערן שמאָלן שטעגעלע, וואָס האָט געפֿירט צו זיין פֿאָטערס וויינגאָרטן. פֿון צייט צו צייט האָט זיך אַ ריס געטאָן אין דעם חושך אַריין דאָס געוויין פֿון אַ שאַקאַל, און ער האָט וועגן אָט דעם שאַקאַלן־געוויין באַמערקט:

— דו ווייסט גאָרנישט, וויפֿיל מאָל איך האָב אין פֿאַריז געבענקט נאָך אָט דעם שאַקאַלן־געוואוי!

— אַזוי אַנגענעם איז דאָס דיר?

ער האָט אין דער טונקלקייט אַרומגענומען מיט זיין אָרעם איר טאַליע, זי צוגעדריקט צו זיך און שטיל גערעדט:

— אין דער פרעמד איז די היימישקייט פון דער היים דיר נאָך היימישער, און אַז דו בענקסט, איז די בענקשאַפט אין דיר נאָך אַפּטמאָל שטאַרקער נאָכן צער פון דער היים, ווי נאָך דער פרייד אין איר.

— עס דאַכט זיך דיר אויס אַז מיט דיין זיין אין דער היים, ווערסטו אפשר דעם צער פאַרלינדערן — האָט זי נישט ווילנדיק פאַרגעזעצט זיינע רייד, ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך אַליין.

פלוצלונג האָט ער אַ נעם געטאָן איר פּנים אין זיינע הענט און דאָס אַנגעהויבן באַדעקן מיט קושן:

— דבורהלע, טייערע.

—אוי, מנשה — האָט זי זיך שטיל געצאַפּלט, אָבער דאָס פּנים אירס פון זיינע ליפּן האָט זי נישט צוריקגעצויגן.

זיי האָבן דערפילט די צאַם פונם וויינגאָרטן לעבן זיך, און זיי האָבן זיך אַנגעשפּאַרט אָן איר.

די לופט איז געווען קיל, אָבער דער ריח פון געפּרעסטע וויינטרויבן האָט די לופט ווי וואַרעמער געמאַכט.

— דבורהלע.

— יאָ, מנשה?

— איך האָב דיך ליב, דבורהלע, שטאַרק ליב!

ער האָט אין דער טונקלקייט גענומען אירעביידע הענט, און שטיל צו איר געזאָגט:

— דבורהלע, לאָמיר גאָר נעמען און חתונה האָבן, וועלן מיר ביידע העלפן איינער דעם צווייטן צו טראָגן דאָס לעבן דאָ אויף די פּלייצעס.

אָט אַזוי האָט ער צו איר געזאָגט, און זי איז נישט איבעראַשט געווארן פון דעם, וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיינע ליפּן. נישט וואַרטנדיק אויף דעם מיט קיין צאַפּלענדיק האַרץ, האָט זי דאָך געוואוסט, אַז דאָס וועט קומען, און אַז זי וועט דעם אַנטקעגנגיין.

אָבער זי איז פֿאָרט דאַנקבאַר געווען מנשהן פֿאַר דעם אופֿן, ווי ער האָט זיך געווענדט צו איר. יעדער אַנדער אופֿן וואָלט איר אפֿשר געווען דערווידער און וואָלט זי זיכער אויפֿגערעגט. די ליבעס־דערקלערונגען, וואָס זי האָט דערוואַרט פֿון אים אין יענעם לבֿנהדיקן אָוונט נישט דער־פֿאַר, ווייל זי האָט אים ליב געהאַט, נאָר דערפֿאַר ווייל איר יונג־מיידלש־קייט האָט געגאַרט צו הערן אַזוינס פֿון אַ בחור, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אומגעקערט פֿון פּאַריז, וואָלטן איצט קיין זין נישט געהאַט! איצט איז זי געווען זיכער, אַז מנשה האָט געהאַט אַ שמועס מיט שלומען. ביי איר איז אויסגעקומען, אַז זי ווייסט אַפֿילו, וואָס מנשה האָט צו אים גערעדט.

— דבורה און איך זיינען אויסגעוואָקסן צוזאַמען, ווי חתן־כּלה. איך פֿאַרשטיי איר פֿאַרליבן זיך אין דיר. דו ביסט אַ וואוילער בחור, אָבער איך גלויב נישט, אַז זי וועט זיין גליקלעך מיט דיר.

אָט אַזוי, איז זי געווען זיכער, האָט מנשה גערעדט צו שלומען, און ער? וואָס שלום האָט געענטפֿערט איז זי נישט געווען אַזוי זיכער, אָבער דער פֿאַקט, וואָס ער האָט אויפֿגעגעבן און איז אַוועקגעפֿאָרן, האָט איר געגעבן דאָס געפֿיל, אַז אַזוי האָט געדאַרפֿט זיין, וואָרעם אַנדערש וואָלט ער דאָך נישט אויפֿגעגעבן און אַוועקגעפֿאָרן.

מנשה האָט אַלץ געגלעט אירע הענט, און אַנגעשטרענגט געוואַרט אויף איר ענטפֿער.

— עס איז אַזוי טונקל אַרום מיר — האָט זי ענדלעך אַרויסגערעדט און צוגעבויגן איר קאָפּ צו זיין אַקסל.

מנשה האָט אויפֿגעציטערט און שטיל גערעדט מיט אַ סך צערט־לעכקייט אין קול:

— מיר וועלן אָנצינדן אַן אייגענעם שייטער, און עס וועט ליכטיק ווערן אַרום אונדז ביידן.

— דו פֿילסט אויך די טונקלקייט? — האָט זי געפֿרעגט.

—— מיר זיינען ביידע קינדער פֿון עלטערן, וואָס זיינען פֿון חושך אַנטרונען געוואָרן, וועלן מיר ביידע אויך פֿאַר זיי אַ שייטער זיין.

די חתונה־צערעמאָניע געדענקט נישט דבורה שוין אַזוי קלאָר. עס געדענקט זיך איר אָבער זייער קלאָר דער טאַנץ־אָוונט אין דעם שאַלאַש,

וואו עס שטייט היינט דער „בית־העם". צוזאַמען מיט די תּושבים פֿון אשל־יהודה זיינען אויך געווען בחורים און מיידלעך פֿון די שכנישע ישובים. עטלעכע אַראַבער אויך און צווישן זיי אַבו כּאַסאַן.

מען האָט געטאַנצט ביים סוף פֿון אָוונט אַ „האָרע" און איר מיט מנשהן האָט מען אויך אַריינגעצויגן אינם האָרע־טאַנץ, שפּעטער האָבן אירע בליקן זיך באַגעגנט מיט אַבו כּאַסאַנס בליקן, האָט זיך איר אויס־געדאַכט, אַז זיינע אויגן קוקן מיט שנאה צו איר. קיין וואָרט האָט ער צו איר נישט געזאָגט. נישט יענעם אָוונט, און נישט פֿאַר די אַלע יאָרן, וואָס איר איז אויסגעקומען אים צו באַגעגענען, נאָר זיינע בליקן האָבן שטענדיק גערעדט, דערמאָנט און עפּעס ווי געשטראָפֿט.

און דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען, ווי עס האָט אַ טבע צו גיין אַפֿילו ווען עפּעס פֿאַרטשעפּעט דעם ביי אַ פֿוס. אין דער צייט פֿון דער פֿאַר־טשעפּעניש טוט וויי און מען צעהינקט זיך, אָבער ביסלעכווייז גייט איבער דער ווייטיק און דאָס הינקעניש הערט אויף ביז עס קומט אַ נייע פֿאַר־טשעפּעניש מיט אַ ניי הינקעניש און מען פֿאַרגעסט אין דעם פֿריער־דיקן.

אָבער דבורה קאָן זיך נישט באַקלאָגן, אַז נאָך יענער פֿאַרטשעפּעניש און הינקעניש זיינען געקומען אין איר לעבן נאָך אַנדערע.

אדרבה, אויף וויפֿיל מען קאָן בכלל דערוואַרטן פֿונעם לעבן האָט זי צו אירן נישט קיין באַזונדערע טענות.

איר לעבן מיט מנשהן איז אַוועקגעגאַנגען אַ געזונטן גאַנג. זי האָט מיט אים צוזאַמען אָנטייל גענומען אין דער שווערער צעאַקערונג פֿון דער האַרטער, נישט גרינג־נאָכגעביקער ערד פֿון אשל־יהודה. זיי האָבן צוזאַמען געזייט און זוכה געווען צו גוטן שניט אויך, די נחלות פֿון אירע און זיינע עלטערן האָבן זיך שפּעטער צונויפֿגעגאָסן אין איינס און סיי אירע און סיי זיינע עלטערן האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים אויסצולעבן זייערע עלטערע יאָרן.

אשל־יהודה איז זיך צעוואַקסן נישט קוקנדיק אויף דער שווערקייט מצד דער טערקישער מאַכט. עס זיינען צוגעקומען ביסלעכווייז נייע תּושבים און דער זאַמדיקער שטח האָט זיך אין לויף פֿון יאָרן באַדעקט מיט גרינס. די וויינגערטנער זיינען באַרימט געוואָרן מיט זייערע אַלי־

קאַנט און מאָסקאַט־טרויבן, די מאַראַנצן־גערטנער מיט זייערע פּולע, רונ־דע שמעקעדיקע מאַראַנצן, וואָס האָבן געפֿונען זייער וועג אין די לענדער פֿון אייראָפּע און אַמעריקע. דאָס אייגענע אויך די ניס־פּלאַנטאַציעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שלאָגן פֿון זיך מיט אַ מאַנדל־שפּע.

מנשה פּוכאַנין איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער תּושב נישט נאָר אין אשל־יהודה, נאָר אין גאַנצן ישוב פֿון יהודה. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער נישט נאָר, ווי איינער פֿון די פּעאיקסטע אַגראָנאָמען, נאָר אויך ווי אַן עסקן און אַ פּאָליטישער פּירער, וואָס האָט געוואוסט ווי אַזוי אַרומצוגיין מיט טערקישע באַאַמטע, אַראַבישע גוט־באַזיצער און אויך מיט די פּשוטע אַראַבער פֿון די שכנישע שטעט און דערפֿער. מיט זיין איניציאַטיווע זיינען אויסגעבויט געוואָרן אין אשל־יהודה עטלעכע זייער נויטיקע געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען די פֿיינע געביידע פֿון דעם „בית־העם״.

דבורה אַליין, נישט קוקנדיק וואָס זי האָט אָפּגעגעבן אַ סך צייט פֿאַר דעם טעכטערל, וואָס איז זייער גיך געקומען, איז פֿונדעסטוועגן ביסלעכ־ווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אין די געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייטן פֿון איר ענערגישן מאַן, און שפּעטער איז זי געוואָרן איינע פֿון די הויפּט־אָנפֿי־רערינס פֿון די פֿרויען־אָרגאַניזאַציעס סיי פֿון אשל־יהודה און סיי פֿון די יידישע ישובים אין דער געגנט.

דאָס הויז פֿון די פּוכאַנינס איז איצט געווען דאָס אָנגעזעענסטע און פֿאָרנעמסטע אין אשל־יהודה. געשטאַנען איז דאָס אויפֿן זעלבן אָרט, וואו עס איז פֿריער געשטאַנען דאָס הויז וואו דבורה האָט געלעבט אירע מיידלשע יאָרן מיט אירע עלטערן. דאָס אַלטע, פּרימיטיווע הויז איז אַרונ־טערגענומען געוואָרן און אויסגעבויט איז געוואָרן אַ ניי גרויס הויז, וואָס האָט געהאַט אויפֿן אויסקוק אַ געמיש פֿון אַזיאַטישן און אייראָפּעאישן סטיל. די ווינקלען און די נידעריקע אָפּדעכלעך געדעקט מיט קאָלירקע ציגל־ברעטלעך האָבן דעם געגעבן אַ טאָן פֿון מיסטעריעזער באַהאַל־טעניש, און דער ברייטער אַריינגאַנג ביי דער הויפּט־וועראַנדע און די גרויסע פֿענצטער האָבן דעם געגעבן אייראָפּעאישע רחבותדיקייט.

אַלץ אַרום דעם הויז האָט זיך שטאַרק געביטן. פֿון קליינעם גערטנדל איז געוואָרן אַ גרויסער און קאָלירקער גאָרטן, וואָס האָט געשאָטנט אויף

אַלע זייטן פֿון דעם צאַם מיט גרין־צעצווייגטע איקאַליפּטוס בוימער צו־געמישט דאָ און דאָרטן מיט שלאַנקע ציפּרעסן, וואָס זיינען געשטאַנען אויסגעצויגן, ווי יונגע נאַר־וואָס אויסגעוואַקסענע מיידלעך, וואָס קומען צום ערשטן מאָל אויף אַ באַל און זיינען באַוואוסטזיניק, אַז אַלע אַרום קוקן אויף זיי און באַוואונדערן זיי.

אַלץ האָט זיך געענדערט, אַ חוץ דער איינאונאיינציקער טייטלבוים וואָס איז געשטאַנען אויפֿן זעלבן אָרט נישט ווייט פֿונעם אַריינגאַנג צו דער הויפּט־ווערענדע.

ווען מנשה פּוכאַנין האָט אויסגעפּלאַנירט דעם גאָרטן, האָט ער מיט אָט דעם בוים געהאַט איינזעעניש, און דבורה איז אים געווען טיף דאַנק־באַר פֿאַר אָט דער איינזעעניש. נאָך מער איז זי אים געווען טיף דאַנק־באַר, וואָס זי האָט גאָרנישט געדאַרפֿט רעדן צו אים וועגן דעם. זיין פֿאַרשטענדעניש און גוטער טאַקט האָט זי אַזוי שטאַרק גערירט, אַז אין יענער צייט האָט זי אויפֿריכטיק געטראַכט, אַז עס איז געווען אַ נס, וואָס ער האָט זי נישט אויפֿגעגעבן. דעמאָלט איז איר שוין נישט געגאַנגען אַזוי אין דעם בוים גופֿא, ווי אין דער שיינער באַציאונג פֿון מנשהן צו איר, און עס זיינען שוין געווען מאָמענטן, ווען אָט דער בוים איז געווען פֿאַר איר נישט דווקא שלומס, וועלכער האָט אים פֿאַרפֿלאַנצט, נאָר אויך מנשהס, ווייל ער האָט אים געלאָזן אויפֿן אָרט וואו ער איז געפֿלאַנצט געוואָרן.

אוודאי זיינען דורך די יאָרן אויך געווען מאָמענטן, ווען זי האָט קוקנדיק אויפֿן בוים זיך פֿאַרטראַכט וועגן שלומען, און דעמאָלט פֿלעגט איר דורכלויפֿן אין געדאַנק:

— לעבט ער? איז ער גליקלעך? דערמאָנט ער זי אַמאָל?

אָבער אָט די מאָמענטן זיינען נישט געווען קיין צו אָפֿטע, און אַפֿילו ווען זי האָט זיך יאָ פֿאַרטראַכט איז מער נישט געווען קיין צער אין איר פֿאַרטראַכטקייט, נאָר גלאַט אַזוי אַ פֿאַרטראַכטן זיך פֿון וועלכן עס וועט אַפֿילו אַביסל זיסלעך אויפֿן האַרצן.

בלויז איין מאָל אין די לעצטע פּאָר יאָר, געדענקט זי, האָט זי זיך אַביסל לענגער פֿאַרטראַכט, און ביים פֿאַרטראַכטן זיך אַפֿילו דערפֿילט אַ שטילן ציטער אין זיך.

דאָס איז געווען עטלעכע חדשים אײדער די וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן. אַ גרופּע יוגנטלעכע פֿון תּל־אָביב האָבן געמאַכט אַן אויס־פֿלוג קיין אשל־יהודה, און ווי עס פּירט זיך נעמען די תּושבים אויף די געסט ביי זיך אין די שטיבער. אין איר שטוב איז געווען דער גאַסט דער יונגער בצלאל פֿערשטער פֿון תּל־אָביב. פֿאַרנאַכט האָט אים אַלישבע געבראַכט אין שטוב אַריין. זי און מנשה זיינען געווען ביז גאָר צופֿרידן, וואָס די טאָכטער האָט גראָד געבראַכט אָט דאָס בחורל. אויסער שיין, געראָטן און גוטע מאַניערן, איז ער דאָך אויך געווען דער זון פֿון דער אָנגעזעענסטער יידישער משפּחה אין תּל־אָביב. האָט מען דעם בחורל אויפֿגענומען מיט גאָר באַזונדערער אויפֿמערקזאַמקייט, און נאָכן עסן גע־לאָזן די קינדער אַליין.

—אַ פֿיין בחורל — האָט זי געזאָגט צו מנשהן, ווען זי איז אַריין צו אים אין קאַבינעט.

— ער האָט אין וועמען געראָטן צו זיין — האָט מנשה מיט גרויס צופֿרידנקייט געשמייכלט, און דערנאָך מוסיף געווען:

— אַ קליניקייט די פֿערשטערס!

— יאָ, זייער לייטישע מענטשן, די פֿערשטערס — האָט דבורה גע־שאָקלט צופֿרידן מיטן קאָפּ.

יענעם אָוונט פֿאַרן שלאָפֿן איז דבורה אַרויס אויף דער וועראַנדע און זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול אין אַ ווינקל, וואָס איז געלעגן איינגע־שאָטנט אין די בלעטערדיקע צווייגן פֿון אַן איקאַליפּטוס־בוים.

פּלוצלונג האָט זי דערהערט אַ שטיל־געמורמלעריי, און זי האָט אַ זוך געטאָן מיט די אויגן.

דער אָוונט איז געווען אַ ליכטיקער, אַ פֿול־לבנהדיקער, און זי האָט פֿון איר אָרט געזען, ווי איר אלישבע מיט בצלאלן שטייען לעבן טייטל־בוים, וואָס שלום האָט פֿאַרפֿלאַנצט. אלישבע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דעם שטאַם מיט איר קעפּל צווישן די בלעטער, און בצלאל אַנטקעגן איר, האַלטנדיק אירע הענט.

— איצט, פֿאַרדריסט מיך, וואָס איך פֿאָר אַוועק אין אַזאַ ווייטן לאַנד — האָט ער געמורמלט צו אלישבען.

— יאָ, אַמעריקע איז אַזוי ווײַט! — האָט אלישבע געענטפערט, און דבורה וואָלט געקאָנט שווערן, אַז זי האָט געהערט טרויער אין איר טאָכ־טערס ווערטער.

— עס איז נאָך ווײַטער, ווי מען שטעלט זיך פֿאָר — האָט ער זײַער שטאַרק באַדויערט.

— עס איז קאַליפֿאָרניע, וואָס איז אויף דער אַנדער זײַט פֿון אַמעריקע.

— אָבער פֿאַרוואָס אַזוי ווײַט? — האָט אלישבע געוואָלט וויסן.

— קאַליפֿאָרניע איז ענלעך צו ארץ־ישראל — האָט ער איר דער־קלערט, און צוגעגעבן:

— אינעם דאָרטיקן אוניווערזיטעט קאָן מען אַ סך לערנען, וואָס זאָל זײַן נוצלעך פֿאַר אונדזער לאַנד.

— אָבער עס איז אַזוי ווײַט פֿון דער היים — האָט אלישבע זיך געקלאָגט.

אַ ווײַל איז געוואָרן שטיל. אָבער באַלד האָט דבורה געקאָנט שווערן, אַז זי האָט געהערט, ווי צוויי יונגע הערצער קלאַפּן. עס האָט דערגרייכט צו איר אויער דער קלאַנג פֿון קושן און דערנאָך האָט זי געהערט אַ שטילן, פֿליסטערדיקן שמועס:

— וועסט בענקען נאָך מיר?

— און דו?

— ווי אָפֿט וועסטו מיר שרײַבן? — האָט אליבשע בײַ אים געפֿרעגט, און ער האָט געענטפֿערט:

— יעדן טאָג.

— יעדן טאָג?

דבורה האָט דערפֿילט, ווי זי ציטערט אויף מיט יעדן אבר. אויף אַ ווײַל האָט זי געהאַט דאָס געפֿיל, אַז נישט איר טאָכטער אלישבע און דאָס בחורל בצלאל פֿערשטער שטייען דאָרטן, נאָר אַז זי מיט שלומען שטייען דאָס אַזוי איצט דאָרטן, און דאָס קושעניש, פֿליסטערניש איז אירס און שלומס.

עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט ביז זי איז דעמאָלט געקומען צו זיך און צו דעם באַוואוסטזיין, אַז דאָרטן שטייט איר טאָכטער מיט בצלאלן און נישט זי מיט שלומען. און ווען זי האָט זיך ענדלעך דערפֿילט אַ באַהערשטע, האָט זי געהאַנדלט, ווי יעדע מאַמע וואָלט געהאַנדלט אין אַזאַ פֿאַל.

זי האָט זיך שטיל אויפֿגעהויבן פֿון שטול, זיך צוגערירט צו דער טיר, זי געעפֿנט און מיט אַ קלאַפּ זי צוריק צוגעמאַכט, רופֿנדיק דערביי איר טאָכטער:

— אלישבעלע!

— יאָ, מוטער — איז געקומען אַן ענטפֿער.

— צייט צו גיין שלאָפֿן.

באַלד האָבן זיך די צוויי יונגע מענטשן באַוויזן אויף דער וועראַנדע, און זי האָט זיך געווענדט מיט אַ פֿריינדלעכן טאָן אויך צו בצלאלן.

— און דו אויך, בצלאל.

— יאָ, גברת פוכאַנין — האָט בצלאל געענטפֿערט, און אַלע זיינען אַריין אין שטוב אַריין.

אַבו כאַסאַן באַזוכט האַוואַרדזשי סאַלימען אין לאַגער

די באַגעגעניש צווישן אַבו כאַסאַנען מיט אַדון שלומען איז פאַר־געקומען אויף אַזאַ אופן.

נאָכדעם, ווי דער טערקישער פראָנט איז אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן, און אַ גרויסע צאָל פון דער טערקישער אַרמיי איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט, האָבן אייניקע ענגלישע רעגימענטן אויפגעשלאָגן זייערע לאַגערן אין האַרץ פון יהודה. כאָטש קיין וואַפנשטילשטאַנד איז נאָך נישט אונטערגעשריבן געוואָרן און אויפן אייראָפּעאישן פראָנט האָבן די אַליאירטע זיך נאָך אַלץ געשלאָגן איז אָבער די לופט שוין געווען אָנגעפילט מיטן סוף פון דער מלחמה.

די הינדענבורג־ליניע, וואָס איז געווען די שטאַרקסטע באַפעסטיקונג פון דער דייטשישער מאַכט האָט זיך שוין היפש געבויגן אויף צוריק־וועגס אונטער די מעכטיקע קלעפּ פון די פרישע כוחות, וואָס אַמעריקע האָט באַוויזן אַריבערצוּוואַרפן קיין פראַנקרייך אונטער דער אָנפירער־שאַפט פון דעם גענעראַל פּוירשינג, און די דייטשישע דיפּלאָמאַטן האָבן שוין עפּנטלעך גערעדט וועגן די פערצן פונקטן, וואָס פּרעזידענט וואודראָ ווילסאָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט צוגעשטעלט פאַר באַדינגונגען פון שלום.

אָבער די ענגלישע רעגימענטן, וואָס האָבן אויפגעשלאָגן זייערע לאַגערן אינם האַרץ פון דעם באַפרייטן יהודה האָבן נאָך געהאַט היפשע פליכטן פאַר זיך.

קודם־כל די הונדערטער טויזנטער געפאַנגענע טערקן, וואָס זיינען געווען איינגעשלאָסן הינטער דראָטענע צאַמען.

מען האָט זיי יעדן פרימאָרגן געטריבן אַרויסנעמען אין גרופן אויף אַלערליי אַרבעטן און זיי באַוואַכן.

דאָס לאַנד גופא האָט זיך נאָך אויך געניטיקט אין מיליטערישע כוחות. די אַראַבישע עפענדיס האָבן אָפן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע און געוועקט אומצופרידנקייט אין די געמיטער פון דעם אַראַבישן פאָלק סיי קעגן די ענגלענדער, און סיי קעגן די יידן.

די בריטישע דיפּלאָמאַטן האָבן שוין אַפילו אָנגעהויבן זייער אַרבעט צו באַרואיקן די עפֿענדיס, אָבער ביז וואָס־ווען האָט מען נאָך אַלץ געדאַרפֿט דעם שאַרף פֿון דעם באַיאָנעט.

צווישן די ענגלישע רעגימענטן אין יהודה האָט אויך אויפֿגעשלאָגן זיין לאַגער אַדון שלום מיט זיינע אידישע לעגיאָנערן.

דער לאַגער איז שוין געלעגן אויסגעשפּרייט ביים זייט פֿונעם ברייטן וועג, וואָס פֿירט פֿון תּל־אָביב קיין ירושלים נישט ווייט פֿון דער אייזנבאַן־סטאַנציע לוד, וואָס איז נישט ווייט פֿון אשל־יהודה און וואַדי־לאַכאַר.

אין איינעם אַ טונקעלן אָוונט האָט איינער פֿון די נאַכטוועכטער פֿונעם יידישן באַטאַליאָן־לאַגער אויסגעשאָסן אין דער לופֿטן, וואָס איז געווען אַ סימן, אַז אַרום אים האָט זיך עפּעס געטראָפֿן.

דער סערזשאַנט פֿון דער נאַכט־שמירה, וואָס געפֿינט זיך געוויינלעך מיט זיין רעזערוו אין אַ ספּעציעלן שמירה־ביידל, איז באַלד געקומען צו־לויפֿן מיט זיין פּייפֿל און מיט זיין רעוואָלווער אין דער האַנט.

— וואָס איז געשען ?!

און ווירקלעך האָט עס אויסגעזען, אַז עפּעס האָט זיך געטראָפֿן, וואָרעם ווען דער סערזשאַנט איז צוגעקומען, האָט ער דערזען, ווי דער וועכטער־לעגיאָנער האַלט דעם שפּיץ פֿונעם באַיאָנעט אויף זיין ביקס לעבן דעם האַלדז פֿון אַ דערשראָקענעם אַראַבער.

— ער האָט זיך געוואָלט דורכגנבֿענען אין לאַגער אַריין — האָט דער וועכטער אָפּגעגעבן זיין באַריכט.

— האַוואַדזשי סאַלים! — האָט דער אַראַבער געמורמלט, און באַלד נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל.

— האַוואַדזשי סאַלים! האַוואַדזשי סאַלים!

— העי, פֿערשטער! — האָט דער סערזשאַנט אַ רוף געטאָן צום שמירה־ביידל, און ווען דער לעגיאָנער בצלאל פֿערשטער האָט זיך באַוויזן מיט זיין ביקס אין האַנט, האָט דער סערזשאַנט זיך געווענדט צו אים:

— דו פֿאַרשטייסט דאָך אַראַביש, געפֿין אויס, וואָס ער וויל, און וואָס עס האָט אים געבראַכט אַהער.

בצלאל פֿערשטער האָט גענומען אויספֿרעגן דעם אַראַבער און זיינע ענטפֿערס גלייך אויפֿן אָרט איבערזעצט.

— זיין נאָמען איז אַבו כאַסאַן. ער קומט פֿון דעם דאָרף וואַדי־לאַכאַר. ער זאָגט, אַז דער קוירנעל איז זיינער אַן אַלטער פֿריינד, און ער וויל זיך זען מיט אים.

— דער קוירנעל זיינער אַן אַלטער פֿריינד? — האָט זיך דער סערזשאַנט געוואונדערט.

— סאַלים! האַוואַדזשי סאַלים! — האָט אַבו כאַסאַן, שוין איצט דרייסטער ווי פֿריער געשריגן און ווייטער גערעדט צו בצלאל פֿער־שטערן אויף זיין לשון.

— האַוואַדזשי סאַלים מיין פֿריינד! זייער גוטער פֿריינד! — האָט דער אַראַבער געשריען, און ווייטער גערעדט.

— ער זאָגט, אַז דער קוירנעל האָט מיט יאָרן צוריק געאַרבעט מיט אים צוזאַמען ביי די זאַמדן אין אשל־יהודה — האָט בצלאל פֿערשטער ווייטער איבערזעצט און אַליין צוגעלייגט צום סערזשאַנט:

— דאָס איז אמת, מיר איז דאָס באַקאַנט.

— איז וואָס זשע טוט מען מיט אים? — האָט דער סערזשאַנט זיך געקווענקלט, קוקנדיק אָט אויפֿן אַראַבער און אָט אויף בצלאלן.

— איז דאָס זייער וויכטיק? — האָט בצלאל געפֿרעגט ביי אַבון.

— זייער וויכטיק! — האָט אַבו זיך געהיצט.

דער סערזשאַנט האָט אַ ווייל זיך געשלאָגן מיט דער דעה, ווי צו האַנדלען. ער וואָלט אים געקאָנט איינשפּאַרן אין דעם דראָטענעם אַפּצאַם פֿאַר אַרעסטירטע און אים דאָרטן האַלטן ביז אין דער פֿרי, אָבער ער האָט געטראַכט: אַ קשיה אויף אַ מעשה? אפֿשר האָט אָט דער אַראַבער וויכטיקע אינפֿאָרמאַציע.

סוף כּל סוף איז ער געקומען צו אַ באַשלוס, און ער האָט באַפֿוילן בצלאלן צו נעמען דעם אַראַבער אינם שמירה־ביידל אַריין.

— איך וועל לאָזן וויסן דעם קוירנעל, און וועל באַלד זיין צוריק.

אינם שמירה־ביידל האָבן די רעזערוו־וועכטער געדרעמלט האַלב זיצנדיק און האַלב ליגנדיק אויף זייערע רוקזעק. די ביקסן זיינען גע־שטאַנען מיט די שפּיצן פֿון די אַנטבלויזטע באַיאָנעטן. דער קאַרפּאָראַל פֿון דער שמירה איז אויך נישט געווען אינעווייניק. ער איז געווען אויף אינספּעקציע ביי די אַכט וועכטער, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום דעם לאַגער. אויפֿן האַלצערנעם אַנשפּאַר אין דער מיט פֿונעם ביידל האָט

אַראָפּגעשיינט, ווי אַן אָפּן פֿאַרשלאָפֿן אויג, אַ מאַט נאַפֿט־לעמפּל. בצלאל פֿערשטער איז געווען אויג אויף אויג מיט אַבו כאַסאַנען און זיי זיינען געזעסן איינער קעגן אַנדערן אויף בענקלעך.

— ביסטו טאַקע פֿון וואַדי־לאַכאַר? — האָט בצלאל פֿערשטער נאָכ־אַמאָל גענומען פֿאָרשן.

— פֿון וואַדי־לאַכאַר — האָט אַבו כאַסאַן באַשטעטיקט.

— וואָס איז דער נאָענטסטער יידישער ישוב פֿון וואַדי־לאַכאַר! — האָט ער ווייטער געפֿאָרשט.

— אשל־יהודה — האָט אַבו כאַסאַן געענטפֿערט, און צוגעלייגט:

— ראשון־לציון, רחבות, נס־ציונה זיינען אויך נישט ווייט פֿון מיין דאָרף.

— און וועמען קענסטו אין אשל־יהודה?

— וועמען איך קען?

אַבו כאַסאַן האָט אַ בליץ געטאָן מיט זיינע טונקעלע אויגן, אַ רייב געטאָן מיט דער רעכטער האַנט דאָס שוואַרצע בערדל איבער דעם קין און זיך צערעדט:

— געבענטשט זאָל זיין אַללאַ, איך קען אַלעמען, און אַלע קענען אַבו כאַסאַנען.

אַט אַזוי האָט ער זיך צערעדט און מיט פֿאַרכלינעטקייט אין מויל, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אויך האַוואַדזשי סאַלימען קען איך פֿון אשל־יהודה! געאַרבעט מיט אים צוזאַמען ביי די זאַמדן. ער מיט אַ טאַטשקע און איך מיט אַ לאָפּעטע. אַך, ס'אַראַ יונג ער איז דאָס געווען, און ס'אַראַ פֿריינד!

— איך ווייס, איך ווייס — האָט אים בצלאל פֿערשטער איבערגע־שלאָגן זיינע רייד.

— אָבער זאָג מיר וועמען דו קענסט פֿון די תּושבים אין אשל־יהודה?

— פֿון די תּושבים?

אַבו כאַסאַן האָט זיך צעלאַכט מיט אַ דריבנעם געלעכטער, און ווידער אָנגעהויבן דאָס זעלבע, ווי פֿריער:

— איך קען אַלעמען און אַלע קענען מיר. אויסגעוואַקסן מיט אַלע־מען, אין דער יוגנט מיט סאַלימען...

עס איז געווען קלאָר, אַז ער האָט גאָר אַ באַזונדער הנאה צו דער־ציילן וועגן סאָלימען, אָבער בצלאל האָט אים ווידער איבערגעשלאָגן, און געפּרעגט:

— נו, און די משפּחה פּוכאָנין קאָנסטו?

אַבו כאַסאַן האָט אויפֿגעהויבן זיינע בליקן אויף בצלאל פּערשטערן מיט פֿאַרוואונדערונג:

— דו קאָנסט די משפּחה פּוכאָנין?

— איך בין אַן אַלטער פֿריינד!

— אַן אַלטער פֿריינד?

— איך בין אַליין אַ תּל־אָביבער.

— פֿון תּל־אָביב?

אַבו האָט געמאַכט אַ באַוועגונג צו רעדן, אָבער אין דעם מאָמענט האָבן זיך דערהערט טריט לעבן אַריינגאַנג צוםביידל. בצלאל פּערשטער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און באַלד האָט אַבו כאַסאַן דערפֿילט דעם פּראָ־זשעקטאָר־לאָמפּ פֿונם קוירנעלס האַנט אויף זיין פּנים.

— אַבו! — האָט דער קוירנעל אויסגערופֿן.

— סאָלים! — איז אַבו אויפֿגעשפּרונגען און אַ ציי טוענדיק די הענט אין פֿאַראויס, האָט ער אויסגערופֿן:

— געבענטשט זאָל זיין אַללאַ, וואָס איך זע דיך!

פֿונעם געדרודער האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט די איינגעשלאָפֿענע רעזערוו־וועכטער, ביים אַריינגאַנג זיינען געשטאַנען דער סערזשאַנט און דער קאָרפּאָראַל און אַלע זיינען געווען געפּלעפֿט צו זען זייער קוירנעל שטיין אַרומגענומען מיט עפּעס אַן אָפּגעריסענעם אַראַבער.

— אַבו! מיין אַלטער פֿריינד אַבו!

— סאָלים! געבענטשט זאָל זיין אַללאַ!

אַדון שלום הערט זיך צו צום ליד פֿונם נעכטן

יענע נאַכט איז אַדון שלום נישט געשלאָפֿן. בצלאל פֿערשטער, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער אויף דער וואַך, האָט געזען דעם קוירנעל אַרויספֿירן אַבו כאַסאַנען פֿונעם לאַגער. ער האָט אים אויך געזען זיך אומקערן צוריק מיט אַזעלכע פֿאַמעלעכדיקע טריט, ווי עס איז גאָרנישט געווען דער שטייגער פֿון זיין הויכער, אַטלעטישער פֿיגור און באַשפּאָרנטע שטיוול צו טרעטן.

דעם קוירנעלסביידל איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט ביי דער לינקער זייט פֿונעם לאַגער. עס איז געווען אַ ברייטס, אַ פּירעקעדיקס און אין פֿאַר־גליך מיט די אומצייליקע קליינע לייוונטענע און קיילעכדיקעביידלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין שורות־ווייז, האָט דאָס אויס־געקוקט, ווי אַ שטוב לגבי אַ צאַל סוכהלעך.

אַדון שלום האָט פֿאַרבראַכט מיט אַבו כאַסאַנען ביי זיך אין ביידל נישט מער ווי אַ פּאָר שעה, אָבער ווען ער האָט זיך אומגעקערט צוריק איז ער שוין נישט אַריין אינעווייניק, נאָר געבליבן זיצן אויף אַ בענקל אין דרויסן, און געקוקט אין דער נאַכט אַריין.

די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע, אָבער אין איר האָט זיך דורכגע־ליכטיקט פֿאַר אדון שלומען אַ גרויס שטיק פֿון זיין דורכגעלעבט לעבן. עס איז געווען, ווי אין אָט דער נאַכט האָט עמעצער אויפֿגעזונגען פֿאַר אים דאָס ליד פֿון זיין נעכטן און אַלץ אין זיין געמיט האָט שטיל מיטגע־זונגען אָט דאָס ליד. נישט כראָנאָלאָגיש האָט זיך דאָס פֿאַר אים געצויגן, נאָר אַ קלאַנג פֿון דאַנען און אַ קלאַנג פֿון דאָרטן. די קלאַנגען האָבן זיך געמישט, פֿאַנאַנדערגענומען און ווידער זיך צונויפֿגעמישט, און ער איז געזעסן מיט די הענט אויף זיינע קני און זיך צוגעהערט און מיטגע־זונגען.

אַבו כאַסאַנס באַווייזן זיך צו אים האָט צוריקגעבראַכט זיין אַמאָליק לעבן אין ארץ־ישראל אַ סך קלאָרער, ווי זיין מאַרש פֿון שטאָט צו שטאָט אין דער שפּיץ פֿון זיינע לעגיאָנערן פֿאַר די אַלע לעצטע חדשים. דורך זיין אַמאָליקן אַראַבישן פֿריינט האָט אַ בלאָז געטאָן אויף אים מיטן ווינט

איבער די זאַמדן פֿון אשל־יהודה, מיט דבורהן, וואָס איז אויפֿגעגאַנגען פֿאַר זיינע אויגן אָט אַזאַ, ווי זי האָט דעמאָלט אויסגעזען.

— לעבט זי גליקלעך מיט איר מאַן? — איז געווען איינע פֿון די ערשטע פֿראַגן, וואָס ער האָט געפֿרעגט ביי אַבון.

ווען אַבו האָט אים דערציילט וועגן דבורהן, מנשהן און זייער שיינער טאָכטער אלישבע, וואָס קוקט אויס אַקוראַט, ווי די מאַמע אירע האָט אויס־געקוקט אין יענער צייט, האָט אַדון שלום געשמייכלט און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— אַזוי, אַזוי, די טאָכטער אַקוראַט ווי די מאַמע?

— און דו האָסט געטאָן אַ נאַרישקייט, וואָס דו ביסט דעמאָלט אַנט־לאָפֿן פֿון אשל־יהודה — האָט אַבו אויך איצט אים שטאַרק פֿאַרגעוואָרפֿן.

— מיינסט נאָך אַלץ אַזוי? — האָט אַדון שלום זיך צעלאַכט און וואויל־יונגעריש אַ פּאַטש געטאָן אַבון איבער די קני.

— איך האַלט זיך אַלץ ביי מיינעם — האָט אַבו געטענהט, און אים דערמאָנט, וואָס ער האָט אים אין יענער צייט געעצהט:

— זי האָט דיך אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, די מויד, האָסטו זי גע־דאַרפֿט אַ נעם טאָן און שוין.

— כאַ! כאַ! אַזוי אַ נעם טאָן און שוין!

אַדון שלום האָט זיך געפֿרייט מיט אַבון, און נישט אויפֿגעהערט איבערצוחזרן:

— דער זעלביקער אַבו! דער זעלביקער אַבו!

— נו, און ווי איז געגאַנגען דיין לעבן? — האָט אַבו געוואָלט, אַז זיין אַלטער פֿריינד זאָל אים דערציילן:

— האָסטו חתונה געהאַט?

אַדון שלום האָט זיך געפֿרייט פֿון אַבוס נייגעריקייט און לאַכנדיק דערציילט:

— נישט חתונה געהאַט, אַבו! די ווייבער האָבן מיך נישט געוואָלט! נו, און דו? — האָט אַדון שלום געוואָלט וויסן:

דאָ האָט אַבו זיך צעוויגט מיט אַלע אברים און מיט גרויס ערנסט דערציילט:

— דריי מאָל, מיין פֿריינד, דריי מאָל! אָבער די ערשטע איז שוין לאַנג אַן אַלטע קו און זי טויג נישט צו גאָרנישט, די צווייטע האָט מיך

באַשאָנקען מיט אַ זון און איז באַלד אַוועק צו אַללאַן, און די דריטע? זי איז שוין אויך נישט דאָס... אַבו ברענט שוין נישט אויף איר געלע־גער, ווי אין די ערשטע יאָרן... אָבער איך האָב איצט אַן אויג אויף אַ פּערטער.

אַדון שלום האָט געמאַכט אַן ערנסט רחמנות־פּנים און געזאָגט מיט גרויס מיטגעפּיל:

— אַזוי, אַזוי, מיין אָרעמער פריינד אַבו.

— יאָ, מיין פריינד — האָט אַבו כאַסאַן געשאָקלט מיטן באַטורבאַנטן קאָפּ, זייענדיק גערירט פון זיין פריינדס מיטגעפּיל.

— איך האָב איצט אַן אויג אויף אַ פּערטער.

ווען אַדון שלום איז געזעסן און געקוקט אין דער נאַכט אַריין האָט ער געזען אַבון פון יענע יאָרן, אַ פּרימיטיוו און קרעפטיק יינגל אין וועמענס אָדערן עס האָט געשלאָגן מיט אַזוי פיל כּוחדיקן בלוט. אויף וואָס איז אָט דער כּוח פאַרוועגדט געוואָרן דורך איבער די צוואַנציק יאָר? דריי ווייבער און איצט איז זיין גרעסטער חלום אַ פּערטע: און וואַדי־לאַכּאַר איז נאָך איצט דאָס זעלבע וואַדי־לאַכאַר. ברוין־גרויע שטיבלעך אויפגעבויטע פון מיסט געמישט מיט זאַמד, וואָס זיינען צונויפגעגאָסן איינע אין דער אַנדערער און אין זיי — ווייבער, קינדער, ציגן, אייזלען און עופות צוזאַמענגענומען. און אַפילו די יידישע ישובים? אוודאי איז פאַר דער צייט זינט ער איז אַוועק פון דאַנען עפּעס אויפגעטאָן געוואָרן. די ישובים, וואָס ער האָט שוין באַוויזן צו זען, זיינען גרינער, פולער, און מיט אשל־יהודה איז אוודאי אויך אַזוי, אָבער איז דאָס גענוג פאַר אַזאַ לאַנגער צייט?

— האָסט געטאָן אַ נאַרישקייט, וואָס דו ביסט אַנטלאָפן — האָט געקלונגען אין זיינע אויערן די ווערטער, וואָס אַבו האָט צו אים היינט געזאָגט.

— אַ נאַרישקייט?

ער האָט זיך געפּרובירט פאָרשטעלן, אַז ער איז אויף מנשהס אָרט. זיין ווייב איז דבורה און די טאָכטער, וואָס קוקט אויס, ווי עס האָט אַמאָל אויסגעקוקט איר מוטער, איז זיינע. ער פאַרמאָגט אַ הויז, אַ ווייגאָרטן מיט אַ צולאָג פון אַ מאַראַנצן־גאָרטן, אָדער אַ ניס־פּלאַנטאַציע.

— נו, איז וואָס זשע וואָלט געווען? — האָט ער זיך געפרעגט, און בײַ אים איז אויסגעקומען, אַז כאָטש ער האָט דורך די אַלע יאָרן געבענקט נאָך דבורהקן, נאָך ארץ־ישראל, איז דאָך געווען גוט, וואָס געטראָפן האָט אָט אַזוי, ווי עס האָט מיט אים געטראָפן.

נישט וואָס זײַן לעבן איז געווען מיט אים אָט אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל זײַן. נײַן. דאָס זיכער נישט. אין דער אמתן איז זײַן לעבן, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלאָזט ארץ־ישראל, דורך דער גאַנצער צײַט קיינמאָל נישט געווען אָט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל זײַן. און האָט ער דען אין דער אמתן צו עפּעס באַשטימטס געצילט? אין דער אמתן קאָן ער זיך גאָרנישט דערמאָנען, אַז ער האָט עפּעס געוואָלט. זינט ער איז אַוועק פון דאָנען האָט ער גאָרנישט געוואָלט, און געלעבט האָט ער, ווי עס האָט זיך געלאָזט. אָבער דאָס לעבן וואָס ער האָט געלעבט גלאָט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, איז דאָך געווען אַ פּולס און אַ רײַכס, און עס איז אים געווען גוט צו לעבן דאָס לעבן, וואָס ער האָט געלעבט.

ווען עס זײַנען געקומען אין זײַן זכרון זײַנע קינדער־יאָרן, האָט ער יענע בילדער געטריבן פון זיך און נישט געוואָלט טראַכטן וועגן זיי, ווײַל דעמאָלט האָט ער נישט געפירט זײַן לעבן, נאָר דאָס לעבן האָט אים געפירט. טאַטע־מאַמע זײַנען געווען וואוילע, פּשוטע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט נישט נאָר פון דער שפּײַז־קראָם, נאָר אויך אין איר. די קרײַז־שטאָט אין דער אוקראַינע, כאָטש נישט קיין קליינע שטאָט, געדענקט זיך אים פונדעסטוועגן נישט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אויף אים מאַכן אַ באַזונדער אײַנדרוק. די חדרים, ווי אַלע יידישע חדרים אין אַזעלכע שטעט. בלויז דער רבי שמעון מאַרקאָוויטש איז געווען אַן אַנדער מין רבי. אין דעם אַליין, וואָס אין שטאָט האָט מען אים גערופן בײַ ביידע נעמען און אַן א „רב" איז שוין געווען זײַן אַנדערשקייט. און אַנדערש איז ער טאַקע געווען פון רב טרײַטלען, רב שמעלקען און רב וועלוועלען בײַ וועלכע ער האָט פריער געלערנט. שמעון מאַרקאָוויטש איז געווען אַנגעטאָן נעט און געהאַט האָט ער אַ שיין געקעמט בלאָנד בערדל, וואָס מען האָט חושד געווען, אַז אַ חוץ אַ קעמל דערפילט דאָס אויך אויף זיך פון צײַט צו צײַט די שאַרפן פון אַ שערל.

געלערנט האָט מען ביי אים אַ חוץ גמרא אויך תנ״ך, דיקדוק, די שירים פֿון העברעאישע משוררים, און אַפֿילו אַביסל רוסיש אויך.

וואָס עס האָט געפֿירט, אַז זיין פֿאָטער זאָל אים נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעהויבן תּפֿילין צו לייגן, אַריינגעבן אין דער יידיש־רוסישער פֿיר־קלאַסנדיקער שול, ווייסט ער ביז היינט נישט. אפֿנים, אַז ער האָט זייער וויניק געקאָנט דעם פֿאָטער.

בלויז ווען זיין מוטער איז געשטאָרבן פֿון אַ האַרץ־שלאָג איינמאָל אויף אַ יאַריד בשעת די פּויערים פֿון די אַרומיקע דערפֿער האָבן פּלוצלונג אָנגעהויבן צו ברעכן, פֿענצטער אין יידישע שטיבער און שלאָגן יעדן יידן, וואָס איז זיי געקומען פֿאַר די אויגן, האָט ער אַביסל טיפֿער דערזען דעם טאַטן.

עס שטייט נאָך איצט פֿאַר זיינע אויגן דאָס הויכע טונקעלע געשטאַלט מיט דעם קויל־שוואַרצן בערדל.

— מיר וועלן אַוועק פֿון דאַנען! אַוועק פֿון דאַנען! — האָט דער טאַטע זיינער מיט אַ געבראָכן קול גערעדט, און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אַליין דאָס זעלבע:

— קינד מיינס, מיר וועלן אַוועק פֿון דאַנען!

אַוועק פֿון דער געבורט־שטאָט איז ער אָבער אַליין. גאָר אין גיכן איז אויך דער פֿאָטער געשטאָרבן פֿון אַ לונגען־אָנצינדונג. קרובים האָבן געזאָגט, אַז ער האָט געבענקט נאָך דער מוטער, און מען האָט אים טאַקע לעבן איר באַהאַלטן. די זעלבע קרובים האָבן אָנגעהויבן צו ליקווידירן דאָס שפּייז־קרעמל און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָכן אָפּצאָלן די חובות איז פֿאַר אים, דעם יתום, כּמעט גאָרנישט געבליבן. און עס איז געווען, אַז דעמאָלט האָט דער פֿעטער פֿון אַמעריקע צוגעשיקט די שיפֿס־קאַרט מיטן ביסל געלט.

— קום צו מיר, וועסט זיין ווי אַן אייגן קינד — האָט דער פֿעטער געשריבן און די קרובים האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז ממש אַ גליק פֿאַר אים.

— פֿאַר צום פֿעטער קיין אַמעריקע — האָבן אים אַלע געראָטן.

וואָלט ער זיכער געוועזן גלייך געפֿאָרן צום פֿעטער קיין אַמעריקע, ווען ער באַגעגנט זיך נישט צופֿעליק מיט זיין געוועזענעם רבין שמעון מאַרקאָוויטש, און יענער טוט אים נישט אַ זאָג אָט דאָס, וואָס ער האָט אים געזאָגט:

— דײן פֿאָטער איז געװען אַן איבערצײַגטער ציוניסט. װען ער װאָלט נישט געשטאָרבן, װאָלסטו מיט אים זיכער געװען געפֿאָרן קײן ארץ־ישראל.

אָט אַזױ האָט זײן געװעזענער רבי שמעון מאַרקאָװיטש אים אַ זאָג געטאָן, און עס איז געװען, װי אין שמעון מאַרקאָװיטשעס זאָג, װאָלט ער דערהערט די צװאה פֿון זײן פֿאָטער, און זײן װעג האָט אים שױן געפֿירט דורך אָדעס קײן יפֿו.

אַדון שלום האָט געקוקט אין דער נאַכט אַרײַן. פֿון ערגעץ האָט אַ שטערן זיך אַ יאָג געטאָן מיט אַ גלי און איז פֿאַרפֿאַלן געװאָרן. אױף יענער זײט פֿון די בײדלעך האָט זיך אַ שאַקאַל צעװײנט מיט אַזאַ היס־טערישקײט, װי אַ קינד, װאָס כאַפּט זיך אױף אין מיטן נאַכט אין װיגל דורשטיק נאָך דער ברוסט פֿון דער מאַמען.

ער האָט זיך אַ װיג געטאָן אױפֿן בענקל און אַ פֿיר געטאָן מיט זײנע הענט איבערן פּנים פּונעם שטערן אַרונטער ביזן קין, װי ער װאָלט דערמיט געװאָלט אָפּװישן די בילדער, װאָס האָבן אָנגעהױבן אױפֿצוגײן אין זײן זכּרון פֿון זײנע פֿריע יאָרן.

פּונקט אַזױ האָט ער אָפּגעטריבן פֿון זײן זכּרון די ערשטע חדשים זײנע אין יפֿו, תּל־אָביב, ירושלים, װאו ער האָט געהונגערט און גע־דורשט נישט נאָר נאָך ברױט און װאַסער, נאָר אױך נאָך װאַרעמקײט, װאָס אים איז געװען שװער צו געפֿינען.

בלױז אין אשל־יהודה איז אים גוט געװען. נישט נאָר שפּעטער װען אים איז אַנטקעגן געקומען דבֿורה, נאָר אַפֿילו בײם סאַמע אָנהױב איז אים דאָרט גוט געװאָרן.

די אַרבעט בײם זאַמד איז נישט געפֿאַלן שװער אױף אים. ער גע־דענקט, אַז אין יענע טעג פֿלעגט ער נישט אײנמאָל פֿאַרגלײכן זיך צו זײנע עלטער־עלטער זײדעס אין מצרים און דעמאָלט איז בײ אים אױס־געקומען, אַז ער איז אַ גרױסער בעל־זוכה.

— יענע האָבן אױך זאַמד געפֿירט, נאָר געװען איז דאָס, כּדי ציגל אױסצוקנעטן פֿאַר פֿרעמדע און פֿאַר באַצװינגער, בשעת ער פֿירט דאָס זאַמד, כּדי אױסצוגלײכן די ערד פֿאַר זיך.

אָט אַזױ האָט ער געטראַכט אין יענער צײט, װײל יעדעס שטיבל און יעדן גאָרטן אין אשל־יהודה האָט ער באַטראַכט פֿאַר אײגנס.

— אונדזער אשל־יהודה — האָט ער צוזאַמען מיט יעדן אַנדערן געראָפֿן דעם ישוב.

און ווי פּולער, און ווי פֿאַרביקער זיין לעבן איז געוואָרן, ווען עס איז אים אַנטקעגן געקומען דבורה.

עס איז נישט געווען גלאַט אַזוי אַ שיין און באַחנט מיידל אין וועל־כער זיין יוגנטלעכקייט האָט זיך איינגעליבט און געגליט מיט באַגער צו איר. עס איז געווען פֿיל מער ווי דאָס. עס איז געווען דערהויבונג, אָנערקענונג. עס האָט געשמעקט פֿון איר מיט איינגעוואָרצלטקייט, מיט היים און מיט באַנייטער ליבשאַפֿט צו דער ערד פֿון ישוב, וואָס וועט וואַקסן און זיך צעגליען צוזאַמען מיט אים און דבורהן.

עס האָט אויפֿגעלויכטן אין זיין זכרון זיין פֿאַרלאָזן אשל־יהודה, און דערנאָך דאָס לאַנד, איז דאָס נישט געווען קיין ליכט, נאָר אַ פֿייער אויף אַ מזבח צו וועלכן ער איז אַליין געגאַנגען פֿאַר אַ קרבן. יצחק איז גע־גאַנגען צום מזבח אין נאָמען פֿון גאָט, און ער אין נאָמען פֿון דבורהן.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי מנשה האָט צו אים גערעדט. עס איז דעמאָלט געווען אַזאַ טונקעלע נאַכט, ווי די איצטיקע:

— דבורה און איך האָבן זיך ליב פֿון קינדווייז אָן. עס דאַכט זיך איר בלויז אויס, אַז זי איז פֿאַרליבט אין דיר. זי וועט חתונה האָבן מיט דיר, און זי וועט זיין אומגליקלעך.

אָט אַזוי האָט מנשה גערעדט, און דערנאָך איז געקומען זיין פֿאַר־שלאָג:

— פֿאָר אָפּ קיין יפֿו אויף אַ שטיקל צייט, אָבער איר לאָז אַ בריוול, אַז דו ביסט אָפּגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. איך גיב דיר מיין וואָרט, אַז ווען איך וועל זיך איבערצייגן, אַז דו ביסט דער אָן וועמען זי קאָן נישט לעבן, וויל איך דיך אַליין צוריקברענגען.

— איך שווער, אַז איך וועל דיך צוריקברענגען — האָט מנשה גע־שוואוירן.

שלום האָט געטריבן פֿון זיין זכרון די וואָכן פֿון וואַרטעניש אין יפֿו, ווי ער האָט פֿריער געטריבן פֿון זיך די בילדער פֿון זיינע פֿריע יאָרן אין זיין געבורט־שטאָט.

אַזאַ טבע שוין געווען ביי אים נישט צו פּייניקן זיך מיט דעם, וואָס איז שוין פֿאַרגאַנגען. אָט די טבע האָט אים געגעבן כּוח דורכצוטראָגן זיין לעבן דורך די יאָרן.

פֿון די עטלעכע יאָרן אין ניו־יאָרק האָט ער דווקא ליב צו טראַכטן, און ווען די יאָרן זיינע אין ניו־יאָרק האָבן זיך פֿאַר אים יענעם אָוונט צעלויכטן, האָט ער זיי נישט נאָר נישט געטריבן פֿון זיך, נאָר אדרבה זיך באַמיט זיי איבערצולעבן נאָכאַמאָל אין אַלע פּרטים. ער האָט געטראַכט פֿון זיין גוטן פֿעטער מיט זיין גרויס שיך־געשעפֿט אין ברוקלין, און דער וואוילער מומען. ביידע האָבן אים ווירקלעך אויפֿגענומען ווי אַן אייגן קינד. נישט מער, דאָס וואָס די טאָכטער זייערע האָט גלייך אָנגעהויבן צו קוקן אויף אים, ווי אויף אַ חתן, האָט אַלץ קאַליע געמאַכט.

די ערשטע עטלעכע חדשים האָט נישט דער פֿעטער און נישט די מומע געוואָלט הערן, אַז ער זאָל טאָן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר זיך לערנען.

— גיי, לערן זיך, און ווער אַ מענטש — האָבן זיי מיט אים איינגעטענהט.

— איך קאָן דאָך אַרבעטן דורך די טעג און גיין אין שול אַריין אין די אָוונטן — האָט ער זיך ביי זיי געבעטן.

— ניין, ניין, דו האָסט אַ היים, און דיין אַרבעט איז זיך לערנען — זיינען זיי באַשטאַנען.

האָט ער געפֿאָלגט און זיך געלערנט. אַ היים האָט ער געהאַט אַ גוטע, אַ באַזונדער צימער פֿאַר זיך, עסן, טרינקען, קליידער און אַפֿילו קעשענע־געלט אויך.

דינה איז געווען אַ חנעוודיק מיידל אין זיינע יאָרן. די ערשטע עטלעכע חדשים איז געווען גוט מיט איר. ער איז געווען דער ליבער קאָזין, וואָס גריגט זיך אויס אַזוי שנעל, אַז מען וועט שוין באַלד נישט דערקענען, אַז ער איז אַ גרינער.

— מאַמע, דו הערסט, ווי סעמי רעדט ענגליש?

— פּאַפּע, זע נאָר ס׳אַרא צייכנס ער האָט פֿון זיינע לערער!

זי אַליין, וואָס איז שוין געווען אין דריטן יאָר קאָלעדזש, איז צו אים געווען ווי אַ צוגאָב־לערערין אין שטוב.

— סעמי, לאָמיך הערן, וואו דו האַלטסט — פֿלעגט זי צו אים זאָגן.

אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען זי הויבט זיך שפּעטער ניט אָן צו קאַפּריזעווען הלמאי ער גייט אַמאָל אַוועק פֿאַר אַן אָוונט. צום אָנהויב איז דאָס געווען הלמאי ער גיט אַוועק אָוונטן מיט גרינהאָרנס און ער פֿאַרנאַכלעסיקט דאָס לערנען, אָבער שפּעטער איז דאָס שוין געוואָרן גאָר עפּעס אַנדערש:

— וואָס זשע, מיט מיר איז דיר נישט אינטערעסאַנט? דו מוזט זוכן אַנדערע מענטשן?

ער האָט זיך פּלוצלונג געכאַפּט, אַז פֿאַר דינהן איז ער פֿיל מער, ווי אַ ליבער קאָזין, און ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דער אַנטדעקונג. שפּעטער האָט אויך די מומע אים גענומען פֿאַרוואַרפֿן, און געטאָן האָט זי דאָס אויף אַ זייער פּשוטן אופֿן:

— אַנדערע יונגעלייט וואָלטן זיך געשעצט גליקלעך מיט אַזאַ ווי דינהלע איז, קיין עין־הרע.

אָט אַזוי האָט זי באַמערקט צו אים, און רעדנדיק צו זיך מער ווי צו אים, האָט זי צוגעגעבן:

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז ווען מיר האָבן אים אין שטוב אַריינגענומען איז אונז נישט איינגעפֿאַלן, אַז ער קאָן עפּעס מיינען פֿאַר אונדזער טאָכטער, וואָרעם אַזאַ ווי זי איז ביי אונדז קיין עין־הרע, איז דאָך ווי זאָל איך דאָס זאָגן?

דאָס וואָרט אונדז וואָס די מומע האָט באַנוצט, האָט פֿאַר אים קלאָר געמאַכט, אַז אויך דער פֿעטער קוקט שוין אויף אים, נישט נאָר ווי אויף אַן אייגענעם, נאָר טאָקע ווי אויף זיין צוקונפֿטיקן איידים.

ער געדענקט, וואָס פֿאַר אַן אומרו עס איז אים דעמאָלט באַפֿאַלן. נישט וואָס דינה איז אים געווען דערווידער. אדרבה, זי איז געווען אַ מיידל מיט אַ סך מעלות, אָבער ער איז געווען אַזוי אָנגעפּילט מיט דבורהן, אַז ער האָט זיך בשום אופֿן נישט געקאָנט זען ווי דער מאַן פֿון דינהן. עס איז אַפֿילו אויפֿגעגאַנגען אַ רחמנות־געפֿיל צו איר, און אויך צו זיך אַליין פֿאַר נישט קענען אויפֿנעמען דאָס, וואָס אַ סך אַנדערע אויף זיין אָרט וואָלטן באַטראַכט פֿאַר אַ גליק. דער אומרו איז געווען אין אים אַזוי גרויס, אַז ער האָט אַ שטיקל צייט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿינען. ער האָט אויפֿגעהערט זיך צו לערנען און אין שטוב איז ער געווען אַ שווייגנדיקער. געוועזן מאָמענטן, ווען ער האָט באַשטימט זיך אָפּנ־האַרציק דורכרעדן, אָבער מיט וועמען זיך דורכרעדן? מיט דינהן? וואָס זאָל ער איר זאָגן? אויסטראַכטן, אַז ער האָט עמעצן? דאָס איז אים געווען דערווידער. דערציילן איר דעם אמת וועגן דבורהן? ער האָט געפֿילט, אַז ער קאָן דאָס נישט טאָן, ווייל דאָס האָט געהייסן שטעלן דאָס לויטערסטע אין אים אין שאָטן. רעדן מיט דער מומען איז געווען זינ־

לאָז. זי איז געווען צו אַ פּשוטע, און זי וואָלט נישט באַנומען, און ווידער מיטן פּעטער? וויפּיל ער האָט נישט געטראַכט, וואָס אים צו זאָגן, האָט ער אַלץ נישט געפונען דאָס ריכטיקע וואָרט.

אויך איצט איז ער נישט זיכער צי ער האָט געהאַנדלט, ווי ער האָט געדאַרפט האַנדלען. קאָן זיין, אַז נישט, אָבער אַ סוף צו דעם אומרו אין זיך האָט ער דאָך געמאַכט.

פּונקט ווי דעמאָלט מיט דבורהן, האָט ער אויך דאָס מאָל זיך גע־האַלפן מיט אַ בריוו. נישט מער, דאָס מאָל האָט ער געשריבן צוויי בריוו. איינעם צו דינהן און אַ צווייטן צו דעם פּעטער מיט דער מומען.

אַקוראַט וואָס אַזוינס ער האָט געשריבן צו דינהן געדענקט זיך אים שוין נישט, אָבער צו דעם פּעטער און דער מומען האָט ער געשריבן, אַז ער איז זיי טיף דאַנקבאַר פאַר דער גוטסקייט צו אים; אַז ער פילט, אַז ער איז זיי אַ סך שולדיק און אַז ער האָפט מיט דער צייט דעם חוב אָפּ־צוצאָלן. לעבן ווייטער אויף זייער חשבון קאָן ער נישט. ער גייט דערפאַר אַוועק און וויל אַליין מאַכן פאַר זיך אַ וועג.

חדשים און חדשים אין ניו־יאָרק איינער אַליין. ער בייט איין אַרבעט אויף אַ צווייטער. די אָוונטן פאַרברענגט ער אין אַ צימערל פון אַן אַלט הויז אין דער געגנט פון האַרלעם ביי ביכער צו וועלכע עס איז אויס־געוואָקסן אין אים אַ גרויס חשק. דער עיקר אינטערעסירן אים רייזע־באַשרייבונגען. ער באַקאַנט זיך דורך זיי מיט לענדער און קריגט אין זיך אַ באַגער צו זיין אין זיי. פון צייט צו צייט באַזוכט ער אַ לעקציע פון אַן אָנגעזעענעם ציוניסטישן רעדנער. ער איז אויך אָפטמאָל אַ גאַסט ביי אַ ציוניסטישער אונטערנעמונג. עס גייען דורך פאַר זיינע אויגן פיגורן, ווי דער ראַבאַי מאַסליאַנסקי, ד״ר סירקין און פיל אַנדערע. ער דערמאָנט זיך דעם מאָדנעם, אומפאַרשטענדלעכן איינדרוק, וואָס סיי די רעדנער און סיי די ענטוזיאַסטישע צוהערער האָבן אויף אים געמאַכט.

— אַז מען האָט אַזוי שטאַרק ליב ארץ־ישראל, איז פאַרוואָס זשע לעבט מען דאָ, און מען פאָרט נישט אַהין?

ער האָט זיך געפרעגט די פראַגע, און באַלד איז די זעלבע פראַגע געווען פאַר אים נישט נאָר וועגן זיי, נאָר אויך פאַר אים פערזענלעך.

— וואָס טו איך דאָ? זיינען שוין אַלע זאַמדיקע בערגלעך אין יהודה אויסגעגלייכט?

ווען אַט די פראַגע איז געקומען צו אים, האָט ער דערפילט אַ שנאה צו מנשהן און אַפילו אויך צו דבורהן.

— נישט נאָר האָבן זיי מיך באַרויבט אין דער ליבע צו אַ מיידל, נאָר אויך אין דער ליבע צו מיין לאַנד.

שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע וואַנדערונגען.

אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, איז ער געווען אַ לערער אין אַ תּלמוד־תּורה און זיך דאָרטן געלערנט פראַנצויזיש. אין מעקסיקאָ האָט ער געוואַנדערט מיט אַ פּעקל סחורה אויף די פּלייצעס איבער די בערגיקע דערפלעך און אָפּטמאָל קוקנדיק אויף דער דאָרטיקער נאַטור געמיינט, אַז ער איז אין ארץ־ישראל.

— פאַרוואָס זשע רעד איך שפּאַניש, און אַנשטאָט אַרבעטן בין איך גאָר געוואָרן אַ סוחר?

דערנאָך זיינען געקומען אַנדערע לענדער.

אין אַרגענטינע — אַן ערד־אַרבעטער אין די יידישע קאָלאָניעס, אין טשילי — געהאַנדלט מיט איקאָנעס, געלעבט אַ שטיקל צייט אין יאָהאַנעס־בורג און אין אַנדערע פלעצער פון דרום־אַפריקע. דאָרטן געוואָרן אַ סוחר פון גרעסערן פאַרנעם, זיך איבערגעוואָרפן קיין מעלבורן, אויסטראַליע, און אָפּגעלעבט דאָרטן אַ לענגערע צייט ביז עס איז געקומען די וועלט־מלחמה.

פאַרוואָס ער האָט דאָרטן וואָלונטירט אין דער אויסטראַלישער אַר־מיי קאָן ער זיך קיין חשבון נישט אָפּגעבן. איז דאָס געווען איבער דער זינלאָזיקייט פון זיין לעבן? געלעבט האָט ער דווקא אַ פול און ראַשיק לעבן, אָבער עס איז געווען אַן אויסערלעכע ראַשיקייט און פולקייט. גרויסע געשעפטן, קאַפע־הייזער, נאַכט־קלובן און פאַרשידענע פרויען, אָבער טיף אין זיך האָט ער כסדר זיך אומגעוויגט, ווי אַ זינלאָזער ווינט אינעם חלל. אַן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט דאָס, וואָס דער הויפּט־גענעראַל איז געווען דער אידישער מאָנאַש:

— אַ לאַנד, וואָס קאָן האָבן אַ יידישן הויפּט־קאָמאַנדיר, האָט די ווערט אויך יידישע סאָלדאַטן — האָט ער צו זיך געזאָגט.

אָבער אויך דאָס, וואָס מען האָט אים גלייך געשיקט אין אַן אָפיצירן שול איז אים נישט געווען זייער קלאָר. ער האָט אַליין גאָרנישט געטאָן,

אַז מען זאָל אים געבן אָט די פּריווילעגיע. אפשר האָט דאָ געהאָט צו טאָן זיין שפּראַכן־קענטשאַפט? קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען די סיבה, און אפשר האָט אים גלייך צוגעשפּילט דאָס מזל.

ווען ער איז אָנגעקומען צום באַספּאָר מיט זיין רעגימענט איז ער שוין געווען אַן ערשטער לייטענאַנט. איידער ער האָט נאָך באַוויזן עפּעס אויפצוטאָן איז ער שוין געווען אַ קאַפּיטאַן, און ווען ער איז אַרויס פון דעם מיליטערישן שפּיטאָל אין קאַירא, וואו מען האָט פון זיין היפּט אַרויסגענומען די קויל, וואָס האָט אים געטראָפן, איז ער שוין געפאָרן קיין לאָנדאָן אויף אַ צוויי חדשימדיקן אורלויב מיט אויסצייכענונגען און דעם טיטול פון מאַיאָר.

אדון שלום באַגעגנט זיך מיט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקין

מיט גאָר אַ באַזונדער אויפגעלויכטנקייט האָט ער געטראַכט וועגן זיין באַזוך אין לאָנדאָן.

אַפילו אין יענע טעג, ווען די גאַנצע שטאָט איז געווען איינגעוויקלט אין אַ געדיכטן נעפּל, איז אים דאָרטן געווען ליכטיק. ערשט דאָרטן האָט ער צום ערשטן מאָל געקראָגן דעם באַוואוסטזיין פון דער אייגענער וויכטיקייט. די באַציאונג צו אים מצד די הויך־ראַנגיקע מיליטערלייט, די פייערלעכע אויפנאַמע פון דעם העכסטן קריגס־דעפּאַרטמענט, ווען מען האָט אים באַהאַנגען מיט דער אויסצייכענונג, די באַזוכן אין די הויך־אַריסטאָקראַטישע יידישע היימען, דער אינטערעס, וואָס די אַריס־טאָקראַטישע לעידיס האָבן אים אַרויסגעוויזן, די מעשיות יאָ געשטויגענע און נישט געפלויגענע, וואָס מען האָט געדרוקט וועגן אים אין דער פּרעסע.

אַפילו אָפיציעלע יידישע דעלעגאַציעס האָבן זיך באַוויזן מיט אַזוי פיל בקשות.

— מיר באַטראַכטן פון גרויס וויכטיקייט, אַז מיט אייערע מיליטע־רישע פאַרדינסטן און דערפאַרונגען זאָלט איר איבערנעמען די איניציא־טיווע פון צונויפשטעלן די יידישע באַטאַליאָנען.

אָט אַזוי האָט זיך געלייענט אין איינעם פון די מעמאָראַנדומס, וואָס מען האָט אים אונטערגעטראָגן.

— איך? — האָט ער געפרעגט מיט איבערראַשונג.

עס איז דעמאָלט געווען די צייט פון דער פייערלעכער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט אים אַליין אויך זייער שטאַרק דערהויבן און גענומען וועקן אַזוי פיל ליכטיקע האָפענונגען אין אים.

— אַ היים־לאַנד פאַר דעם יידישן פאָלק!

ווי כּשופדיק עס האָט געקלונגען אָט דער אויסרוף אין זיינע אויערן, און מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ ער האָט עס דעמאָלט געקוקט אויף זיין אויסטראַלישער מאַיאָר־אוניפאָרם.

— און איצט וועט מען זי בייטן אויף אַ יידישער — האָט ער גע־מורמלט.

ערשט דעמאָלט האָט ער דערזען דעם אמתן זין אין זײַן אָנטייל נע־מען אין דער מלחמה, און ער איז טיף דאַנקבאַר געוואָרן דעם אימפּולס, וואָס איז געקומען צו אים אין מעלבורירן זיך אָנצושליסן אין דער אַרמיי. געוועזן מאָמענטן, ווען ער האָט אין יענער צײַט אָנגעהויבן טיף צו גלויבן, אַז די השגחה האָט אים געפֿירט אויף אָט דעם וועג, וואו ער האָט זיך געפֿונען, און אַז דער וועג הויבט זיך ערשט איצט פֿאַר אים אין דער אמתן אָן.

— איך אַן אָנפֿירער פֿון אַ יידישער אַרמיי צו באַפֿרייען ארץ־ישראל!

אין איינעם פֿון יענע טעג איז ער געלאַדן געוואָרן אָנצופֿירן מיט דעם מאַרש פֿון די ערשטע וואָלונטירטע לעגיאָנערן איבער די גאַסן פֿון לאָנדאָן.

פֿאַר זײַנע אויגן האָט זיך איצט אויפֿגעלעבט דאָס גראַנדיעזע און הערלעכע בילד פֿון יענעם מאַרש.

די בלוי־ווײַסע פֿאָן זײַט בײַ זײַט מיט דער פֿאָן פֿון גרויס־בריטאַניע איז געוויִעט אין דער לופֿטן. דער גרויסער מיליטערישער בענד מאַר־שירט פֿאָראויס, שפּילנדיק די „התקוה" און אַנדערע יידישע מאַרשן. ער פֿאָרט פֿאָראויס אויף אַ פֿערד צוזאַמען מיט אַנדערע הויך־ראַנגיקע מיליטער־לייט און הינטער אים מאַרשירן יידישע יונגעלייט אין די אוני־פֿאָרמס פֿון די קעניגלעכע שיסער־רעגימענטן, וואָס האָבן די באַזונדערע פּריווילעגיע צו טראָגן די אַנטבלויזטע באַיאָנעטן אויף זייערע ביקסן איבער די גאַסן פֿון לאָנדאָן.

די טראָטואַרן אויף ביידע זײַטן זײַנען געווען איבערגעפֿילט מיט יידן און נישט יידן. אַפּלאָדיסמענטן און בלומען פֿון די פֿענצטער האָבן באַגלייט דעם מאַרש פֿונעם אָנהויב ביז צום סוף.

ער האָט געוואוסט, אַז הינטער אים, אין פֿראָנט פֿון אַ פּלאַטון, מאַר־שירט דער וועמענס נאָמען עס האָט שוין לאַנג געקלונגען אין זײַנע אויערן, ווי אַ לעגענדע, און בײַ יעדער מעגלעכקייט האָט ער אויסגעדרייט די אויגן אויף צוריקוועגס און אים אויפֿגעזוכט און אים נאָכגעקוקט.

— סערזשאַנט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי!

ווען אָט דער רוף האָט דורכגעקלונגען אין זײַן מוח איז אים געוואָרן מאָדנע ביז גאָר אָט דאָס, וואָס ער איז אַ מאַיאָר, רײַט פֿאָראויס אויף

אַ פֿערד, בשעת ער, וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, שפּאַנט הינטער אים צופֿוס אין דער פּשוטער אוניפֿאָרם פֿון אַ סערזשאַנט.

— איך פֿאַראויס אויף אַ פֿערד, און ער פֿון הינטן צופֿוס! — האָט ער דעמאָלט געמורמלט צו זיך אין דער שטיל.

זיצנדיק איצט אויפֿן בענקל אין דרויסן פֿון זייןביידל, און קוקנדיק אין דער נאַכט אַריין, אין וועלכער עס האָבן זיך געגרויט די אומצייליקע שפּיצן פֿון די ביידלעך אין וועלכע עס האָבן איצט גערוט די לעגיאָנערן אונטער זיין אָנפֿירערשאַפֿט, איז אויפֿגעשטאַנען פֿאַר זיינע אויגן דאָס בילד פֿון יענעם אָוונט, ווען וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי האָט פֿאַרבראַכט מיט אים אין זיין האָטעל־צימער.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נישט נאָר האָט ער זיך געפֿילט אומבאַקוועם מיט זיין מאַיאָר־אוניפֿאָרם לגבי דער סערזשאַנט־אוניפֿאָרם פֿון זיין גרויסן גאַסט, נאָר אַפֿילו מיט דער פֿיגור זיינער, וואָס איז לגבי דעם גאַסטס פֿיגור געווען, ווי אַ גרויס געמויערט הויז לגבי אַ קליין הילצערן שטיבל, האָט ער זיך געפֿילט אומבאַקוועם.

וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי — נידעריקער פֿון מיטעלן וואוקס מיט אַ פּלייצע, וואָס האָט דערמאָנט כּסדרדיקע אויסגעבויגנקייט איבער ספֿרים, און אַ פּנים אויסגעבלייכט און סענסיטיוו, איז געזעסן קעגן אים מיט דעם פֿולן רעספּעקט פֿון אַ סערזשאַנט לגבי אַ מאַיאָר, און ער, דער מאַיאָר, האָט אַ לענגערע צייט נישט געוואוסט, ווי זיך צו האַלטן, וואָרעם כאָטש זיין הויכער מיליטערישער ראַנג האָט פֿון אים געפֿאָדערט חשיבֿות צו דער אייגענער פּערזאָן, האָט ער אָבער בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרגעסן דעם פֿאַרנעם פֿון דער פּערזענלעכקייט הינטער דער סערזשאַנט־אוניפֿאָרם.

— פֿאַרגעסט, אַז איך בין אַ מאַיאָר — האָט ער זיך געבעטן, און וולאַדימיר זשאַבאָטינסקיס אויגן האָבן זיך צעשמייכלט הינטער די גלאַנציקע גלעזער פֿון זיינע ברילן.

— פֿאַרגעסן? ניין, פֿאַרוואָס זאָל איך פֿאַרגעסן? איך בין אַזוי גליקלעך צו זען פֿאַר זיך אַ העלדישן מאַיאָר פֿון אונזער פֿאָלק, און איר הייסט מיר גאָר פֿאַרגעסן!

יענער אָוונט האָט מער באַווירקט אַדון שלום אָנצוגעבן די בקשה אין דעם העכסטן דעפּאַרטמענט פֿון דער מלחמה־פֿירונג טראַנספֿערירט צו

ווערן פון דער אויסטראַלישער אַרמיי צו דער יידישער, ווי אַלע שמועסן, וואָס עס האָבן געהאַט מיט אים פריער פאַרשיידענע יידישע לאָרדן און גרויס־פּאָליטיקער פון לאָנדאָן.

— אַז איר האַלט, אַז איך דאַרף, איז דאָס וויכטיק — האָט ער געזאָגט צו זשאַבאָטינסקין.

פּלוצלונג, ווי אומבאַמערקטערהייט, האָט די טונקלקייט פון דער נאַכט אַנגעהויבן איבערצוגיין אין אַ העלקייט, וואָס איז געווען אי גרוי און אי בלוי. מיט איין מאָל האָבן זיך די קיילעכדיקע לייוונטענעביידלעך אָנגעהויבן אַרויסצושיילן פאַר אַדון שלומס אויגן.

פון ערגעץ־וואו האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ שאַקאַלן־געוויין, וואָס איז איצט געווען נאָך האַרצרײַסנדיקער, ווי די פריערדיקע געוויינען דורך דער נאַכט. אפנים, אַז יענער שאַקאַל האָט דערזען דעם אָנקום פונעם פרימאָרגן און ער האָט געוואָלט אַרייַנכאַפּן נאָך איין געשמאַק שטיקל געוויין.

אדון שלום האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט פאַר מיטיק קומט צו אים אַריבער וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי וועמענס באַטאַליאָן האָט אויסגעשפּרייט זיין לאַגער בלויז אַ שעה גאַנג פון דאַנען.

— ווי גוט, וואָס ער איז שוין איצט אַ לייטענאַנט — האָט אַדון שלום אַ צופרידענעם מורמל געטאָן צו זיך, און ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַריין אין ביידל.

דאָס נאַפּט־לעמפּל האָט געברענט אויפן טישל לעבן זיין בעט. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין זיינע מלבושים, פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און קוקנדיק אויף די בלעזלעך רויך זיך פאַרטראַכט וועגן דעם פאַרשלאַג, וואָס דער קריגס־דעפּאַרטמענט האָט אים מיט אַ פאַר טעג צוריק געמאַכט.

— איר וועט דערהויבן ווערן צום ראַנג פון אַ בריגאַדיר־גענעראַל, אויב איר וועט איינוויליקן אַנטייל צו נעמען אין דער עקספּעדיציע קיין סיביר אַנטקעגן די רויטע רוסן.

אַדון שלום האָט געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער האָט זיך נאָך נישט אַנגעוואָרעמט אין דער היטל פון אַ קוירנעל און־שוין איז דאָ דער שאַנס זי איבערצובייטן אויף אַ היטל פון אַ גענעראַל.

— וואָס זאָגסטו, דבורה, האַ? שלום דער זאַמד־יונג איז אַ גאַנצער גענעראַל.

— איז דאָס נישט מאָדנע, דבורה, הא, וואָס זאָגסטו?

ער האָט אויסגעלאָשן דעם סיגאַרעט, זיך אויפֿגעהויבן, אויסגעטאָן דעם טוניק, אָבער דערפֿילנדיק אַ שטאַרקע מידקייט האָט ער אַ בלאָז געטאָן איבערן נאַפֿט־לעמפּל און זיך אויסגעצויגן אַ נישט אויסגעטאָנענער איבער זיין בעט.

פֿונדעסטוועגן איז ער נאָך אַלץ נישט גלייך איינגעשלאָפֿן. צופֿיל דורכגעגאַנגען דורך דער נאַכט. אָבוס באַוויזן זיך, דבורהס טאָכטער, וואָס איז געראָטן אין דער מאַמען, דער פֿאָרשלאָג פֿונעם קריגס־דעפּאַרט־מענט — דאָס אַלץ האָט זיך געפּלאָנטערט אין זיין מוח.

— גוט, וואָס וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי קומט היינט אַריבער. כּדאַי צו הערן, וואָס ער וועט זאָגן וועגן דער עקספּעדיציע קיין סיביר אַנטקעגן די רויטע רוסן.

אָבער איידער ער איז איינגעשלאָפֿן, האָט ער סיי־ווי געוואוסט, אַז קיין גענעראַל וועט ער שוין נישט ווערן. ערשטנס ארץ־ישראל, וואוהין ער איז ענדלעך געקומען נאָך אַזוי פֿיל יאָרן פֿון בענקשאַפֿט, און צווייטנס:

— וואָס הייסט זיך שלאָגן מיט די רוסן, וואָס האָבן אַרונטערגעוואָרפֿן דאָס ווערעמדיקע צאַרישע געזינדל, הא? וואָס האָב איך צו זיי?

גזוז

ווען אַדון שלום איז איינגעשלאָפֿן האָט זיך אים געחלומט אַ מאָדנער חלום.

ער האָט זיך געשלעפּט אַן אויסגעמאַטערטער איבער שמאָלע און געדרייטע געסלעך פֿון יפֿו. עס איז געווען בין־השמשותדיק אין דער לופֿטן און נישט קלאָר איז אים געווען צי עס איז שוין טאַקע אָונט־צייט, צי עס איז דער שאָטן בלויז פֿון די ווענט און די אָפּדעכלעך איבער די פֿאַרקויפֿערס שטעלעס פֿון כל המינים סחורות אָנהויבנדיק פֿון פֿאַרשידענע געפֿלאָכטענע קוישלעך, טעפּיכער און ענדיקנדיק מיט פֿאַרשידענע מינים עסנוואַרג, ווי נאָר־וואָס אָפּגעבאַקענע „פּיטעס", געל־גאָלדענע מאַראַנצן, גרין־וויאָלעטענע קאַקטוסלעך און רויטלעכע טרויבן.

ער האָט פּלוצלונג דערפֿילט אַ געוואַלדיקן דורשט און זיינע נאָזלעכער האָבן אַ צי געטאָן אין זיך אַריין דעם שאַרפֿן רוח פֿון די קליינע טעפּעלעך קאַווע, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די נידעריקע טישעלעך אין דרויסן פֿון די פֿאַרשידענע האַלב־טונקעלע קאַפֿע־הייזלעך. די אַראַבער, וואָס זיינען געזעסן אַרום די טישעלעך האָבן ווער מיטן שפּינדל פֿון דער קישקע איבער אַ נאַרגילע און ווער פֿאַר זיין טעפּעלע קאַווע שטיל געשמועסט און פֿון צייט צו צייט אַרויסגעלאָזט דורך זייערע העלדזער עפּעס אָזעלכע טיפֿע כאַרכלענדיקע זיפֿצן.

— אַ גלעזל גזוז — האָט ער געמורמלט צו זיך פֿון שטאַרקן דורשט און מיט די אויגן אָנגעהויבן זוכן אַרום זיך אַ גזוז־קרעמל.

פּלוצלונג איז אויסגעוואַקסן פֿאַר זיינע אויגן אַ דינער יונגלינג אין אַ גרויער דינער אַבאַיע אויפֿן לייב, אַ רויט פֿעסקעלע איבערן קעפּל און אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַן אָפּגעשייערטן מעשענעם טשייניק מיט אַ הויך, דין פּיסקל.

— גזוז — האָט דער יונגלינג אַ רוף געטאָן צו אים.

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום יונגלינג און זע נאָר זע, עס איז דאָך...

— דבורהלע, וואָס טוסטו דאָ?

— איך האָב געוואוסט, אַז דו ביסט דורשטיק, בין איך געקומען מיטן טשייניק.

— אָבער?

פֿלוצלונג איז דאָס שוין גאָר נישט געווען יפֿו, נאָר אשל יהודה. ער שטופּט די טאַטשקע, און דבורה בן־ימיני קומט אים אַנטקעגן מיטן טשייניק.

— אַ טרונק, שלומל?

— תודה, דבורהלע.

דבורה גיסט אָן אַ קילן, פֿרישן טרונק־וואַסער אין אַ גלאָז, אָבער ווען ער הויבט אָן טרינקען איז דאָס נישט קיין פּשוטע וואַסער, נאָר זידנדיקער קאַלטער גזוז.

— גזוז?

— נו יאָ, איר האָט דאָך געבעטן גזוז — ענטפֿערט אים אַ בערדל־דיקער ייד.

איצט דערזעט ער זיך גאָר אין אַ גזוז־קרעמל אויף איינעם פֿון די געסלעך אין תּל־אָביב, און דער ייד, וואָס שטייט פֿאַר אים איז אים נישט קיין פֿרעמדער — ער איז...

— טאַטע, ווי קומסטו אַהער?

דער בערדלדיקער ייד שטעלט אָן אויף אים אַ פּאָר אויגן און צעצאַפּלט זיך פֿאַר שרעק.

— זייט מוחל, אדון קורינעל, איך... איך...

אין דעם מאָמענט קומט אַריין די מאַמע זיינע אין דעם בלויען, גע־בלימלטן, ציצענעם קליידל, וואָס איז אים געווען אַזוי גוט באַקאַנט. זי קוקט נישט אויף אים און נישט אויפֿן טאַטן. זי טוט אַ טרייב אַפּ אַ פֿליג פֿון די נישט צוגעדעקטע קאָנפֿעקטן איבער אַ טישל און צעקרעכצט זיך:

— אָט האָסטו דיר ארץ־ישראל! אין גלות אַ שפּייז־קרעמל, און דאָ אַ גזוז־קרעמל!

ער פֿילט, ווי די גלאָז מיטן זידנדיקן, קאַלטן גזוז ציטערט צווישן זיינע ציין. ער וויל אויסשרייען: מאַמע, און דאָס וואָרט בלייבט אים שטעקן אין האַלדז.

— איז וואָס זשע ווילסטו, איך זאָל גיין אַרבעטן עבודת־פּרך ביי די זאַמדן? — פֿרעגט דער טאַטע, און לייגט דערביי צו מיט שטאַרקער רוגזה אין זיין קול:

— נישט פֿאַר מיינע כּוחות.

אין דעם באַווייזט זיך אַ יונגערמאַן אין אַ פֿיינעם שטרויענעם קאַפּע־ליוש אויפֿן קאָפּ און אין אַ גוט געפּאַסט טשעסוטשאַ־אַנצוג אויפֿן לייב.

— גזוז, בבקשה.

דער טאַטע גיסט אים אָן אַ גלאָז גזוז, און זאָגט דערבײַ צו דער מאַמען:

— אָט איז אַ יונגערמאַן, וואָס...

— וואָס פאַר אַ יונגערמאַן? — פרעגט דער יונגערמאַן מיט דעם שטרויענעם קאַפעליוש און אין ד'עם ווײַסן טשעסוטשאַ־אַנצוג מיט באַ־לײדיקונג אין טאָן.

— גאָרנישט, גאָרנישט — ענטפערט די מאַמע און קוקט דערבײַ בײַז אויפן טאַטן:

— אַ מאָדנער מענטש, קומט אַרײַן אַ קונה, און ער, אוי באַהיט זאָל מען ווערן!

דער יונגערמאַן רירט זיך נישט צו צום גלעזל גזוז, וואָס דער טאַטע האָט אים געשטעלט אויפן טישל, און צעשרײַט זיך מיט בײזקייט אויפן קול:

— איך האָב פײַנט אַזעלכע באַמערקונגען וועגן מיר. איך בין אַ זון פון אָנגעזעענע ציוניסטישע עלטערן אין גלות. אַז איך קום טרינקען אַ גלעזל־גזוז, האָב איך פײַנט, אַז מע... וואָס זשע עס פעלן גזוז־קרעמלעך דאָ אין תל־אָביב?

אָפּגעשריגן זײַנע געשרײען פאַרלאָזט דער יונגערמאַן דאָס קרעמל און טאַטע־מאַמע בלײַבן שטיין דערשלאָגענע.

— אוי מאַמע, אוי טאַטע! — האָט זיך ענדלעך אַ ריס געטאָן פון זײַן מויל, און ער כאַפּט זיך אויף.

דער פרימאָרגן האָט אַרײַנגעקוקט דורך די אָפענע פאַלעס פון זײַן ביידל און ער, אַ פאַרשוויצטער פון די קליידער אין וועלכע ער איז אַרײַנגעפאַלן אין זײַן בעטל אַרײַן, האָט ווירקלעך דערפילט אַ שטאַרקן דורשט, אָבער אדון שלום האָט זיך נישט גלײַך אויפגעהויבן פון זײַן געלעגער.

עס איז אים געווען ביז גאָר מאָדנע אָט דער חלום, וואָס ער האָט איבערגעלעבט.

— מילא, דבורה מיטן טשײַניק אין יפו איז נאָך פאַרשטענדלעך... נעכטן גערעדט מיט אָבון און...

— אָבער טאַטע־מאַמע? און דאָס גזוז־קרעמל?

פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם שפּאַציר, וואָס ער האָט נעכטן געמאַכט אינקאָגניטאָ איבער די געסלעך פון תל־אָביב. האָבנדיק דעם נאָכמיטיק פרײַ, האָט אים אַ ציִ געטאָן צו זען, ווי עס קוקט אויס

תל־אָביב נאָך די יאָרן, וואָס ער איז אַוועק געוועזן פון ארץ־ישראל. פון אַלע יידישע ישובים אין לאַנד האָט אים תל־אָביב אינטערעסירט אַמ־שטאַרקסטן. בשעת ירושלים איז פאַר אים געווען די שטאָט פונעם עבר איז תל־אָביב פאַר אים געווען די גרויסע שטאָט פון דעם יידישן מאָרגן אין לאַנד. ער האָט זי געזען ביים סאַמע אָנהויב און אים האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דעם צוואוואוקס.

איידער ער איז אַרויף אויף זיין ברוינעם פערד, האָט ער איבער־געביטן דאָס היטל אויפן העלמעט, וואָס האָט נישט געהאַט אויף זיך קיין שום צייכנס, וואָס זאָלן דערמאָנען, אַז ער האָט אַ שייכות צום יידישן לעגיאָן. אויך אַ טוניק האָט ער אַרויפגעצויגן אויף זיך אָן די מגן־דודס אויף די אַרבל. אים האָט זיך נישט געוואָלט דערקאָנט ווערן פון קיינעם, וואָרעם ער האָט בלויז געוואָלט זען און בשום אופן נישט דערזען ווערן פון קיינעם.

ווען זיין פערד האָט אַריינגעלאָפירט דורך דער אַלענבי־אַלייע צום ערשטן געסל פון תל־אָביב, האָט אדון שלום אַ צווינג־געטאָן מיטן צוימל די שוימיקע מאָרדע און דער טראָט איז פאַרלאַנגזאַמט געוואָרן אַזוי, אַז ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געמיטלעכן שפּאַציר. פאַר דעם בליק האָט זיך אָנגעהויבן אויסשפּרייטן דער צוואוואוקס פון דער שטאָט, וואָס איז נאָך אַלץ געווען אַ שטעטל אין דער מיט פון בויען זיך. די סמנים פון בויען זענען געווען די גרויע בעטאָנענע פיר־עקיקע פונדאַמענטן, וואָס מען האָט אַוועקגעלייגט פאַר נייע הייזער איבער אַ צאָל פון די געסלעך און די מלחמה־יאָרן האָבן אָפּגעשטעלט די ווייטערדיקע אַרבעט. איצט האָבן אין דעם בלענדיקן ליכט פון נאָכמיטאָג די פיר־עקיקע פונדאַ־מענטן אויסגעקוקט, ווי גרויסע בעקנס אָנגעפילט מיט געלן זאַמד. דאָ און דאָרטן איז געשטאַנען אַ הויז נאָך נישט קיין פאַרענדיקטס און פון צייט צו צייט האָט זיך דאָס אויג אָנגעשלאָגן אויף אַ הויז, וואָס כאָטש מען האָט געוואוינט אין דעם, האָט דאָס דאָך געגעבן דעם איינדרוק, אַז עס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין גרויס איילעניש, אַבי מען זאָל קאָנען האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אָבער אַפילו די הייזער, וואָס זענען געשטאַנען אַרומ־גערינגלט מיט קליינע גרינע גערטנדלעך צו די פראָנטן פון די צוגאַנגען צו זיי, האָבן אויסגעקוקט, ווי באַלעבאַטישע מענטשן, וואָס האָבן זיך ערשט נאָרוואָס אומגעקערט פון אַ שטאַרקן רעגן און ווינט־שטורעם, די ווייסע ווענט האָבן געהאַט אויף זיך געלע און גרויע אויסגעהוילטע לעכער, וואָס האָבן אויסגעקוקט, ווי קויטיקע לאַטעס איבער ווייסלעכע פאַרגליווערטע צעהאַנגענע ליילעכער.

מיט דער געבײדע פֿון דער גימנאַזיע האָט ער זיך דערפֿרײט, ווי מיט אַן אַלטער באַקאַנטער, וואָס כאָטש די עלטער האָט זיך אויף איר אַביסל אַרויפֿגערוקט, האָט זי דאָך געהאַט פֿאַר אים דעם חן פֿון נאָענטער הײמיש־קײט. דערפֿרײט האָט ער זיך אויך מיט עטלעכע צוגעקומענע געבײדעס, וואָס זענען אויפֿגעגאַנגען פֿאַר זײן בליק, ווי אַנטפּלעקונגען: ער האָט זיך געפֿרײט מיט דער געבײדע פֿון דער „סינעמאַ״, כאָטש אין זײנע אויגן האָט זי אויסגעקוקט צו קלײן און אומבאַדײטנדיק. ספּעציעל האָט זי אויס־געקוקט צו קלײן און צו אומבאַדײטנדיק, ווען ער האָט זי אין זײן מוח פֿאַרגליכן מיט די גרויסע סינעמאַ געבײדעס אין יענע וועלט־שטעט, וואו עס איז אים אויסגעקומען צו לעבן דורך די לעצטע עטלעכע יאָר. דאָס אײגענע האָט ער געפֿילט, ווען ער איז אויף זײן פּאַמעלעך טראָטלענדיקן פֿערד פֿאַרבײ געריטן די גערטנדלעך אויפֿן נאָמען פֿון בנימין ראָטשילד, וואָס זײנען נישט ווײט פֿון דער ווײסער גימנאַזיע געבײדע. ער האָט זיך געפֿרײט מיט די אַרומצאַמונגען, מיט די טויערלעך, מיט דעם ביסל גרינס, די עטלעכע בלומען, אָבער זײן אַפּעטיט איז געווען פֿאַר פֿיל גרעסערס. דער ברײטער שטח זאַמד הינטער דער גימנאַזיע געבײדע לינקס צו יפֿו צו, און רעכטס אויפֿן וועג קײן סאַראָנע — די קאָלאָניע, וואָס איז געווען באַזעצט מיט דײטשן, האָט געשניטן זײן האַרץ, ווי מיט אַ חליף.

— זאַמד, זאַמד, זאַמד — האָט ער געמורמלט צו זיך. און כאָטש זײנע בליקן האָבן נישט געקאָנט דערגרײכן צו דער דײטשישער קאָלאָניע סאַראָנע, האָט ער דאָך געזען סאַראָנע פֿאַר די אויגן און זײן האַרץ האָט זיך געקנײטשט פֿון גרויסן צער.

— דײטשן? וואָס ווילן זײ דאָ האָבן?

אָפּגערוט האָט ער זיך, ווען ער האָט געריטן פּאַזע דעם ברעג פֿונעם ים.

— אַ שײנער, ווײסער ים־ברעג — האָט ער עטלעכע מאָל צו זיך איבערגעחזרט.

דער ים־ברעג האָט אַביסל באַרואיקט זײן געמיט און ער האָט גענומען זען מעגלעכקײטן פֿון ײדישן אויפֿבוי אויף אַ ברײטן פֿאַרנעם. פֿאַר זײנע אויגן זענען דורכגעגאַנגען די מוסטערן פֿון דער פֿראַנצויזישער ריוויעראַ, ניו־יאָרקער מאַנהעטן־ביטש און נאָך און נאָך.

אויפֿן וועג צוריק האָט ער ווידער דורכגעריטן די געסלעך פֿון תּל־אָביב.

איצט האָבן אים פֿאַראינטערעסירט מער די מענטשן, וואָס זענען אים אַנטקעגן געקומען, ווי די געבײדעס.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין יעדן פֿאַרבייגייער, און כאָטש דאָס באַגעגענען יידן האָט אים געפֿרייט, האָט ער אָבער דערפֿילט אַן אומצופֿרידנקייט מיט די יידן, וואָס זיין אויג האָט אויפֿגעכאַפּט. זיין האַרץ האָט געבענקט נאָך יידישע מענער און פֿרויען פֿון וועלכע עס זאָל זיך טראָגן האַרעפּאַשנעקייט און די, וואָס ער האָט באַגעגנט, האָבן אויסגעקוקט צו ווייסקאָלנעריש, אָדער יידן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט מסחר.

— יידישע סוחרים? מיט וואָס זשע אַזוינס האַנדלען זיי?

בשעת עס האָט זיך אים געפֿרעגט די פֿראַגע, האָט ער געזוכט אַרום זיך אַ סימן פֿון אַ מינדס פֿאַבריקל און דאָס נישט געפֿונען.

און די געשעפֿטן?

קיין סימן פֿון איין וויכטיק אויסזעענדיקן געשעפֿט האָט ער אויך נישט געפֿונען.

דאָ און דאָרטן אַ קרעמל פֿון שפּייז, אַ כשרע יאַטקע, אָבער אויף יעדן ראָג און אָפּטמאָל אַפֿילו אין דער מיט פֿון אַ געסל האָט אַ שלאָג געטאָן פֿאַר זיין בליק אַ קרעמל פֿון סאָדע־וואַסער מיט קאָנפֿעקטן.

— גזוז! — האָט ער געלייענט דעם העברעאישן אויפֿשריפֿט, און דערפֿילט אַזאַ אומחשובֿדיקייט, אַזאַ נעבעכדיקייט אין דעם אויפֿשריפֿט.

זינט ער איז אין זיין גערדאַנק געקומען צום ציוניזם איז דאָס נייע ארץ־ישראל ביי אים געווען פֿאַרבונדן מיט שווערער פּיאָנערן אַרבעט. ער אַליין האָט אין זיין פֿריער יוגנט געהאָרעוועט אין אשל יהודה מיט אַ טאַטשקע איבער די זאַמדן און די אַלע, וואָס זענען דעמאָלט געווען אַרום אים האָבן אויך שווער געאַרבעט.

דאָס נייע ארץ־ישראל האָט פֿאַר אים געמיינט גרויסע מאַראַנצן־גערטנער, אָדער גערטנער פֿון טרויבן און ניס־פּלאַנטאַציעס.

אַוודאַי קאָן אַ שטאָט, ווי תּל־אָביבֿ, וואָס ווערט און דאַרף ווערן מיט דער צייט, זיך נישט באַשעפֿטיקן מיט אָט אַזוינס. אַ שטאָט האָט פֿאַר זיך איר אַרבעט. זי האָט אין זיך די אינדוסטריע, וואָס פּראָדוצירט די פּראָדוקטן פֿאַרן געברויך אין די דערפֿער. עס איז דער געזונטער אויסטויש. דאָס דאָרף גיט עסן, און די שטאָט גיט די איבעריקע נייטיקע זאַכן. געשעפֿט? נו, יאָ, געשעפֿט אויך. אָן דעם האָט ער די שטאָט נישט געקאָנט זיך אויסמאָלן, אָבער געשעפֿט זאָל זיין געשעפֿט. ער האָט געזוכט אַרום זיך יענע גרויסע געשעפֿטן, וואָס זאָלן האָבן אין זיך די פּראָדוקטן פֿון די דערפֿער און פֿון דער אייגענער פּראָדוקציע, אָבער געוואָרפֿן אין די אויגן האָבן זיך אים גזוז־קרעמלעך.

איז ער אַרונטער פֿון זיין פֿערד, ווייל אים האָט געדורשט, און ער האָט געוואָלט אויסטרינקען אַ גלעזל גזוז.

אדון שלום איז געלעגן אויף זיין בעטל און זיך נישט געקאָנט דערמאָנען צי עס האָט אים טאַקע געדורשט אָדער ער איז גלאַט אַזוי אַריין אין דעם גזוז־קרעמל, כּדי צו זען, ווי אַזוי יידן האָבן אין ארץ־ישראל פּרנסה פֿון גזוז.

דאָס פּנים פֿון יענעם יידן, איינגעראַמט אינעם טונקעלן בערדל געמישט מיט גרוי, איז געווען אַן אײדלס. מען האָט געקאָנט זען, אַז דאָס סאַרווירן דאָס גלעזל גזוז איז פֿאַר אים געווען אַ ירידה. דאָס זעלבע האָט זיך אויך קלאָר געזען אויפֿן פּנים פֿון זיין פֿרוי, וואָס איז געווען פֿאַרנומען ביים טישל מיט קאָנפֿעקטן. אָבער אַז עס איז אַריינגעקומען דער אויסגעפּוצטער יונגערמאַן אין דעם טשעסוטשאַ־אַנצוג, פֿאָכנדיק דאָס פּנים מיט דעם ווייסן שטרויענעם קאַפּעליוש, האָבן זיי ביידע זיך געוואָרפֿן אים צו באַדינען.

דאָס זעלבע איז געווען אויך צו אים, אָבער נישט וויסנדיק, אַז ער איז אַ ייד, האָבן זיי אים בלויז באַדינט און נישט געפּרובירט אויסצוליבן פֿאַר אים די קאָנפֿעקטן, ווייל נישט קאָנענדיק רעדן קיין ענגליש האָבן זיי נישט געהאַט די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן.

אדון שלום האָט זיך דערמאָנט מיט וואָס פֿאַר אַ שווער געמיט ער האָט זיך אומגעקערט רייטנדיק אויף זיין פֿערד פֿון זיין וויזיט אין תּל־אָביב צוריק אין לאַגער אַריין, און אים האָט איצט שוין מער גאָרניש געוואונדערט דער פלאָנטערנדיקער חלום, וואָס איז צו אים געקומען, ווי נאָר ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און איז איינגעשלאָפֿן.

— גזוז! גזוז! — האָט ער זיך צעברומט ציענדיק די באַשטיוולטע פֿיס אויף זיין בעטל, און אים איז קלאָר געוואָרן, אַז ער וועט פֿאַר זשאַבאָטינסקין אַפֿילו אויפֿן מויל נישט ברענגען דעם פֿאָרשלאַג פֿונעם שטאַב צו ווערן אַ גענעראַל.

— וואָס גענעראַל! ווען גענעראַל! ווען עס איז דאָ אַזוי פֿיל צו טאָן אין ארץ־ישראל! — האָט ער זיך צעברומט און זיך שווער אויפֿגעהויבן פֿון זיין בעטל.

נאָר ווען ער האָט אַ צי געטאָן זיינע נישט אויסגערוטע גלידער, האָט ער דערפֿילט אַ שטאַרקן דורשט, און ער האָט זיך צעשמייכלט:

— אַ גלעזל קאַלטער גזוז וואָלט איצט גאָרנישט שלעכט געווען. אָבער טאַקע גאָר נישט שלעכט געווען.

אַדון שלום באַגעגנט זיך מיט דער פוכאָנין-משפחה

די באַגעגעניש צווישן אַדון שלומען מיט דער פוכאָנין־משפחה איז פֿאָרגעקומען אַ סך פּשוטער, ווי ביידע האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט.

עס איז געווען דעם צוועלפֿטן נאָוועמבער פֿון דעם יאָר טויזנט ניין הונדערט און אַכצן, ווען דער באַטאַליאָן־טרומייטערער האָט זיך צעטרו־מייטערט אין דעם פֿרימאָרגן אַריין מיט גאָר אַן אַנדער סאָרט טרומיי־טעריי. עס איז געווען די זעלבע מעלאָדיע, ווי אין יעדן פֿרימאָרגן, און דאָך זיינען די טענער געווען אַזעלכע פֿייערלעכע, אַז די לעגיאָנערן האָבן זיך אַ הויב געטאָן פֿון זייערע געלעגערס אין די לייוונטענעביידלעך מיט אַ שנעלערער טעמפּאָ, פֿרעגנדיק איינע ביי די אַנדערע:

— וואָס איז דאָס היינט פֿאַר אַ יום־טוב?

— הערט נאָר, הערט, ווי ער האָט זיך דאָס צעטריליעט אויפֿן טרו־מייטער!

— ער שפּילט דאָך, ווי צו אַ חתונה! — האָט מען זיך געוויצלט, אוןווידער און אָבער האָט מען געקאָנט הערן, ווי איינער שרייט אַריבער צום אַנדערן ווען מען איז אַרויס אין דרויסן זיך אַרומצואוואַשן:

— העי, וואָס איז געשען?

אויך די זון איבער די שפּיצן פֿון די יהודה־בערג איז דעמאָלט געווען מער צעשיינט און שנעלער, ווי געוויינלעך, זיך געהויבן אין הימל אַריין, און הויבנדיק זיך האָט זי אין איר שנעלקייט געוואָרפֿן פֿון זיך דינע שפּליטערס פֿון צעגאָלדעטן פֿייער, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורכן פֿרימאָרגנדיקן נעפּל ווי זי וואָלט געזאָגט:

— לאָזט דורך און שטייט נישט אין וועג, ווען מען איילט זיך לכבוד אַזאַ יום־טוב.

— אָבער וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין יום־טוב?

מען האָט געפֿרעגט, און קיינער האָט נישט געהאַט קיין ענטפֿער.

ווען די אָפּטיילונגען זיינען אַרויס מיט זייערע אַלומענע, שיינענדיקע קענדעלעך צו דער פֿעלד־קיך נאָך זייער פֿרישטיק, זיינען געפֿלויגן נאָך פֿראַגן:

— וואָס זשע איז דאָס היינט פֿאַרט געשען, האַ?

— די קעניגין מערי האָט למזל געבוירן אַ זכר! — האָט זיך עמעצער געוויצלט.

די סערזשאַנטן און די קאַרפּאָראַלן — צי זיי האָבן יאָ אָדער נישט געוואוסט, האָבן זיך אָבער געבלאָזן מיט מינעס פֿון קאָנספּיראַציע אויף זייערע פּנימער, און געלאָזט וויסן מיט הויכע באַפֿעלערישע קולות:

— איר וועט שוין אויסגעפֿינען שפּעטער! — האָבן זיי געברומט, און דערביי צוגעלייגט:

— מעש און געווער אין דער ריינסטער אָרדענונג! אין אַ האַלבע שעה פֿאַרטיק זיין אויפֿן פּאַראַד־פּלאַץ!

ווען די האַלבע שעה איז אַריבער האָבן די סערזשאַנטן און די קאַר־פּאָראַלן זיך צעדונערט מיט זייערע קולות:

— אויפֿן פּאַראַד־פּלאַץ! אויפֿן פּאַראַד־פּלאַץ!

פֿון אַלע זייטן האָבן זיך גרופּן אויסגעפּוצטע לעגיאָנערן געצויגן צום פּאַראַד־פּלאַץ, וואָס איז געלעגן אין דער רעכטער זייט פֿונעם לאַגער. די זון האָט זיך צעשפּילט אויף די געשייערטע מעשענע קנעפּלעך און אויף דעם שטאָל פֿונעם געווער.

ווען די פֿיר קאַפּיטאַנען מיט זייערע לייטענאַנטן האָבן דעם מאַיאָר איבערגעגעבן דעם באַטאַליאָן, איז עס שוין געשטאַנען אויסגעשטעלט אין צוויי ברייטע רייען מיט די ביקסן אויף די שולטערן אין שטילער פֿאַר־גליווערונג. פֿון ברייטן וועג, און פֿון די זייטיקע וועגעלעך און שטעגעלעך האָבן זיך באַוויזן יידישע געסט פֿון די נאָענטע ישובים. מען איז געקו־מען אויף בריטשקעלעך, רייטנדיק און צופֿוס אין יום־טובדיקע קליידער, און מען איז געשטאַנען אין גרופּן אין שטילער דערוואַרטונג. דער פֿאַר־גליווערטער באַטאַליאָן איז אויך געשטאַנען און געוואַרט.

געוואַרט אין זיין גליווער אויסצוגעפֿינען די גרויסע געשעעניש.

ענדלעך האָט זיך באַוויזן דער קוירנעל אַדון שלום אויף זיין ברוינעם, אויסגעפּוצטן פֿערד אַרומגערינגלט פֿון אַ גרופּע רייטנדיקע אָפֿיצירן, וואָס האָבן לויט די צייכנס אויף די היטלען זיך געלאָזט דערקאָנען, אַז זיי זיינען פֿונעם גענעראַל־שטאַב. ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן נאָענט

פֿונעם פּאַראַד־פּלאַץ, האָט דער מאַיאָר צוזאַמען מיט אַלע באַטאַליאָנע־אָפֿיצירן זיך געגעבן אַ דרײַ אויס צו זיי, ווי אויף שרויפֿן, מיט די פּנימער און זיך געשטעלט אין סאַלוט.

— באַטאַליאָן! — האָט אַדון שלום אַ דונער געטאָן מיט זיין טיפֿן באַריטאָן־קול אַזוי שטאַרק, אַז זיין פֿערד האָט זיך אַ הויב געטאָן מיט די פֿאָדערשטע פֿיס אין דער הויך, און באַלד איז געקומען פֿון אים דער אויסרוף:

— אַרונטער דאָס געווער!

די צוויי רייען פֿונעם באַטאַליאָן האָבן אין דרײַ ריטמישע באַוועגונגען, וואָס האָבן אַ וויג געטאָן די לופֿט, אַרונטערגעלאָזט די ביקסן צו זייערע פֿיס.

— לייכט שטיין! — האָט ווידער דער קוירנעל אַדון שלום אַ דונער געטאָן, און די לעגיאָנערן־טריט האָבן זיך צענומען און די ביקסן אין זייערע רעכטע הענט זיינען אַרויס אין פֿאָראויס.

איצט איז שוין דאָס פֿערד אונטער דעם קוירנעל געשטאַנען ווי פֿאַרגליווערט און פּונקט אַזוי די פֿערד פֿון די שטאַב־אָפֿיצירן.

אַ רגע איז געווען שטיל. אַזוי שטיל, אַז עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַפֿילו די זון איז פֿאַרגליווערט פֿון דערוואַרטונג.

דעמאָלט האָט דער קוירנעל אַדון שלום זיך אַ צי געטאָן איבער זיין פֿערד, און אָנגעהויבן אין אַ פֿייערלעכן טאָן:

— עס איז פֿאַר מיר אַ גרויס פֿאַרגעניגן אייך צו לאָזן וויסן, אַז די רעגירונג פֿון זיין מאַיעסטעט צוזאַמען מיט אירע פֿאַרבינדעטע האָבן נעכטן אונטערגעשריבן אַ וואָפֿנשטילשטאַנד מיט דייטשלאַנד.

— הוראַ! — האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אַלעמענס מיילער. באַלד איז דער הוראַ־געשריי איבערגעגאַנגען אין געזאַנג פֿון דער ענגלישער הימנע און פֿון דער ענגלישער הימנע איז מען אַריבער צו דער ציוניסטישער „התקוה״, וואָס איז אויך אונטערגעכאַפּט געוואָרן פֿון די יידישע ציווילע געסט, וואָס זיינען געשטאַנען נישט ווייט פֿון באַטאַליאָן.

— הוראַ! הוראַ! — האָט זיך ווידער צעטראָגן אין דער לופֿט, און באַלד נאָכדעם:

— הידד! הידד!

ווען די געשרייען און דאָס געזאַנג האָבן זיך ענדלעך איינגעשטילט, האָט דער קוירנעל אַדון שלום ווידער אָנגעהויבן רעדן:

— וואָפֿנשטילשטאַנד מיינט נאָך נישט, אַז די מלחמה איז געענדיקט. לאָמיר אַלע האָפֿן, אַז דאָס איז דער סוף. אָבער איר, וואָס האָט צוגע־טראָגן צום זיג פֿון זיין מאַיעסטעטס אַרמייען, זענט נאָך אַלץ אין דער אַרמיי און איר דאַרפֿט זיין גרייט ביז דער שלום וועט אונטערגעשריבן ווערן!

אָט אַזוי האָט ער פֿאַרענדיקט, און געבנדיק אַ צייכן צו די קאַפּיטאַנען, אַז זיי זאָלן איבערנעמען זייערע קאָמפּאַניעס, איז ער אין דער באַגלייטונג פֿונעם מאַיאָר און די שטאַב־אָפֿיצירן אַפּגעריטן צו זייןביידל.

די קאַפּיטאַנען האָבן באַפֿרייט זייערע קאָמפּאַניעס פֿון מושטירן זיך יענעם פֿרימאָרגן פֿאַרן טאָג, און גלייך נאָכן צעלאָזן האָבן זיך געזען רייען פֿון לעגיאָנערן ביי די קאַפּיטאַנישעביידלעך אַרויסצוקריגן דערלויבענישן־צעטעלעך צו פֿאַרלאָזן דעם לאַגער. דאָ און דאָרטן האָבן זיך לעגיאָנערן געמישט מיט די ציווילע געסט. מען האָט זיך געהאַלזט און געקושט און די לופֿט איז געווען אָנגעפֿילט מיט פֿריילעכקייט.

אַביסל שפּעטער, ווען די שטאַב־אָפֿיצירן האָבן אַרויסגעלאָפֿירט פֿונעם לאַגער, האָט די פּוכאַנין־משפּחה זיך דערנעענטערט צו דעם קוירנעל אַדון שלומען, וואָס איז געשטאַנען אין זיין פֿולער פּאַראַד־אוניפֿאָרם ביים אַריינגאַנג פֿון זיין ביידל. ער האָט אָפּנים זיי דערקענט און איז אַנטקעגנ־געגאַנגען.

— געבענטשט זאָל זיין אייער קומען צו אונז — האָט מנשה פּוכאַנין באַגריסט אַדון שלומען.

דבורה האָט אָנגענומען זיין אויסגעשטרעקטע האַנט און זיך באַמיט צו האַלטן קאָרעקט, כאָטש אַלץ אין איר האָט צו אים אַנטקעגן געציטערט.

— מיין טאַכטער — האָט זי שטיל געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף אלישבען, וואָס איז געשטאַנען ביים זייט מיט אַ בוקעטל בלומען אין די הענט.

אַ ווייל האָט געהערשט אַן אָנגעשטרענגטקייט צווישן אַלעמען, אָבער טאַקע נישט מער, ווי אַ ווייל.

און עס איז געווען אלישבע, וואָס האָט די אָנגעשטרענגטקייט צע־בראָכן, ווען זי האָט איבערגעבנדיק דאָס בוקעטל בלומען אַדון שלומען אַ זאָג געטאָן מיט אַ סך יונג־מיידלשער חנעוודיקייט:

—— אָ, הער קוירנעל, דערלויבט מיר איך אַ קוש צו טאָן, ווי דעם יידישן זיגרייכן העלד אין אונדזער לאַנד!

דאָס זאָגנדיק האָט זי זיך אַ צי געטאָן צו אים, און אין אַ רגע שפּע־טער האָט זי שוין אַדון שלום געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, קושנדיק זי און לאַכנדיק צו מנשהן און דבורהן:

— אינגאַנצן ווי די מוטער, ווען זי איז...

דעמאָלט האָט מנשה פּוכאַנין זיך אָנגעהויבן פּרייען און דערביי זיך צו ווויצלען:

—אַדון שלום מיינט צו זאָגן, אַז מיין ווייב איז טאַקע געווען אַמאָל אַזאַ שיינע?

— אַ שיינע? — האָט אַדון שלום איבערגעפּרעגט, קוקנדיק אויף דבורהן, וואָס איז געשטאַנען אַביסל אַ צעטומלטע פון טיפער אויפרעגונג, און די קאָלירן האָבן זיך געמינעט אויף איר פּנים.

און עס איז געווען דעמאָלט, ווען אַדון שלום האָט אַ צי געטאָן דעם צווייטן אָרעם צו דבורהן, זי צוגעדריקט צו זיך, אַ קוש געטאָן אויף איר באַק און געזאָגט:

— איך בין אַזוי גליקלעך מיט אַט דעם אַלעמען.

אַט אַזוי האָט ער געזאָגט צו דבורהן, און באַלד זיך געווענדט צו מנשהן:

— אַ דאַנק אייך פאַר אַריבערקומען צו מיר און ברענגען די משפּחה.

איצט האָט ענדלעך דבורה זיך דערפּילט אַ באַהערשטע, און אויס־גלייכנדיק דאָס געבלומטע היטעלע איבער איר טונקעלן קאָפּ האָר, האָט זי געפּרעגט:

— איז ווען זשע וועט מען זיך זען ביי אונדז אין הויז?

אַדון שלום האָט אַ קוק געטאָן מיט אַ פאַרשנדיקן בליק אויף דבורהן. עס איז געווען קלאָר פאַר אים, אַז דבורהס אופן פון פרעגן ביי אים איז געווען דערפאַר, ווייל זי האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי צו רעדן צו אים, אויף „דו”, צי אויף „איר”, און ער האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו מנשהן:

— עס וועט זיין פאַר מיר אַ פאַרגעניגן צו באַזוכן אייער הויז ביי יעדער מעגלעכקייט.

— אונדזער הויז איז אייערס, אַדון שלום — האָט מנשה פּוכאַנין געענטפֿערט מיט אַ סך וואַרעמקייט אין קול.

— אַ דאַנק — האָט אַדון שלום געמורמלט אין טיפֿער אויפֿרעגונג.

דאָ האָט אלישבע פּלוצלונג אויסגעשריען מיט פֿריידיקייט אין איר קול:

— זעט נאָר, זעט, ווער דאָרט שטייט!

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און דערזען בצלאל פֿערשטערן מיט זיין פֿאָטער און מוטער.

— בצלאל! — האָט אַלישבע אויסגערופֿן, און דבורה האָט שמייכ־לענדיק דערקלערט אַדון שלומען:

— דער זון פֿון די פֿערשטערס אין תּל־אָביב, אַלישבעס אַ יוגנט־באַקאַנטער, זיי זיינען צוזאַמען אין גימנאַזיע געגאַנגען.

— אַזוי? — האָט אַדון שלום געפֿרעגט און העפֿלעך געשמייכלט.

דער פֿערד־יונג האָט צוגעפֿירט דאָס ברוינע פֿערד פֿאַרן קוירנעל, מעלדנדיק, אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדנונג.

— אַ דאַנק — האָט דער קוירנעל געזאָגט, נעמענדיק דאָס צוימל, אָבער אין דעם מאָמענט האָט אַלישבע אָנגעהויבן גלעטן דעם שלאַנקן, גלאַנציקן האַלדז פֿונעם פֿערד, זאָגנדיק עטלעכע מאָל:

— אָט דאָס איז אַ רייט־פֿערד!

— דו רייטסט? — האָט אַדון שלום געפֿרעגט ביי איר.

— איינע פֿון די בעסטע אין אשל־יהודה — האָט מנשה אַ זאָג געטאָן מיט שטאָלץ אויף זיין טאָכטער.

— אַזוי, אַזוי, אַ רייטערין, און פֿון די בעסטע!

ווען דבורה האָט נאָכאַמאָל דערמאָנט וועגן זיין אַריבערקומען אין שטוב אַריין, האָט אַלישבע זיך אַריינגעמישט:

— מיר דאַרפֿן דאָס וויסן, וואָרעם דער ישוב וויל צוגרייטן אַ קבלת־פּנים פֿאַר אייך.

אַדון שלום האָט אַ קוק געטאָן פֿריער אויף איר, און דערנאָך אויף דבורהן און מנשהן און זיך גענומען בעטן:

— מען דאַרף נישט. איך בעט איך, זעט, אַז דאָס זאָל אויסגעמיטן ווערן.

— אָבער אַ חלק אין אונדזער אשל־יהודה האָט איר דאָך — האָט מנשה געפּרובירט אַרגומענטירן.

— נו, איר מיינט דאָס ביסל זאַמד, וואָס איך האָב אַמאָל פֿאַנאַנדער־געפֿירט אין אשל־יהודה?

ביי אָט דער באַמערקונג האָט ער נישט ווילנדיק געוואָרפֿן אַ בליק אויף דבורהן, און זי, פֿאַרשטייענדיק זיין בליק, האָט שטיל אַ זאָג געטאָן צו אים:

— עס שטייט נאָך די טאַטשקע ביי אונדז.

מען האָט זיך פֿאַרשטענדיקט, אַז מאָרגן אָוונט קומט ער אַריבער, און אַז קיינער אין אשל־יהודה זאָל דערפֿון נישט וויסן.

אלישבע באַגעגנט זיך מיט בצלאלן

אַדון שלום האָט געמוזט אָפּפאָרן אין שטאָב אַריין, האָט ער זיך זייער וואָרעם צעזעגנט. דער עיקר האָט ער די וואָרעמקייט אַרויסגעוויזן צו אֶלישבען, טראַכטנדיק אוודאי, אַז זי איז נאָך אַ קינד און מען קאָן זיך פאַר־גינען צו זיין דעמאָנסטראַטיווער צו איר, ווי צו די איבעריקע.

— מאָרגן אָוונט! — האָט זי פריילעך אויסגערופן.

— מאָרגן אָוונט — האָט ער איר שמייכלענדיק געענטפערט אַ וויג טוענדיק זיך אויף זיין פערד.

— ווי שיין ער רייט! — האָט אֶלישבע אויסגערופן, נאָכקוקנדיק אים ביז ער איז פאַרשוואונדן אויף יענער זייט פונעם בערגל.

די פּוכאָנינס האָבן זיך געלאָזט צו זייער בריטשקעלע, וואָס איז גע־שטאַנען ביים אַריינגאַנג צום לאַגער.

— אלישבע! — האָט זיך דערהערט אַ קול.

דאָס איז געווען בצלאלס אויסרוף. ער האָט די גאַנצע צייט שטייענ־דיק מיט זיין פאָטער און מוטער נישט אַרונטערגעלאָזט זיינע אויגן פון איר, ווען זי איז געשטאַנען לעבן קוירנעל, און אַזוי גיך, ווי ער האָט דערזען, אַז זי לאָזט זיך מיט אירע עלטערן צום אַרויסגאַנג פונעם לאַגער, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן צו איר.

— אלישבע! שלום, אלישבע!

די פּוכאָנינס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זיך באַגריסט אויף אַ זייער ווירדיקן אופן מיט די פערשטערס, אָבער די קינדער האָבן זיך שוין גע־האַלטן ביי די הענט:

— שלום, בצלאל! — איך האָב דיך געזען פון דערווייטנס!

— איך אויך! — האָט זיך בצלאל געפרייט.

— אייער זון? — האָבן די פּוכאָנינס געפרעגט, און ערשט דעמאָלט האָט בצלאל אויסגעשטרעקט צו זיי זיין האַנט, וואָס אלישבע האָט גלייך נאָכגעטאָן צו די פערשטערס.

— זעט אויס, אַז אונדזערע קינדער זײַנען שוין אַלטע באַקאַנטע — האָט אַדון פֿערשטער געזאָגט. און דערבײַ באַוויליגט, אַז זײַן שמײכל זאָל זיך אַ שפּרייט טאָן איבער זײַן פֿײַן צעקעמטער גרויער באָרד.

— בצלאל איז דאָך אונדזער גאַסט געווען אײדער ער איז קיין אַמע־ריקע אָפּגעפֿאָרן — האָט דבורה דערמאָנט, און דעמאָלט האָט די גברת פֿערשטער זיך שוין אויך צעשמײכלט:

— יאָ, יאָ, איך דערמאָן זיך טאַקע.

בשעת די עלטערן האָבן פֿאַרפֿירט אַ שמועס צווישן זיך, האָבן דער־ווײַל די צוויי יונגע מענטשן זיך אמתדיק געפֿרייט אײנס מיטן אַנדערן.

— אָ, בצלאל! — האָט אלישבע זיך פֿאַרכלינעט.

— ווי שיין דו ביסט געוואָרן, אַלישבע — האָט בצלאל איר קאָמ־פּלימענטירט, און צוגעלייגט:

— און אויסגעוואַקסן אַזוי!

— דו אויך, בצלאל — האָט זי געזאָגט, און מעשה דערוואַקסענע אויסגערופֿן:

— אַ גאַנצער מאַן געוואָרן.

—שוין וויפֿיל יאָר, אַז מיר האָבן זיך נישט געזען?

— איבער פֿיר יאָר — האָט זי באַשטעטיקט.

— איך האָב דיר געשריבן אַ פּאָר מאָל — האָט ער זיך דערמאָנט.

— איך האָב דיר געענטפֿערט — האָט זי געזאָגט.

— און דערנאָך האָט דאָך אויסגעבראָכן די מלחמה — האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט הלמאי ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס שרייבן בריוו צו איר.

— יאָ, איך ווייס — האָט זי געענטפֿערט מיט אַ טאָן, אַז זי פֿאַר־שטייט פֿאַרוואָס ער האָט אויפֿגעהערט שרייבן.

— איך האָב אָבער געטראַכט פֿון דיר — האָט ער איר געלאָזט וויסן.

— יאָ? — האָט זי איבערגעפֿרעגט, און אירע טונקעלע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט מיט צופֿרידענער דאַנקבאַרקייט.

און גלײַך נאָכדעם ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל די זעלבע אויס־רופֿן איינס צום אַנדערן.

— אָ, אלישבע!

— אָ, בצלאל!

זיי וואָלטן זיך מסתמא געווען געזאָגט אויך אַנדערע ווערטער, אָבער שטייענדיק לעבן די עלטערן האָבן זיי זיך ביידע געפֿילט נישט אינגאַנצן באַקוועם.

און די עלטערן האָבן זיך דערווייל געפֿירט זייער שמועס צווישן זיך וועגן אַזעלכע זאַכן, ווי:

— איר קומט גאָרנישט קיין תּל־אָביב? — האָט די גבֿרת פֿערשטער געפֿרעגט ביי דער גבֿרת פוכאָנין.

— לעצטנס זייער זעלטן — האָט די גבֿרת פוכאָנין געזאָגט, און אַדון פֿערשטער האָט דערביי זיך אַריינגעמישט:

— נו, יאָ, לעצטנס, האָט מען זיך וואָס ווייניקער באַוועגט צווישן די ישובֿים.

אַדון פוכאָנין האָט געוואָלט וויסן ביי אַדון פֿערשטערן וואָס עס הערט זיך וועגן די עליות פֿון גלות, און אַדון פֿערשטער האָט גלעטנדיק די שיינע באָרד געמאַכט אַ מינע, וואָס האָט געלאָזט וויסן, אַז ער איז נאָך נישט אין דער לאַגע אַרויסצוקומען מיט קלאָרע דבורים. ער האָט בלויז געזאָגט:

— עס ווענדט זיך אין דער אויסטייטשונג פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע.

— וואָס זשע, עס דאַרף ערשט קומען אַ פּירוש? — האָט אַדון פוכאָנין געפֿרעגט מיט פֿאַרוואונדערונג.

— עס איז אַ סך צו רעדן וועגן דעם — האָט אַדון פֿערשטער אַ לאָז געטאָן די ווערטער דורך דער באָרד.

דאָ האָט די גבֿרת פוכאָנין זיך פּלוצלונג אַ ווענד געטאָן צו בצלאלן:

— דו ביסט דאָך נאָענט פֿון אונדז, קום אַריבער, ווען דו קאָנסט נישט באַווייזן צו זיין ביי די עלטערן אין תּל־אָביב.

— תּודה, — האָט בצלאל געזאָגט.

מען האָט זיך פֿריינטלעך, אָבער זייער ווירדיק צעזעגנט, זאָגנדיק, אַז עס איז געווען אַ פֿאַרגעניגן די באַגעגעניש.

— מיר וועלן זיך דאָך זען — האָט אַלישבע געזאָגט צו בצלאלן, און זי האָט געהאַלטן זיין האַנט.

— בקרובֿ — האָט בצלאל פֿאַרזיכערט.

ווען מען איז אַרויף אויף דעם בריטשקעלע האָט אַלישבע זיך איינ־געשפּאַרט, אַז די עלטערן זאָלן זיצן פון הינטן און זי וועט אַנטרייבן.

אויפן וועג אַ היים האָט זי געהערט, ווי טאַטע־מאַמע האָבן גערעדט צווישן זיך וועגן די פערשטערס:

— בּכּבודיקע מענטשן — האָט דער פאָטער באַמערקט.

— אָנגעבלאָזענע אַביסל — האָט די מוטער געענטפערט.

— נו, זיי זיינען דאָך עפּעס פון די... — האָט דער פאָטער זיך געפּרובירט איינשטעלן פאַר די פערשטערס, אָבער די מוטער האָט אים איבערגעשלאָגן מיט אַן איריטירטן טאָן:

— פון די וואָס? — האָט זי געפרעגט.

— אַ וואויל בחורל ביי זיי — האָט דער פאָטער שוין אַ זאָג געטאָן, כדי אָוועקצופירן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש.

מער האָבן זיי שוין ניט גערעדט. און אפשר האָבן זיי יאָ נאָך גע־רעדט צווישן זיך, אָבער אַלישבע האָט זיי שוין נישט געהערט. זי איז איצט געווען פאַרנומען מיט אירע אייגענע דורכלעבונגען פאַרן טאָג:

— בצלאל און אַדון שלום!

זי האָט אָט די צוויי נעמען אָנגערופן אין איר געדאַנק, און זיך שטאַרק פאַרוואונדערט פון דעם, וואָס איז אין איר פאַרגעקומען, ווען זי האָט זיך פאַרטראַכט פון אָט די צוויי מענטשן.

די צוויי קאַרע פערדלעך זיינען געגאַנגען אין אַ לייכטן ריטמישן טראָט איבערן ברייטן וועג און זי האָט געטראַכט, אַז בצלאל קוקט גאָר נישט עלעגאַנט אויס אין זיין אוניפאָרם.

— ווי שיין אַדום שלום האָט אָפּגעריטן אויף זיין פערד — איז איר דורכגעלאָפן אין מוח.

די פערדלעך האָבן אַליין זיך אַ פאַרדריי געטאָן צום זייטיקן זאַמדיקן שמאָלן וועג, וואָס האָט געפירט קיין אשל־יהודה און אַלישבע האָט דער־פילט אַזאַ מאָדנעם זיסן ציטער, און זי האָט געפילט, אַז קיין זאַך איז איצט נישט אַזוי וויכטיק, ווי דער מאָרגנדיקער אָוונט, ווען אַדון שלום וועט פאַרברענגען ביי זיי אין שטוב.

אַדון שלום שיקט אלישבען אַ מתּנה

אויף מאָרגן אין דער פֿרי איז אַלישבע אויפֿגעשטאַנען צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע און ביים פֿרישטיק זיינען אויסגעלייגט געוואָרן פּלענער, ווי אַזוי אויפֿצונעמען דעם וויכטיקן גאַסט פֿאַרן אָוונט.

פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט גאַלאָפּירנדיקע טריט פֿון פֿערד אַרום הויז, און באַלד זיינען די טריט שטיין געבליבן.

— ווער איז איצט געקומען אַהער?

אַלישבע איז געווען די ערשטע, וואָס האָט דערגרייכט די גלעזערנע טיר, וואָס האָט געפֿירט צו דער ווערענדע און זי האָט אויסגערופֿן:

— זעט נאָר, זעט, אבו כאַסאַן!

זי האָט שנעל אויפֿגעעפֿנט די טיר און איז אַרויס אויף דער ווערענדע אין דעם מאָמענט, ווען אַבו כאַסאַן איז אַרונטער פֿון זיין ווייסער שקאַפּע לעבן וועלכער עס איז געשטאַנען אַ יונג, ברוין, אויסגעפּוצט פֿערד מיט אַ נייעם מעש־געדעקטן פֿרויען־זאַטל.

— גוט־מאָרגן, אַבו — האָט אַלישבע אויסגערופֿן מיט פֿאַרוואונדערונג אין איר קול:

— וואָס ברענגט דיך אַזוי פֿרי אַהער?

אַבו כאַסאַן האָט זיך פֿאַרנויגט פֿאַר איר מיט אַ צי פֿון זיינע הענט און געזאָגט:

— גוט־מאָרגן דיר, שענסטע פֿון אַלע מיידלעך אין אשל־יהודה, זאָל אַללאַ דיך בענטשן מיט נאָך מער גוטס, ווי ער האָט דיך ביז איצט געבענטשט — האָט אַבו כאַסאַן איר געענטפֿערט אויף דער באַגריסונג, און באַלד מיט אַ נייעם פֿאַרנויג צוגעגעבן:

— דאָס ברוינע פֿערדל איז אַ מתּנה צו דיר מיט די בעסטע גרוסן פֿון האַוואַדזשי סאַלימען.

אין דעם מאָמענט האָבן זיך אויך באַוויזן אויף דער ווערענדע דבורה מיט מנשהן.

— גוט מאָרגן — האָט אַבו כּאַסאַן אויך אָנגעהויבן זיין באַגריסונג צו זיי, און ווער ווייסט, וואָס נאָך ער וואָלט צוגעגעבן צו זיין „גוט־מאָרגן", ווען אַלישבע אין איר אויפגערעגטקייט שלאָגט אים נישט איבער:

— זעט נאָר, זעט, אַ מתנה צו מיר פון אַדון שלומען!

זי איז אַרונטער פון דער וועראַנדע, אַ נעם געטאָן דאָס פערדל ביים צוימל און צוגעדריקט איר פנים צו דער לענגלעכער מאָרדע:

— ווי שיין עס איז!

— אַזוי איז טאַקע זיין נאָמען — האָט אַבו כּאַסאַן צו איר געזאָגט, און גלעטנדיק דעם האַלדז פונעם פערדל האָט ער איר קלאָר געמאַכט:

— שיינקייט איז זיין נאָמען.

—שיינקייט? — האָט אַלישבע איבערגעפרעגט מיט פרייד אין אירע אויגן, און נישט וואַרטנדיק אויף קיין נייע דערקלערונגען, האָט זי נאָכאַמאָל צוגעדריקט איר קאָפּ צום פערדס האַלדז און האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן צו זיך אַליין אין איבערפולטער פרייד:

— שיינקייט! שיינקייט!

ווען אַלישבע איז געווען פאַרנומען מיט איר פערדל, האָט דערווייל אַבו כּאַסאַן איבערגעגעבן אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט צו דבורהן. זי האָט אים שנעל אויפגעמאַכט, דורכגעקוקט דאָס בריוול, וואָס זי האָט אַרויסגעצויגן פון דאָרטן, און דאָס איבערגעגעבן מנשהן.

— ער בעט נישט מאַכן קיין גרויסן וועזן — האָט זי געזאָגט צו מנשהן אין דער שטיל.

דעמאָלט האָט מנשה אַרויפגעשטעלט די גאָלדענע פענסנע אויף זיין נאָז און גענומען לייענען דאָס בריוול פאַר זיך:

— נו, אַז עס איז זיין ווילן, דאַרף מען אים צוליב טאָן — האָט ער געזאָגט אין דער שטיל צו זיך אַליין, און ווענדנדיק זיך דערנאָך צו דבורהן האָט ער צוגעלייגט:

— אפשר בעסער אַזוי, וועלן מיר האָבן אַ שטילן אָוונט מיט אים.

— טאָכטער! — האָט דבורה אַ געשריי געטאָן מיט שרעק אין איר קול, דערזעענדיק אַלישבען אין זאָטל איבערן פערדל, וואָס האָט זיך געהויבן מיט די פאָדערשטע פיס אַרויף.

אַלישבע האָט זיך פֿריילעך צעלאַכט און אַ צי טוענדיק דאָס צוימל האָט זי געצוואונגען דעם פֿערדל זיך אויסצוגלייכן און בלייבן שטיין צוגעשמידט צו דער ערד.

— איר זעט? — האָט זי טריאומפֿירנדיק זיך געווענדט צו די עלטערן.

— באמת אַ שיינקייט — האָט מנשה געזאָגט אַ צופֿרידענער, און קוקנדיק פֿאַר זיך האָט מען נישט געוואוסט וועמען ער האָט געמיינט מיט זיין עקזאַלטירנדיקן אויסרוף — דעם פֿערדל, צי דער טאָכטער זיינער, וואָס איז געזעסן איבער דעם, וואָרעם ביידע זיינען געווען שיינקייט.

דבורה האָט אַריינגעבעטן אַבו כאַסאַנען אין קיך אַריין אויף עפּעס איבערצובייסן און דערנאָך איז זי מיט מנשהן אַריינגעגאַנגען צוריק אין עס־צימער צו פֿאַרענדיקן דעם פֿרישטיק, און זיך דורכרעדן גענויער וועגן די צוגרייטונגען פֿאַרן אָוונט.

אַלישבע איז געבליבן אין דרויסן, גלעטנדיק דאָס פֿערדל איבערן האַלדז, נישט אויפֿהערנדיק ווידער און אָבער איבערצוחזרן מיט אומ־אויפֿהערלעכער פֿרייד, וואָס האָט געשלאָגן פֿון איר.

— שיינקייט! אַ וואונדערלעכע שיינקייט מיינע!

אַבו און פֿאַטמאַ

צווישן פֿאַטמאַן — דאָס הויז־מיידל ביי פּוכאַנינס — און אַבו כאַ־סאַנען האָט לעצטנס נישט געהערשט קיין שלום. זינט יענע נעכט, ווען זי פֿלעגט אים אויפֿנעמען ביי זיך, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז ער באַהאַלט זיך אויס פֿון דער טערקישער מאַכט, ביז זיין איצטיקן אַריינקומען, האָט זי אים זעלטן געזען. און אַז עס האָט זיך געטראָפֿן, אַז ער האָט זיך יאָ באַוויזן און אַ צי געטאָן צו איר אַ האַנט, פֿלעגט זי די האַנט אָפּוואַרפֿן פֿון זיך מיט כּעס אין די אויפֿגעבליצטע אויגן.

— זאָל אַבו גיין צו זיינע אייגענע ווייבער!

אַט אַזוי פֿלעגט זי אַ העשע טאָן, אָבער אַז ער איז אַוועק, האָט זי דאָך אים נאָכגעקוקט דורכן פֿענצטער מיט אַביסל בענקשאַפֿט.

זי האָט געהאַלטן אין איבערוואַשן דאָס געשיר פֿונעם פֿרישטיק, ווען ער איז דאָס מאָל אַריין. זי האָט זיך אַפֿילו נישט אומגעקוקט אויף אים, כאָטש זי האָט געהערט, ווי זיינע פֿיס שאַרן זיך צו איר.

— לאָז אָפּ, אַבו — האָט זי אַ העשע געטאָן אויף אים, ווען זי האָט דערפֿילט זיין האַנט פֿון הינטן אַרום אויף איר ברוסט.

— גיב אָפּצועסן, וואָס דו האָסט, וואָרעם איך בין אין גרויס איילעניש.

— און וואָס איז אַזוי די איילעניש אויף אַבו כאַסאַנען? — האָט זי געפֿרעגט נישט אויסדרייענדיק דאָס פּנים צו אים.

— אַבו כאַסאַן איז איצט זייער אַ וויכטיקער מענטש — האָט ער געענטפֿערט מיט גדלות אין קול, און אַ דריק טוענדיק זי צו זיך, האָט ער צוגעלייגט:

— האַוואַדזשי סאַלים איז דער פֿריינד פֿון אַבו כאַסאַן.

איצט האָט זי נישט מער געהעשעט אויף אים און אַפֿילו זיך נישט באַמיט זיך אַרויסצושאַרן פֿון זיינע הענט. זי האָט בלויז געזאָגט אין דער שטיל:

— נו, זאָלן זיך פֿרייען דיינע ווייבער מיט דיין דערהויבנקייט.

— שטיל! — האָט ער שוין איצט אַ מרוקע געטאָן צו איר, און זעצנדיק זיך לעבן טישל האָט ער אַנאָנסירט:

— די גברת האָט באַפוילן מיר געבן אַפּצוּעסן.

פאַטמאַ האָט אַ דריי געטאָן צו אים דאָס פּנים. אירע אויגן זיינען געווען צעבליצט מיט אַ בליצעניש, וואָס האָט דערציילט פון ליבע אויס־געמישט מיט שנאה, און אין יענעם מאָמענט איז געווען שווער אויסצו־מעסטן, וואָס איז געווען שטאַרקער צו אים, די ליבע צי די שנאה.

זי האָט אַוועקגעשטעלט ברויט אין אַ שטרויענעם קוישל פאַר אים. דערנאָך האָט זי געבראַכט פרוכט אין אַ הילצערנער שיסל, אַ טעצעלע מיט האָניק, און זי האָט שווייגנדיק געגומען דערוואַרעמען פאַר אים קאַווע.

אַבו האָט זיך גענומען צום ברויט, וואָס ער האָט געטונקען אין האָניק, פאַרביסן מיט אַ פרוכט, און ווען פאַטמאַ האָט אים צוגעטראָגן די קאַווע, האָט ער זי אַ נעם געטאָן ביי דער האַנט.

— ביסט אַ שיינקייט, פאַטמאַ, איך וועל דיך איינגיכן אָפּקויפן ביי דיין פאָטער.

איצט האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ שטילן גלי אין אירע אויגן און זי האָט געזאָגט:

— איך וועל שוין סיוּוי נישט קאָנען ווערן דיין ווייב.

— פאַרוואָס? — איז ער נייגעריק געוואָרן.

— אַלישבע האָט מיר געזאָגט, אַז אונטער די „אַנגליזן" וועט אַ מאַן נישט קאָנען האָבן מער ווי איין ווייב.

— נישט מער ווי איינע? — האָט זיך אַבו פאַרוואונדערט, אָבער באַלד האָט ער זיך שטיל צעלאַכט:

— איך האָב דאָך דריי!

— וועסטו מוזן יענע אַרויסטרייבן!

דאָ האָט זיך אַבו פאַרטראַכט און מיט גרויס ערנסטקייט געזאָגט מער צו זיך, ווי צו איר:

— נישט קיין שלעכטע זאַך. איך וועל אַרויסטרייבן אַלע צום טייוול!

אָט אַזוי האָט ער געזאָגט צו זיך אין זיין פאַרטראַכטקייט און ווענדנ־דיק זיך צו פאַטמאַן, האָט ער צוגעלייגט:

— און דעמאָלט!

— און דעמאָלט? — איז זי נייגעריק געוואָרן.

— דעמאָלט וועסטו זײַן מײַן אײנציק טײַבעלע!

בשעת ער האָט אַזוי גערעדט צו איר איז זי געשטאַנען איבער דער שיסל הײסע וואַסער און פֿאַרענדיקט דאָס געפּעס־וואַשן. אַ ווײַל האָט זי אויסגעקוקט, ווי זי וואָלט מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס ער רעדט צו איר, און פֿון צײַט צו צײַט איז זי אַפּילו אַרײַנגעפֿאַלן מיט אַ וואָרט, אָדער מיט אַ פֿראַגע אין זײַנע רײד אַרײַן. אָבער פּלוצלונג האָט זי אויפֿגעזאָטן און אַ בײזע העשע געטאָן אויף אים:

— אײדער אַ פֿערטע ווײַב, וואָלט איך שוין בעסער...

— בעסער וואָס? — האָט ער זי איבערגעשלאָגן.

— בעסער געאַרבעט אין אַ נאַווקע־הויז.

— אין אַ נאַווקע־הויז?

— יאָ, אין אַ נאַווקע־הויז, אין אַ נאַווקע־הויז — האָט זי געהעשעט.

אַבו כאַסאַן האָט אַ דריבנעם לאַך געטאָן און קײענדיק דאָס ברויט מיט האָניק גענומען דראָען אַ פֿינגער צו איר:

— איך וועל די פּיס אונטערהאַקן — האָט ער אַ ברום געטאָן, און אַרויסציענדיק דעם אויסגעבויגענעם קינזשאַל פֿון אונטער דער אַבאַיע, האָט ער צוגעלײגט:

— דו זעסט? — האָט ער בײַ איר געפֿרעגט פֿאָכנדיק מיטן קינזשאַל אין דער לופֿטן:

— מיט דעם שנײַד איך אָפּ דײַנע בריסטלעך אײנס און צוויי.

זי האָט אַ שטשירע געטאָן צו אים מיט אירע ווײַסע צײן, אַ דרײ געטאָן צו אים מיטן הינטן און געזאָגט:

— איך האָב נישט קײן מורא פֿאַר דיר. איצט איז אַן אַנדער צײַט. די „אַנגליזן" וועלן דיך אויפֿהענגען פֿאַר אָט אַזוינס.

— די אַנגליזן?

— יאָ, די אַנגליזן! — האָט זי זיך מיט אים גערײצט.

אַבו כאַסאַן האָט צוריק אַרײַנגעשטעקט זײַן קינזשאַל אונטער דער אַבאַיע און זיך צעלאַכט.

— וואָס זשע לאַכט עס אַזוי, אַבו כאַסאַן? — איז זי געוואָרן נײַגעריק,

דאָ האָט אַבו כאַסאַן זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט, און לאַכנדיק זיך צעטענהט:

— וואָס פֿאַר אַן אַנגליזן! די אַנגליזן האָבן אַרויסגעטריבן די טערקן און איצט וועט דאָ ווערן אַ לאַנד פֿון די יאַהודן!

— פֿון די יאַהודן?

— זיכער פֿון די יאַהודן!

— האָט דיר דער האַוואַדזשי סאַלים דאָס געזאָגט?

אַבו כאַסאַן איז אַ ווייל געבליבן זיצן, ווי אַן איבערגעשראָקענער פֿון זיינע אייגענע ווערטער, אָבער באַלד איז ער געקומען צו זיך און ער האָט גאָרנישט געזאָגט... אָבער אין מעטשעט האָט געזאָגט דער...

— ניין, האַוואַדזשי סאַלים האָט מיר דאָס נישט געזאָגט, האַוואַדזשי סאַלים איז מיינער אַ פֿריינד. ער וועט זיין גוט צו מיר, ווען ער... ניין, האַוואַדזשי סאַלים האָט גאָרנישט געזאָגט... איך שווער ביי אַללאַ, אַז ער האָט גאָרנישט געזאָגט... אָבער אין מעשטשעט האָט געזאָגט דער... אַ אַלע האָבן דאָס געזאָגט!

פלוצלונג האָט ער זיך אַ הויב געטאָן פֿונעם בענקל און בייז אַ זאָג געטאָן צו פֿאַטמאַן:

— ביסט אַ שיינקייט, פֿאַטמאַ! אָבער ביסט אַביסל צו נייגעריק, און דו שלעפּסט פֿאַרן צונג!

— איך שלעפּ דיך פֿאַרן צונג?

—יאָ, דו!

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט בלויז אַ דריק געטאָן פֿאַטמאַן צו זיך, זיך איינגעביסן אין אירע ליפּן, און איז אַרויס פֿון קיך.

אלישבע פֿאָרט ברענגען אַדון שלומען

יענעם פֿרימאָרגן איז שוין אַדון מנשה פוכאָגין געבליבן אין הויז מיט דער משפחה.

ער האָט אָפּגעשיקט מיט אַבו כּאַסאַנען אַ צעטעלע אין דער פּלאַנטאַ־ציִע צו די אַרבעטער, אַז ער קאָן נישט אַריבערקומען, ווייל ער איז היינט זייער און זייער פֿאַרנומען.

און פֿאַרנומען איז ער יענעם פֿרימאָרגן געווען באמת זייער שטאַרק, וואָרעם עס איז דאָך נישט געווען קיין קלייניקייט אויפֿצונעמען ביי זיך אין שטוב אַזאַ געהויבענעם גאַסט.

— ווער נאָך אינעם ישוב האָט דאָס אַזאַ זכיה! — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט צו דבורהן און אַלישבען.

דבורה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, און פֿאַרטראַכט געבלאַנדזשעט מיט די בליקן.

אַלישבע האָט געבראָגעט צוזאַמען מיט איר פֿאָטער, בשעת דבורה איז דווקא געווען זייער רואיק און מיט אַ רואיקער מעטאָדישקייט האָט זי אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן דאָס צעטל פֿון די מאכלים און געטראַנקען.

פֿאַטמאַ האָט געהאַלטן אין איין קריגן אינסטרוקציעס, און אַלישבע האָט נישט אויפֿגעהערט צו באַטאָנען:

— דער עיקר דאָס עס־צימער און דאָס זיץ־צימער!

— דאָס עס־צימער און דאָס זיץ־צימער — האָט פֿאַטמאַ איבער־געחזרט פֿאַר זיך.

שפּעטער איז דבורה געווען זייער באַשעפֿטיקט אין קיך. עס איז נישט געווען אַזוי דערפֿאַר, וואָס זי האָט זיך נישט געקאָנט פֿאַרלאָזן אויף פֿאַטמאַן, ווי אַן אינערלעכער באַגער צו זיין באַשעפֿטיקט, כּדי זיך צו באַפֿרייען ווי סע נישט איז פֿון דער אומרואיקייט אין זיך. פֿון צייט צו צייט בלויז איז זי דאָך געבליבן שטיין ביים צעעפֿנטן פֿענצטער אין גאָרטן אַריין דורך וועלכן עס האָט זיך באַזונדער געזען דער בוים, וואָס שלום און זי האָבן בשותּפֿות פֿאַרפֿלאַנצט.

— זיין בוים — האָט זי געמורמלט צו זיך.

אין דער זעלבער צייט איז מנשה פוכאַנין געווען שטאַרק פֿאַרנו־מען אינעם עס־צימער. ספּעציעל איז ער געווען פֿאַרנומען מיט די ווייַן־גלעזלעך, וואָס ער האָט מיט גרויס פֿאַרזיכטיקייט אַרויסגענומען פֿון דער גלאָז־שאַפֿע און זיי געהאַלטן אין איין איבערווישן און איבערפּוצן, רעדנ־דיק דערבײַ צו זיך מיט גרויסן אָנגעשטרענגטן ערנסט אויפֿן פּנים:

— אין אַ שיין, ריין ווייַן־גלעזל האָט דער ווייַן דעם אמתן קאָליר.

פּלוצלונג האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט, און אָנגעהויבן רופֿן צו הילף די טאָכטער:

— אַלישבע! וואו ביסטו, אַלישבע?

די טאָכטער, וואָס איז געווען פֿאַרנומען מיט איבעראַראַנזשירן דאָס מעבל אינעם זיץ־צימער, איז געקומען צו לויפֿן:

— האָ, טאַטע? האָסט מיך גערופֿן?

מנשה האָט אַוועקגעשטעלט דאָס גלעזל, וואָס ער האָט שוין צום וויפֿלטן מאָל איבערגעפּוצט, און געפֿרעגט:

— וואָס טראַכסטו, טאָכטער, זאָל מען היינט סערווירן דעם טאָקאַיער צי דעם מאָסקאָט ווייַן?

אָט אַזוי האָט ער ביי איר אַ פֿרעג געטאָן מיט אַזאַ ערנסטקייט, ווי דאָס וואָלט געווען ביי אים אַ זייער ערנסטע פּראָבלעם פֿאַר היינטיקן אָוונט.

אָבער ווען אַלישבע האָט אים געענטפֿערט, האָט ער זיך צעשמייכלט אין בערדל אַריין:

— פֿאַרוואָס נישט ביידע?

— טאַקע, טאַקע, אויף אַזאַ איינפֿאַל בין איך גאַרנישט געקומען — האָט ער געזאָגט און זיך צעשמייכלט נאָך ברייטער.

— הער אַ מעשה, און מיר איז דאָס גאַרנישט איינגעפֿאַלן!

אַלישבע איז אַוועק צוריק צו איר אַרבעט, און ער האָט ווייטער גענומען איבערווישן שוין צום וויפֿלטן מאָל אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל, מורמלענדיק צו זיך:

— הער אַ מעשה, פֿאַרוואָס טאַקע נישט ביידע?

אַלישבע איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער איינריכטונג אינעם זיץ־צימער און גענומען צוהעלפֿן דעם פֿאָטער אינעם עס־צימער. דבורה האָט זיך באַוויזן מיט פֿרישע בלומען פֿונעם גאָרטן, רופֿנדיק אין קיך אַריין:

— פֿאַטמאַ, ברענג די פֿלאַכע גלעזערנע וואַזע!
— פֿאַטמאַ! נו, פֿאַטמאַ, דו הערסט מיך?
די זון איז שוין איצט געווען אויפֿן מערב־זייט פֿונעם הימל, אָנזאָגנ־דיק, אַז דער טאָג רוקט זיך.
פּלוצלונג איז מנשהן איינגעפֿאַלן, אַז מען וואָלט אפֿשר גאָר גע־דאַרפֿט צופֿאָרן אין לאַגער אַריין און ברענגען דעם גאַסט.
— וואָס זשע, ער געדענקט שוין נישט דעם וועג אַהער? — האָט דבורה געפֿרעגט.
זי האָט געפֿרעגט די פֿראַגע נישט דערפֿאַר, ווייל זי האָט ד׳אַקעגן געהאַט, אַז מען זאָל אים פֿאָרן ברענגען, נאָר גלאַט אַזוי איז די פֿראַגע אַרויסגעקומען פֿון איר מויל, אָבער מנשה האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט פֿאַרוואונדערונג:
— עס האַנדלט זיך דען צי ער געדענקט דעם וועג? — האָט ער גענומען אויסריידן דער ווייב זיינער.
— עס איז מיר אַ חידוש אויף דיר צו פֿרעגן אַזאַ פֿראַגע.
— נו, יאָ — האָט דבורה גלייך מסכּים געווען, און כּדי קלאָר צו מאַכן פֿאַר מנשהן, אַז זי באַנעמט, וואָס ער האָט געמיינט, האָט זי צו־געלייגט:
— נו יאָ, עס איז חשובער, אָבער...
— וואָס אָבער? — האָט מנשה זיך געקאַכט.
— איך וועל פֿאָרן אים אַ ברענג טאָן — האָט אַלישבע אויסגערופֿן, און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.
— וועסט נעמען די בריטשקע? — האָט דער פֿאָטער געפֿרעגט.
— איך וועל רייטן — האָט זי געזאָגט.
— רייטן?
— נו יאָ, פֿאַרוואָס נישט? — האָט אַלישבע געפֿרעגט און דערביי גענומען דערקלערן:
— מיר וועלן ביידע קומען צורייטן.
אַלישבע איז אַריין אין איר צימער און אין אַ פּאָר מינוט איז זי אַרויס אין איר רייט־קאָסטום.
— איך וועל טאַקע אַ פּרוביר טאָן די מתּנה, וואָס ער האָט מיר געשיקט.

— אפֿשר נישט? — האָט די מוטער געפֿרעגט, מורא האָבנדיק פֿאַר אַ ניי נישט אויסגעפּרובירט פֿערד.

— אָ — האָט אַלישבע אַ פֿאָכע געטאָן מיטן בייטשל אין דער לופֿט און איז אַרויס אין דרויסן.

— אלישבע!

— טאָכטער!

טאַטע־מאַמע זיינען געשטאַנען אויף דער וועראַנדע איבערגעשראָקענע, ווען זיי האָבן געזען, ווי דאָס נייע פֿערד האָט אַ הויב געטאָן די פֿאָדערשטע פֿיס אַרויף בשעת זייער טאָכטער איז אַרויף איבערן זאָטל, אָבער אַלישבע האָט לאַכנדיק אַ צי געטאָן דאָס צוימל און דאָס פֿערד האָט זיך געטאָן אַ גלייך אויס און אָנגעהויבן מיט ריטמיש־געמאָסטענע טריט אַרויסצורייטן פֿונם גאָרטן.

— פֿאָרזיכטיק, טאָכטער!

— להתראות! — האָט אַלישבע פֿריילעך צוריקגעשריען, און דאָס פֿערד האָט פֿאַרגיכערט די טריט דורכן געסל צום וועג אַרויס פֿון אשל־יהודה.

— ס׳איז שיינקייט! — האָט מנשה אַרויסגערופֿן מיט אויפֿגעלויכטענער גליקלעכקייט אויף זיין פּנים.

— דאָס איז דער נאָמען פֿונעם פֿערד — האָט דבורה אַ מורמל געטאָן.

— איך מיין דווקא אונדזער טאָכטער — האָט מנשה געענטפֿערט אויף איר מורמל, אָננעמענדיק מיט גרויס צערטלעכקייט די רעכטע האַנט פֿון זיין ווייב.

אלישבע פארטראכט זיך וועגן בצלאלן

איצט האט דער האריזאנט זיך געשפילט אין קאלירן און דער דאמי־נירנדיקער קאליר איז געווען טיף ראזעווע, וואס איז ערטערווייז איבער־געגאנגען אין וויאלעט און אין מאראנצן־קאליר.

שיינקייט האט געטראטן מיט טאנצנדיקע טריט ביים זייט פון דעם געדיכטן מאראנצן־גארטן, וואס איז געווען אויף דער אנדערער זייט פון אשל־יהודה, און אלישבע האט פארטראכט געקוקט אויף די שיינע פירות, וואס האבן זיך פון טיף די צווישן גרינע צווייגלעך געגאלדט, ווי קליינע צעגאלדעטע זונעלעך אנפילנדיק די לופט מיט א שארפן שיכורדיקן ריח.

דורכגייער און דורכפארער האבן אויפגעהויבן די אויגן און נישט געוואוסט וואס פריער צו באוואונדערן. עס האט געכישופט דער האריזאנט, דער שיינער גארטן, און דאס יונגע, ברוינע ספריטנע פערד מיט דער רייטערין אויף זיך האבן זיך פשוט געבעטן א ברכה צו מאכן איבער זיי.

אויך דאס פערד אויף וועלכן אלישבע האט געריטן און אלישבע אליין זיינען געווען בארוישט פון טיפער באוואונדערונג.

שיינקייט האט געטראטן אין ריטמישן, פאמעלעכדיקן טראט, וויגנדיק דאס ברוינע קוטשעראווע קעפל אין דער הויך, ווי עס וואלט זיך גע־גרויסט מיט דער שיינער, יונגער רייטערין איבער זיך, און אלישבע איז געווען פול נישט נאר מיט דעם גאנצן ארום און מיט דעם פרעכטיקן פערד איבער וועלכן זי האט זיך באוואויגן, נאר אויך מיט זיך אליין.

עס איז געווען, ווי אט די שיינע מתנה, וואס אדון שלום האט איר צוגעשיקט, וואלט פלוצלונג אויפגעוועקט אין איר דעם באוואוסטזיין פון איר אייגענער יוגנט און שיינקייט.

— שיינקייט — האט זי מיט יונג־מיידלשער צערטלעכקייט א מורמל געטאן צום פערד, און מיט אזוי פיל ליבשאפט געלאזט איר רעכטע האנט איבער דעם גלאנציקן, ווייכן האלדז פונעם פערד.

— שיינקייט, וואס דו ביסט!

פלוצלונג איז איר געקומען אויפן זינען, אז מיט דעם נאמען, וואס אדון שלום האט באטיטולט דאס פערד, האט ער אייגנטלעך געמיינט צו

לאָזן וויסן איר אַליין, אַז זי איז אין זיינע אויגן אַ שיינקייט, און פֿון אַט דעם געדאַנק, וואָס איז איר נאָר וואָס איינגעפֿאַלן האָט זיך דאָס יונגע בלוט אין אירע אָדערן צעזונגען.

— אַט וואָס ער האָט געמיינט צו זאָגן!

עס איז געווען, ווי זי וואָלט מיט איין מאָל באַוואוסטזיניק געוואָרן וועגן איר יונג־מיידלשקייט און אַז אַט דאָס יונג־מיידלשקייט אין איר איז עפּעס זייער, זייער וויכטיק אין דעם איצטיקן פּעריאָד פֿון איר לעבן.

אירע הענט האָבן פֿון זיך אַליין נאָכגעלאָזט דאָס צוימל און דאָס פֿערד האָט געטראָטלט פּאַמעלעך, נישט געאיילט, ווי עס וואָלט איצט נישט געווען אין קיין שליחות צו באַגעגענען אַ זייער וויכטיקן גאַסט, נאָר גלאַט אַזוי זיך אַנגעטראָטלט מיט אַ רייטערין איבער זיך, וואָס האָט איבעריקע צייט, און זוכט די איבעריקע צייט צו פֿאַרשפּילן מיט וואָס עס מאַכט זיך.

און ווירקלעך האָט אַלישבע איצט פֿאַרגעסן איר שליחות. זי איז געווען פֿאַרנומען מיט פֿאַרשיידענע אָנונגען, וואָס זי האָט שוין לאַנג געאָנט וועגן איר מוטער מיט אַדון שלומען.

— איז געווען אַמאָל אַ ליבע צווישן זיי? — האָט זי זיך געפֿרעגט.

ביסלעכווייז האָבן די אָנונגען, וואָס פֿלעגן זיך דורכוויגן אין איר מוח, ווי סקעלעטן, אָנגעהויבן אַרויפֿצוציען איבער זיך פֿלייש און הויט, און זי האָט אָנגעהויבן צו דערשפּירן דאָס בלוט אין אירע אָדערן.

זי האָט דערזען אשל־יהודה מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, ווען זי איז נאָך אויף דער ערד נישט געווען. איינצלנע, צעוואָרפֿענע שטיבלעך אַנשטאָט די איצטיקע ברוקירטע גאַסלעך. אַט די איצטיקע וויינגערטנער, מאַראַנצנגערטנער און די ניס־פּלאַנטאַציעס האָט מען ערשט דעמאָלט פֿאַרפֿלאַנצט. איר אייגן הויז אין וועלכן זי לעבט איצט מיט טאַטע־מאַמע איז אויך נישט געווען. געשטאַנען איז דאָס פּרימיטיווע שטיבל, וואָס געפֿינט זיך אין הויף. דעמאָלט איז איר מוטער געווען אַ מיידל אין די יאָרן, וואָס זי, איר טאָכטער, איז איצט, און זיידע־באָבע וואָס לעבן נאָך איצט אין ירושלים זיינען דעמאָלט געווען, ווי אירע עלטערן זיינען איצט.

— מאָדנע — האָט אַלישבע אַ מורמל געטאָן צו זיך פֿון אַט דעם געדאַנק, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען איר מוטער איז געווען אַ מיידל אַט אַזאַ, ווי זי, איר טאָכטער, איז איצט.

— מיין מאַמע, ווי איך בין איצט! — האָט זי פֿאַרטראַכט געשמייכלט.

און דאָס בילד האָט זיך ווייטער געשפּינט פאַר אירע אויגן, אין דער ווייטערדיקער שפּינונג האָט זיך אַרויסגעשפּינט פאַר איר אַ יונג בחורל, וואָס אַרבעט ביים אויסגלייכן די בערגלעך זאַמד, אַ טונקל־הויטיקס איז דאָס בחורל. אַזעלכע שוואַרצע, געדיכטע טשופּרינעס זיינען אויף זיין יונגן קאָפּ, און איר מוטער האָט ליב דאָס בחורל, און דאָס בחורל האָט...

— אַ שיין בחורל געווען — האָט זי געמורמלט צו זיך שטילערהייט.

נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס, האָט זי אויפגעהערט צו שפּינען ווייטער דאָס בילד פאַר זיך. זי האָט זיך געפרעגט:

— אָבער אויב אָט דאָס בחורל האָט ליב געהאַט איר מוטער, איז פאַרוואָס זשע האָבן זיי נישט חתונה געהאַט?

זי האָט געפרעגט ביי זיך אָט די פראַגע און קיין ענטפער נישט געפונען.

פּלוצלונג האָט זי זיך געכאַפּט, אַז עס טוט איר זייער שטאַרק הנאה אָט דאָס, וואָס זיי האָבן נישט חתונה געהאַט. זי האָט אָנגעהויבן אויסצוטייטשן די הנאה מיט דעם, וואָס אַנדערש וואָלט דאָך איר פאָטער קיין פאָטער צו איר נישט געווען און זי האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט פאָרשטעלן אַן דעם פאָטער, ווי איר פאָטער ווען זי האָט ליב. אָבער טיף אין איר אונטערבאַוואוסטזיין האָט זיך צעלויכטן נאָך אַ סיבה, און אפשר טאָקע די אמתע סיבה פון איר הנאה, און זי איז געווען דאָס, וואָס אַדון שלום איז פונקט אַזאַ, ווי ער איז איצט, און זי קאָן איצט פאָרן אים באַגעגענען און אים ברענגען צו זיך אין הויז אַריין פאַרן אָוונט.

עס האָט אַ שלאָג געטאָן אַ פראַגע אין איר מוח און זי איז אַליין איבערראַשט געוואָרן פון דער מאָדנער פראַגע, וואָס עס איז אין איר אויפגעקומען.

— איז ער נאָך אַ בחור?

זי האָט שיעור זיך נישט פאַנאַנדערגעלאַכט פון אָט דער פּלוצלונגדיקער פראַגע, וואָס האָט אויסגעקוקט אומזיניק פאַר איר אַליין, און דאָך האָט זי געפילט, ווי עס פרייט זי דער פאַקט, אַז ער איז נישט קיין באַווייבטער. און אַז ער האָט נישט קיין ווייב איז זי זיכער געווען, וואָרעם אַנדערש וואָלט דאָך אַבו כאַסאַן דאָס געווען באַמערקט. און אַבו כאַסאַן וואָס האָט אין שטוב אַ סך זאַכן וועגן האַוואַדזשי סאַלימען דערציילט, האָט דאָך קיינמאָל נישט דערמאָנט אַזוינס, וואָס זאָל געבן די מינדסטע אָנדייטונג וועגן דעם.

— זיכער איז ער נישט קיין באַוויבטער — האָט זי פֿריידיק אויס־געדרופֿן.

עס איז אויסגעוואַקסן פֿאַר אירע אויגן דאָס בילד פֿון אַדון שלומען אויף זיין פֿערד, ווי זי האָט אים געזען אויף איר באַזוך אינעם לאַגער, און דאָס בלוט האָט מיט אַזאַ וואַרעמקייט זיך אַ יאָג געטאָן צו איר קאָפּ. אין דעם מאָמענט האָט זי אויך זיך דערמאָנט אָן בצלאלן, און עס איז געוועזן, ווי דער מיטליאַריקער אַדון שלום וואָלט זיך אָוועקגעשטעלט לעבן דעם יונגן בצלאלן און געשמייכלט צו איר:

— נו, שיינקייט מיינע, ווער איז דאָס דער צווישן אונדז ביידן צו וועמענס ברוסט דו וואָלסט געוואָלט צופֿאַלן מיט דיין פּנים?

זי האָט געפֿילט, ווי דאָס בלוט שלאָגט אַרויף צו איר פּנים פֿון אָט דעם אַרויסרוף.

איצט איז איר געוואָרן ביז גאָר מאָדנע אָט דאָס, וואָס זינט זי האָט זיך געטראָפֿן מיט בצלאל פֿערשטערן האָט זי גאָרנישט געטראַכט וועגן אים.

זי האָט פּלוצלונג אַ טרייב געטאָן דאָס פֿערד, ווי זי וואָלט אויסן געוועזן מיט דעם אויף גיך זיך דערנעענטערן צום לאַגער נישט צוליב אַדון שלומען, נאָר צוליב בצלאל פֿערשטערן. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די בריוולעך, וואָס ער האָט איר געשיקט די ערשטע צייט נאָך זיין אָפּ־פֿאָרן קיין אַמעריקע. אַקוראַט, וואָס ער האָט צו איר אין יענער צייט געשריבן האָט זי זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, פּונקט ווי זי האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, וואָס אַזוינס זי האָט אין אירע עטלעכע ענט־פֿערס צו אים געשריבן. זי האָט בלויז געדענקט, אַז סיי זיינע צו איר און סיי אירע צו אים זיינען געווען ביז גאָר וואַרעמע, און אַז אין ביידנס בריוולעך האָט זיך גערעדט פֿון אומעט און פֿון בענקשאַפֿט. אפֿשר וואָלטן די וויטערדיקע געוועזן דערפֿירט צו עפּעס מער קלאָרס און דירעקטס, האָט אָבער אויסגעבראָכן די מלחמה און די בריוולעך האָבן אויפֿגעהערט צו קומען.

— אָרעמער בצלאל — האָט זי אים באַדויערט, נישט ווויסנדיק אַליין פֿאַרוואָס זי באַדויערט אים אַזוי.

אַז איר געפֿיל איז קיינמאָל נישט געוועזן קיין צו שטאַרקס צו בצלאלן האָט זי זיך זייער שנעל איבערצייגט אין איר אינטערעס צו חיים בערנ־

שטיינען, דעם מוזיק־לערער אין תל־אביב. אָט דער חיים בערנשטיין מיט דעם לענגלעכן פּנים און לאַנגע ביז גאָר סענסיטיווע פינגער האָט זייער גיך אָפּגעווישט בצלאלן פון איר זכּרון. אין יענע טעג און נעכט האָט בצלאל אויפגעהערט צו עקזיסטירן פאַר איר. דערנאָך איז געקומען דער ברייטביינערדיקער בן־דרור און זייער גיך אָפּגעווישט חיים בערנשטיינען. זי ווייסט נישט ביז היינט פון וואַנען אָט דער געזונטער בן־דרור האָט זיך באַוויזן און וואוהין ער איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן געוואָרן, נישט איבערלאָזנדיק דעם מינדסטן שפּור נאָך זיך.

זי האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי דאָס פערד אונטער איר האָט איצט ווידער געטראָטלט מיט פאַמעלעכדיקע טריט איבערן ברייטן, ברוקירטן וועג, וואָס פירט פון תל־אביב קיין ירושלים, און אַז באַלד, באַלד וועט זי זיך דאַרפן פאַרקערעווען לינקס איבער אַ שמאָלן זאַמדיקן שטעגל צום לאַגער צו.

זי האָט איצט געטראַכט פון בן־דרורן ווען זי האָט ביז איצט נאָך נישט אינגאַנצן פאַרגעסן, כאָטש איר נאָענטקייט צו אים איז געווען אַזאַ קורצע.

— וואו געפינט ער זיך? וועט ער זיך נאָכאַמאָל באַוויזן?

דער עיקרשט האָט זי געטראַכט פונעם לעצטן אָוונט, וואָס זי האָט מיט אים פאַרבראַכט. ער שטייט נאָך ביז איצט פאַר אירע אויגן, אָט דער אָוונט. זי האָט געשפּאַצירט מיט אים אין תל־אביב אויפן זאַמד ביים ים. די כוואַליעס האָבן זיך געשלאָגן צום ברעג און אינעם שיין פון דער לבנה האָבן זיי זיך צעשוימט, ווי זילבערנע קרוזשעוועס איבער שאַרשנדיקע בלויע זיידענע קליידער. עס האָט שוין געמוזט שפּעט זיין. וואָרעם איבער די ווייסע הייזער פון תל־אביב האָבן די פענצטער זיך געטונקלט, ווי שוואַרצע חן־פינטלעך אויף ווייסע, געפּודערטע פּנימער פון פאַרטראַכטע שווייגנדיקע פרויען.

בן־דרור האָט פאַרטראַכט געשפּאַנט לעבן איר, האַלטנדיק איר האַנט אין זיינער און לאַנג געשוויגן.

פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און קוקנדיק אויף איר געזאָגט אין דער שטיל:

— איך פאָר מאָרגן אָפּ אויף אַ לענגערער צייט קיין ירושלים.

— קיין ירושלים? — האָט זי איבערגעפרעגט, און נאָכטראַכטנדיק אַ וויל, האָט זי געזאָגט:

— איך האָב דאָרטן אַ באָבע מיט אַ זיידן, און אַליין בין איך דאָרטן נאָך נישט געווען.

— נאָך קיינמאָל ניט געווען אין ירושלים?

בן־דרור האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט ברייט צעעפנטע אויגן, ווי ער וואָלט ערשט איצט זי דערזען צום ערשטן מאָל און געפרעגט:

— בלויז זיידע־באָבען אין ירושלים?

— יאָ! בלויז זיידע־באָבען.

— און מער נישט? — האָט ער געפרעגט אין גרויס פאַרוואונדערונג.

זי געדענקט, ווי זי האָט זיך דעמאָלט צעלאַכט, און זיך צעטענהט צו אים:

— איר אַריבערגעקומענע זייט אַזוי פול מיט דעם עבר פון דאַנען, און איך?...

אַלישבע קאָן אויך איצט נישט באַנעמען דעם געוואַלדיקן ציטער, וואָס די אַריבערגעקומענע האָבן אין זיך פאַרן לאַנד. נישט וואָס זי האָט חלילה נישט קיין ליבשאַפט צו איר היים. ניין, דאָס זיכער נישט. זי האָט שטאַרק ליב איר אשל־יהודה, און תל־אביב איז איר אויך נאָענט. אוודאי איז עפּעס דאָ אין ירושלים, וואָס איז זייער אינטערעסאַנט, אָבער, ווען עס האַלט ביי אַ רייזע, וואָלט זי אַ סך גערנער געפאָרן קיין פּאַריז, אָדער ניו־יאָרק.

— דער אייפל־טורעם איז אוודאי אינטערעסאַנטער, ווי די גרויע שטיינער פון דער כותל־מערבי.

אָט דאָס זעלבע האָט זי דעמאָלט אָפנהאַרציק געזאָגט צו בן־דרורן, און ער? אָ, ס׳אַראַ וואונדער עס איז איבערגעלאָפן איבער זיין פּנים. ער איז אַזש אין כעס געוואָרן, זיך אָנגעצונדן:

— אַ דו! — האָט ער זיך צעבייזערט אויף איר, און אַ דריק טוענדיק איר אָרעם ביז ווייטיק, האָט ער געברומט:

— איך האָב דאָס געפיל, ווי דיך אַריבערלייגן איבער מיינע קני.

— איבער די קני?

— יאָ, איבער די קני.

— כאַ־כאַ! נו?

זי דערמאָנט זיך, ווי אַט דער אויסרוף האָט אַ צינד געטאָן אין איר דאָס בלוט, און זי האָט ציטערנדיק געזאָגט:

— נו, פאַרוואָס זשע טוסטו דאָס נישט?

באַלד איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס איז ביז איצט פאַר איר נישט קלאָר אינגאַנצן. זי געדענקט, ווי דאָס זאַמד איז געווען הייס אונטער איר, און זי האָט זיך געפילט צונויפגעקלאַמערט צווישן ברענענדיקע האָ־לאָוועשקעס.

— אַ דו! אַ דו! — האָט זיך געוויגט איבער איר, און אַלץ אין איר האָט אָפּגעענטפערט דאָס זעלבע:

— אַ דו! אַ דו!

אויף מאָרגן אין דער פרי איז זי אויפגעשטאַנען אַן איבערגעשראָ־קענע פון דעם, וואָס איז מיט איר געשען אין דעם פאַרגאַנגענעם אָוונט; אַז זי האָט נישט געהאַלטן קיין וואָרט אים צו טרעפן ביי דער באַן, וואָס האָט אים געדאַרפט אָפּפירן קיין ירושלים אין דעם זעלבן נאָכמיטאָק, און אַנשטאָט דעם איז זי אָפּגעפאָרן צו די עלטערן קיין אשל־יהודה. שפּעטער האָט איר באַנג געטאָן הלמאי זי איז אַנטלאָפן פון אים, און אומקערנדיק זיך צוריק האָט זי זיך נאָכגעפרעגט אויף אים, אָבער צו וועמען זי האָט זיך נאָמען דערמאָנט האָט יענער געענטפערט:

— אַ, בן־דרור? ער באַוויזט זיך, און פאַרלירט זיך, און קיינער ווייסט קיינמאָל נישט וואָס און ווען.

— אָבער?...

— ער וועט אַריינפליען, ווען מען וועט זיך אויף אים נישט ריכטן.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט זי צום ערשטן מאָל באַזוכט ירושלים. פאַר טאַטע־מאַמע האָט דאָס געהייסן, אַז זי פאָרט זען זיידע־באָבע, און טאַקע אויך די שטאָט פון דעם גרויסן עבר אונדזערן, אָבער אין דער אמתן איז זי געפאָרן מיט דער האָפענונג אויפצוזוכן בן־דרורן. דעם געזוכטן האָט זי נישט געפונען, אָבער געפונען האָט זי ירושלים. ערשט דאָרטן האָט זי באַנומען בן־דרורס אויפגעברויזטקייט אויף איר, הלמאי זי האָט די שטאָט נאָך נישט געהאַט באַזוכט.

פֿלוצלונג האָט זי זיך געכאַפּט, אַז איר איצטיקער אינטערעס אין אַדון־שלומען איז אויך פֿאַרבונדן מיט בן־דרורן. עפּעס איז געווען אין אַדון שלומען, וואָס האָט איר דערמאָנט אין בן־דרורן. הויך, שטאַרק און אַזאַ מיסטעריע האָט פֿון אים געשלאָגן.

— אַן עלטערער בן־דרור — האָט זי צו זיך אַ מורמל געטאָן, און באַלד איז ווידער אַדון שלומס פֿיגור אויסגעוואַקסן לעבן בצלאל פֿער־שטערן, און דאָס בראָנזענע פּנים פֿון אָט דער פֿיגור האָט געקוקט אויף איר מיט אַ קוים־באַמערקבאַרן שמייכל, ווי עס וואָלט געפֿרעגט:

— נו, שיינקייט, ווער פֿון אונדז ביידן?

בצלאל פֿערשטער מיט זיין דין פֿיגורל אין דער פּשוטער אוניפֿאָרם פֿון אַן איינפֿאַכן לעגיאָנער, האָט אויסגעקוקט לעבן אַדון שלומען, ווי אַ גרעזל צווישן גרעזלעך אונטערן שוץ פֿון אַ קרעפֿטיקן און אַ ברייט־צעוואַק־סענעם בוים.

— אַפֿילו קיין לייטענאַנט נישט אָט דער בצלאל — האָט זי אויס־גערופֿן מיט אַן אויפֿגעבּרויזטן פֿאַרדרוס אין זיך.

— אוודאי אַ שלים־מזל!

ווען דאָס פֿערד האָט זיך אַליין פֿאַרקערעוועט איבערן שמאָלן זאַמ־דיקן וועג, וואָס האָט געפֿירט צום לאַגער, האָט אַלישבע דערפֿילט אַ באַגער זיך אָנצושלאָגן אָן בצלאלן. אָט זאָל ער זי זען און זי באַוואונ־דערן, און זאָל ער טאַקע וויסן, אַז אָט דאָס שיינע פֿערד איז אַ מתנה פֿון זיין קוירנעל צו איר, און אַז איצט רייט זי דאָס אַזוי טאַקע צו אים, דעם קוירנעל זיינעם, וואָס וועט דערנאָך צוזאַמען מיט איר אַרויסרייטן פֿונעם לאַגער אויפֿן וועג קיין אשל־יהודה צו איר אַהיים.

— הער אַ מעשה, ער איז דאָך אַפֿילו קיין לייטענאַנט נישט!

ביים אַריינפֿאָר אין לאַגער אַריין איז זי אָפּגעשטעלט געוואָרן פֿון אַ לעגיאָנער מיט אַ ביקס.

— האָט איר אַן איינלאַדונג? — האָט ער ביי איר געפֿרעגט.

— ניין, קיין איינלאַדונג האָב איך נישט, אָבער...

— און וואָס אַזוינס איז אָט דער אָבער — האָט זיך דער לעגיאָנער געוויצלט.

עס האָט זיך באַוויזן דער קאָרפּאָראַל, און דערקענענדיק זי פֿון איר לעצטן באַזוך, האָט ער באַשלאָסן זי דורכצולאָזן. דעמאָלט האָט זי אויס־גענוצט די געלעגנהייט און ביי אים געפֿרעגט:

— איז בצלאל פּערשטער ערגעץ דאָ אַרום?

— בצלאל פּערשטער? — האָט דער קאָרפּאָראַל זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען, און דערזעענדיק אַ פאַרבייגייענדיקן לעגיאָנער, האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו אים:

— העי, האָראָוויץ, דו ביסט דאָך פֿון דער סי־קאָמפּאַניע?

— יאָ, קאָרפּאָראַל, פֿון דער סי.

— ווייסט אפשר צי פּערשטער איז דאָ אַרום?

— בצלאל פּערשטער?

דער לעגיאָנער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער רייטערין מיט נייגיר אין זיינע בליקן, אָבער באַלד האָט ער אויסגעדרייט דאָס פּנים צום קאָר־פּאָראַל און געלאָזט וויסן:

— פּערשטער איז אין תּל־אָביב.

— אויף אורלויב ביי טאַטע־מאַמע? — האָט אַלישבע געפֿרעגט ביים לעגיאָנער.

— ניין, אויף שטענדיק — האָט דער לעגיאָנער איר געענטפֿערט. און קוקנדיק איצט אין אירע אויגן, האָט ער דערקלערט:

— ער איז טראַנספֿערירט געוואָרן אַהין אויף עפּעס אַן אַרבעט.

— אַן אַרבעט? — האָט זיך אַלישבע געוואונדערט.

— אויף אַרבעט אין מקוה־ישׂראל.

אַלישבע האָט באַדאַנקט דעם לעגיאָנער און דעם קאָרפּאָראַל, און אַ צי טוענדיק דאָס צוימל, האָט דאָס פֿערד אָנגעהויבן צו טרעטלען צווישן די רייען לייוונטענעביידלעך.

— טאַטע־מאַמעס איינפֿלוס — איז איר דורכגעלאָפֿן אין מוח, און דערנעענטערנדיק זיך צום ביידל פֿונעם קוירנעל, האָט זי דערפֿילט אַ צופֿרידנקייט, וואָס בצלאל איז אין לאַגער נישטאָ.

— בעסער אַזוי — האָט זי זיך געטרייסט.

די זון איז שוין געווען טיף אין מערב־זייט, און דער גאַנצער מערב איז געווען אין אַ טריאומפֿירנדיקער, אָנגעשטרענגטער העלקייט, וואָס האָט זיך געריצט מיטן מזרח. ער האָט זיך געראָזעוועט און גערויטלט.

— שלום, אַלישבע! — האָט זי דערהערט פֿאַר זיך. אַדון שלום, אין זיין גלאַנציקער אוניפֿאָרם און אין גוט־געפּאַסטע, באַשפּאָרנטע שטיוול, איז איר געגאַנגען אַנטקעגן.

— גוטן אָוונט, קוירנעל! — האָט זי אים באַגריסט, און אַראָפּ־שפּרינגענדיק פֿונעם זאָטל מיט זיין הילף, האָט זי געזאָגט:

— געקומען באַדאַנקען פֿאַר דער מתנה, און אייך ברענגען צו אונדז אין שטוב אַריין.

אַדון שלום האָט אַ גלעט געטאָן איר פּנים מיט זיין שמייכל און צערטלעך אָנגענומען איר האַנט.

צוויי רייטער אין גאָלדענעם גלי אַריין

דעם זעלבן פֿאַרנאַכט האָט די זון זיך געראַנגלט ביים פֿאַרגיין, ווי אַ גאָלד־געלאָקט קאַפּריזנע קינד, וואָס רייסט זיך פֿון בעטל אַרויס, וואוהין די מאַמע האָט דאָס מיט געוואַלד אַריינגעלייגט צום שלאָפֿן, בשעת דעם ווילט זיך נאָך זייער שטאַרק שפּילן אויף דער מאַמעס שויס.

דאָס ליכט אין מערב־זייט האָט זיך געטוקט, ווי אַ מענטש ביים טרינקען זיך אין אַ טייך הויבט זיך יעדע ווייל אויף מיט אַלע זיינע כּוחות זיך אָנכאַפּנדיק מיט זיינע הענט ביים שוים פֿון דער גאַענטסטער כוואַליע.

דער מזרח־זייט האָט דאָס צוגעזען און אויס מיטגעפֿיל זיך געמינעט אין קאַלירן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן די יהודה־בערג און זיך צעפֿאָלן איבער זיי.

די קאָלירן איבער די בערג האָבן זיך געכוואַליעט אָט מיט אַ ראַשי־קייט, וואָס האָט דערמאָנט אָן כוואַליעס אויף אַ צעשטורעמטן ים און באַלד מיט אַ געמיטלעכקייט פֿון שאַף, וואָס ציען זיך זאַטע און אָנגעפֿילטע פֿון דער טשערעדע אין די שטאַלן אויף נאַכטיקער אָפּרו. פֿאַרן בליק איז שווער געווען צו באַשטימען די צאָל פֿון די קאָלירן, וואָרעם זיי האָבן זיך גע־האַלטן אין איין צונויפֿגיסן און אָפּזונדערן. ס'איז געווען מאַראַנץ, ראָזעווע, פּורפּור, וויאָלעט, און פֿון זיי אַלע האָט געבלענדט מיט אַ גאָלדענעם גלי.

דער עלטערער שמואל צוקער, וואָס איז געזעסן צווישן אַ גרופּע לע־גיאָנערן אין דרויסן פֿונעם ביידל און, ווי זיי, געהאַלטן אין אויספּוצן זיין ביקס, האָט געלאָזט פֿאַלן דאָס אויל־שמאַטקעלע אויף זיין שויס און זיך צעזונגען מיט אַ שבתדיקן קול.

— שיר השירים אשר...

— דו מיינסט דאָך איצט נישט שלומהן — האָט דער יונגער חיים מיטשל אים איבערגעשלאָגן דאָס געזאַנג.

— ווען איך וואָלט געווען אַ פּאָעט, ווי ער — האָט שמואל צוקער כּמעט ווי אויסגעזיפֿצט, אָנווייזנדיק אויף זלמן פּערלשטיינען, וואָס האָט אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן זיין ביקס און איז געזעסן מיט ברייט־צעעפֿנטע אויגן צו דעם אַרום.

— איך וועט זיך מיט דיר, אַז היינט אָוונט וועט שוין ברענען אונטער זיין קאָלדרע אַ ליכטל — האָט חיים מיטשל זיך געווענדט צו שמואל צוקערן.

— מיך וואָלט נישט געאַרט, ווען ער צינדט אָן יעדן אָוונט דאָס ליכטל אונטער זיין קאָלדרע, ווען ער וואָלט נאָר געשאָפֿן נישט אויף זשאַרגאָן, נאָר אויף העברעאיש — האָט שמואל צוקער אַ צוק געטאָן מיט זיינע ברייטע אַקסל און דערביי צוגעלייגט:

— איך וועט זיך מיט דיר, אַז ער הערט איצט נישט אַפֿילו, וואָס מיר רעדן וועגן אים.

— וואָס איז דער חידוש, אַזאַ שיינקייט — האָט מיכל בלייכמאַן אַרויס געשטאַמלט.

— העי, חברה, האָב איך דאָ פֿריער געזען אַ שטיק שיינקייט, אַז דאָס האַרץ... — האָט נחמן האַראָוויץ אויסגערופֿן.

— נאָך אַ שענערע, ווי איצט דאָ אַרום? — האָט חיים מיטשל גע־וואָלט וויסן.

נחמן האַראָוויץ האָט אַ צעפּיר געטאָן אין דער ברייט די הענט, און גענומען דערציילן:

— גיי איך מיר דאָ פֿריער ביים אַריינגאַנג פֿון לאַגער, ערשט איך זע אַ רייטערין און אונדזער קאַרפּאָראַל דייוויס טענהט מיט איר. ווער קאָן דאָס זיין די רייטערין? — פֿרעג איך ביי זיך, און גיי צו אַ ביסל נעענטער, ערשט זי איז שיין, ווי אָט־אָ דאָס, וואָס מיר זעען איצט פֿאַר זיך. וואָס זאָג איך, ווי דאָס? זי איז נאָך שענער. איך האָב נאָך אַזוינס נישט געזען. אין ניו־יאָרק וואָלט זיגפֿעלד זי גלייך אויסגעכאַפּט אין זיינע „פֿאָליעס״ אַריין. וואָס זאָג איך זיגפֿעלד? האָליוואוד!...

— נו, נו, צי נישט די עצמות, דערצייל ווער איז דאָס געווען אָט די שיינע רייטערין דיינע.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט זלמן פּערלשטיינס קול מיט אַ שטאַרק געבייזער:

— מענטשן האָבן מיילער, קלאַפּט מען מיט זיי, צי מען דאַרף, צי מען דאַרף נישט!

— ששש...

דאָס האָט חיים מיטשל זיך אַזוי צושושעט, און מיט אַ וואויל־יונגעריש בליקעלע אויסגעדעקלאַמירט:

— שטערט ניט דעם כּוהן ביי זיין דוכענען!

זלמן פּערלשטיינס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, און װער װייסט צו װאָס עס װאָלט געװען געקומען, װען עס דערהערט זיך נישט פּלוצלונג נחמן האַראַװיץ׳ס קול:

— זעט, זעט, אָט איז זי!

אַלעמענס בליקן האָבן זיך אַ קער געטאָן צום ברייטן זאַמדיקן שטח, װאָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אין פראַנט פון די ביידלעך און האָט געפירט צום װעג, װאָס איז צװישן יפו און ירושלים. איבער װעלכן עס האָבן זיך געװיגט צװיי רייטער אין די זאָטלען אויף צװיי ברוינע, גלאַנ־ציקע פערד.

שיין און מאַיעסטעטיש האָט אויסגעקוקט דער קוירנעל אדון שלום אין זיין פרישער, פאַראַדנער אוניפאָרם מיט די שפּיגלדיקע קנעפּ אינעם ליכט פון דער אונטערגייענדיקער זון. אָבער נאָך שענער איז געװען צו קוקן אויף דער יונגער רייטערין לעבן אים אין איר געפּאַסטן ברוינעם רייט־קאָסטיום.

— זי איז דאָך טאַקע... — האָט חיים מיטשל אָנגעהויבן, אָבער שמואל צוקער האָט אים איבערגעשלאָגן מיט אַ טיפן זיפץ:

— מיט אַזאַ, װי זי איז, װאָלט איך געקאָנט האָבן נישט קיין שלעכטע עלטער.

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז זי איז — האָט נחמן האַראַװיץ טריאומ־פירנדיק אויסגערופן, און נאָכקוקנדיק דער רייטערין האָט ער גענומען פאַרענדיקן, װאָס ער האָט פריער אָנגעהויבן:

— זי האָט געפרעגט אויף בצלאל פערשטערן, און אַז איך האָב איר געזאָגט, אַז ער איז אין תל־אביב, האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן צום קוירנעלס ביידל.

— נו יאָ, אַז עס איז נישטאָ קיין פיש עסט מען הערינג אויף שבת — האָט שמואל צוקער װידער אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ, און דערביי גלייך צוגע־לייגט נאָך אַ טיפערן זיפץ:

— אָך, אָך, פאַר װאָס בין איך נישט קיין קוירנעל?

— און פאַר װאָס נישט קיין גענעראַל? — האָט חיים מיטשל געפרעגט גלאַט אַזוי פון געװאוינהייט אָפּצופרעגן אַלץ, װאָס ער האָט געהערט עמיצן זאָגן.

— און איך וועט זיך מיט אייך, אַז אין ניו־יאָרק וואָלט אַזאַ... — האָט נחמן האַראָוויץ זיך פֿאַרמאָסטן ווידער אַמאָל עפּעס צו זאָגן, אָבער דאָ האָט זיך ווידער דערהערט זלמן פערלשטיינס בייזערדיק קול:

— מענטשן האָבן מיילער, קלאַפּט מען מיט זיי, צי מען דאַרף, צי מען דאַרף נישט.

איצט אָבער האָט קיינער זיך נישט קיין ריס געטאָן צו זיין געבייזער, וואָרעם אַלעמענס בליקן זענען געווען איינגעגעסן צו די דערוויטערנדיקע רייטער, וואָס האָבן געגעבן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן אַוועקגעריטן אין עפּעס אַן אויסטערליש, פֿאַרכשופֿט לאַנד אַריין.

די זון אין מערב־זייט האָט זיך געראַנגלט און בשום אופֿן נישט געוואָלט אונטערגיין. דער מזרח האָט געוואונקען מיט קאָלירן און גערופֿן די זון אויף צוריקוועגס. און די צוויי רייטער?

— זיי רייטן אין גאָלדענעם גלי אַריין — האָט זלמן שטיל געמורמלט מיט די ליפּן, און די אַרומיקע האָבן מיט אים מיטגעמורמלט:

— אין גאָלדענעם גלי אַריין.

די משפּחה פּערשטער

עס איז געווען אַן אָונט פון גשם־צייט. דורכן טאָג האָט שווער גע־רעגנט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז נישט נאָר האָט דער הימל צעעפנט אַלע זיינע שליוזן און גיסט פון זיך, נאָר אַז אויך די ערד שפּריצט מיט פליעסקענדיק וואַסער דעם הימל אַנטקעגן.

עס איז געווען אַ מין רעגן־געוועט צווישן הימל און ערד, און דער מענטש איז געווען פּאַרטייעט אין זיין שטוב און געוואַרט ווער וועמען וועט איינמאַטערן.

פאַרנאַכט איז אויף אַ ווייל רואיקער געוואָרן. געווען מאָמענטן, ווען דער רעגן האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, און דורך די דינע וואָלקן־שלייערן האָט מען אַפילו געקאָנט זען דעם שאָטן פון אַ זון־אונטערגאַנג.

איצט איז אָוונט, און עס רעגנט ווידער, כאָטש נישט אַזוי שטאַרק, ווי דורכן גאַנצן טאָג.

גברת חנה פּערשטער איז געזעסן ביים רעכטן אָנשפּאַר פון דער בלויער, ווייכער סאָפע, איבער וועלכער עס האָט זיך געוויגט די שיין פון דעם שווער־אַבאַזשורטן לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ קליין טישל דערביי. זי האָט שוין עטלעכע מאָל אָנגעהויבן צו לייענען אין דער צייטונג דאָס אַרטיקל פון איר מאַן וועגן דעם אָפּקלייב פון די וואָס דאַרפן און ווילן אַריינקומען אין לאַנד אַריין, און כאָטש אין שטוב איז געווען שטיל און קיינער האָט נישט געשטערט, איז זי אָבער געשטערט געוואָרן פון אַן אומרו אין זיך, וואָס איז איר געווען שווער זיך צו דערקלערן.

זי האָט אַוועקגעלייגט און באַלד צוריקגענומען די צייטונג, אויס־טועדיק און אָנטועדיק דערביי די גאָלדענע פענסנע איבער איר גע־שפּיצטער נאָז און טונקעלע אויגן.

פון צייט צו צייט האָט זי אָנגעשטרענגט איר געהער צו דער קיך, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דעם זיץ־צימער, מיינענדיק, אַז דאָס אַראַבישע הויז־מיידל ראַטמיאַ מאַכט אפשר דאָרטן צופיל טומל, און עס איז אָט דער טומל, וואָס רייסט זיך אַריין אַהער און שטערט. אָבער יעדעס מאָל ווען זי האָט זיך אָנגעשטרענגט עפּעס צו הערן, האָט זי גאָרנישט געהערט.

זי האָט שוין אַפילו אַ פּאָר מאָל אַ געניצל געטאָן, און געטראַכט, אַז עס וואָלט גאָר געווען אַ גוטע זאַך זיך צו לייגן שלאָפן. אָבער איר

אליהו איז איצט אויף אַ זייער וויכטיקער אַסיפֿה וועגן דער ערשטע עליה פֿון פּוילן, און איר האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט הערן נאָך היינט, וואָס דאָרטן איז פֿאַרהאַנדלט געוואָרן און צו וועלכע באַשלוסן מען איז געקומען.

— איך וועל וואַרטן אויף אים — האָט זי באַשלאָסן.

און נישט נאָר וועגן דער יידישער עליה פֿון פּוילן האָט זי געוואָרט אויף איר מאַן. עס איז געווען נאָך עפּעס, וועגן וואָס זי האָט היינט מיט אים געוואָלט ריידן. און געוואוסט האָט זי, אַז אויב זי וועט זיך נישט דורכריידן היינט מיט איר אליהון וועגן דעם, וועט זי סיי ווי נישט קאָנען איינשלאָפֿן.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די צוויי קינדער זייערע — דער טאָכטער און דעם זון.

נישט וואָס עס איז געשען עפּעס אַזוינס מיט זייערע צוויי קינדער, וואָס זאָל חלילה אַלאַרמירן. ניין, דאַנקען גאָט, עס איז נישטאָ קיין שום סיבה צו זיין באַזאָרגט. אַדרבה, אַז מען וויל קאָן מען ווינטשן אַלע יידן אַזעלכע קינדער, ווי זיי האָבן, און וואָס שייך זייער מזל, איז אויך חלילה נישט צו פֿאַרזינדיקן. מיט איר מרימען קאָכט זיך דאָך דער גאַנצער ישוב. אויף אַזאַ גליק האָט נישט זי און נישט איר אליהו זיך געריכט. אמת, עס וועט אויסקומען צו פֿאַרלירן די טאָכטער נישט נאָר פֿון דער שטוב, נאָר אויך פֿון ארץ־ישראל, וואָרעם קאַפּיטאַן איזראַעלסאָן וועט דאָך נישט איבערלאָזן זיין פּראָמינענטע משפּחה אין לאָנדאָן און זיך באַזעצן דאָ, אָבער דערפֿאַר איז דאָך דער שידוך אַזאַ, צוליב וועלכן מען קאָן זיך דערלויבן צו ברענגען אַ קרבן.

— דאַנקען גאָט דערפֿאַר — האָט זי געמורמלט.

אַז גברת חנה פֿערשטער פֿלעגט זיך אַמאָל פֿאַרטראַכטן וועגן דעם פֿאַרלוסט פֿון ארץ־ישראל, ווען איר געראָטענע טאָכטער מרים וועט זיך איבערציען קיין לאָנדאָן, האָט זי זיך געטרייסט דערמיט, אַז ווי לעידי איזראַעלסאָן אין לאָנדאָן, וועט איר טאָכטער קאָנען ברענגען אַ סך מער נוצן ארץ־ישראל, ווי ווען זי וואָלט געלעבט דאָ אין לאַנד.

— אַ קלייניקייט, אַ יידיש־ציוניסטישע יונגע, שיינע לאַרדעכע צווישן די אַריסטאָקראַטן אין לאָנדאָן!

אָט אַזוי פֿלעגט זי זיך שטענדיק טרייסטן, און אויך איצט, זיצנדיק

אויף דער סאָפע, האָט זי זיך געטרייסט, און טאַקע, ווי אַלע מאָל, אַרויס־געבראַכט פון איר מויל די זעלביקע ווערטער:

— אַ קלײניקײט, אַ יידיש־ציוניסטישע יונגע, שיינע לאָרדעכע צווישן די אַריסטאָקראַטן אין לאָנדאָן!

— דער ציוניזם וועט זיכער געווינען דערפון — האָט זי זיך גע־טרייסט.

אָבער אין יענעם אָוונט האָט איר געמאַטערט עפּעס אַזוינס, וואָס כאָטש זי איז געווען זיכער, אַז עס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט, האָט דאָס איר דאָך פונדעסטוועגן נישט געלאָזן צורו.

גברת חנה פּערשטער איז אַליין געווען באַזאָרגט וועגן דעם כעמי־קער גרשון רובינשטיין, און קעגן איר אייגענעם ווילן האָט זי זיך אַלע ווייל נישט אויפגעהערט צו פרעגן:

— איז נאָך עפּעס פאַרבליבן אין מרימס האַרצן צו אָט דעם בחור?

גברת חנה פּערשטער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע סיבה, צו זיין אומ־רואיק וועגן דעם, ווארעם איז דען נישט געווען זי אַליין, וואָס האָט דער־מוטיקט איר טאָכטער צו נעמען ערנסט אָט דעם גרשון רובינשטיינען? נו, יאָ, אוודאי. איידער עס האָט זיך באַוויזן דער קאַפּיטאַן איזראַעלסאָן, איז גרשון רובינשטיין געווען אַ גאַנץ פאַסיקער שידוך. נישט איין מוטער פון די סאַמע אָנגעזעענסטע משפחות אין לאַנד וואָלטן זיך געוואונטשן אים אַריינצוקריגן פאַר זייערס אַ טאָכטער. אָבער אַז עס האָט זיך באַוויזן דער קאַפּיטאַן און זיך גלייך איינגעליבט אין מרימען, איז דאָך נישט שייך צו טראַכטן פון עפּעס אַ כעמיקער, וואָס דאַרף נאָך האָבן געטוג רחמים ביז ער וועט זיך שטעלן אויף די פיס און זיך צו עפּעס צושלאָגן.

— נישט אַלע כעמיקער ווערן דאָך ווייצמאַנס — האָט זי צו זיך געזאָגט.

— אָבער טראַכט טאַקע נישט מרים מער פון גרשון רובינשטיין?

נישט איין מאָל האָט זי גערעדט מיט מרימען אָפנהאַרציק וועגן דעם. זי האָט געוואָלט, אַז איר טאָכטער זאָל איר זאָגן, צי דער קאַפּיטאַן איזראַ־עלסאָן איז איר צום האַרצן, ווי אַ מאַן.

— און דיר פאַלט איין, אַז עס איז בלויז דער לאָרדן־טיטול? — האָט די טאָכטער געפרעגט.

— איך ווייס? — האָט די מוטער געצויגן מיט די אַקסל, און דערביי פראָסט און פשוט געוואָלט וויסן:

— נו, און רובינשטיין?

— מאַמע, לאָז צורו! — האָט מרים געענטפֿערט אין אַ ברוגזן טאָן, און מער דערפֿון נישט געוואָלט רעדן.

די ווייזערס איבערן ציפֿער־בלאַט פֿון דעם גרויסן שאָפֿע־זייגער, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פֿון דעם זיץ־צימער, האָבן שוין געוויזן, אַז עס איז היפּש שפּעט.

— די אסיפֿה פֿאַרציט זיך — האָט גברת חנה פֿערשטער אַ מורמל געטאָן, און באַלד איז דער מורמל באַגלייט געוואָרן מיט אַ געניצל, וואָס זי האָט צוגעקלאַפּט מיט דער האַנט איבער איר מויל.

— פֿאַרוואָס ציט זיך די אסיפֿה אַזוי לאַנג? — האָט זי געפֿרעגט מיט פֿאַרדראָס.

זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט, אַ צי געטאָן די איינגעזעסענע גלידער. אַ ווייל איז זי געשטאַנען, נישט געקאָנט באַשליסן צי זי זאָל יאָ אָדער נישט זיך צוריקציען אין איר שלאָף־צימער אַריין. אָבער באַלד איז איר קלאָר געוואָרן, אַז שלאָפֿן וועט זי סיי־ווי נישט קאָנען, און זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט.

— נו, מילא, איך וועל שוין אונטערוואַרטן.

איצט האָט זי געטראַכט וועגן דער שטרענגקייט פֿון איר טאָכטערס טאָן, בשעת זי האָט ביי איר געפֿרעגט וועגן רובינשטיינען.

— מאַמע, לאָז צורו!

— נו גוט. איך לאָז זי צורו, אָבער:

— איז זי אַליין רואיק? — האָט זי זיך געפֿרעגט וועגן דער טאָכטער.

גברת חנה פֿערשטער האָט אויפֿגעהויבן אירע אויגן צו די טרעפּלעך, וואָס האָבן געפֿירט אַרויף צו איר טאָכטערס שלאָף־צימער און לאַנג גע־קוקט איבער זיי, ווי זי וואָלט געוואַרט, אַז זיי, די טרעפּלעך, איבער וועלכע איר מרים איז מיט אַ פּאָר שעה פֿריער אַרויף, זאָלן עדות זאָגן, צי זי איז יאָ אָדער נישט רואיק.

— אוי — האָט זי אַן איידל זיפֿצעלע געטאָן און זיך פֿאַרטראַכט.

אין איר אייגן מאַמע־האַרץ איז זי נישט געווען אינגאַנצן זיכער, וואָס אַזוינס עס קומט אין דער אמתן פֿאָר אין דעם געמיט פֿון איר טאָכטער.

זי האָט פֿאַרגליכן מרימס האַנדלונג מיט דער האַנדלונג פֿון זיך אַליין, ווען זי איז געווען אין מרימס יאָרן.

דער פֿאָטער אירער, אַ קלײנער הורטאָוניק פֿון מאַנופֿאַקטור אין דער שטאָט ראָוונע, וואָס אין דער וואָלין, איז געווען איבערגליקלעך, וואָס דער בן־יחיד פֿון די רײַכע קוליקאָוויטשעס האָט זיך געשדכנט צו זײַן טאָכטער, די מוטער אירע אויך.

— אַ קלײניקײט, אַזאַ עשירות — האָבן זײ גערעדט צווישן זיך.

אָבער איר האַרץ האָט געהערט צו דעם אָרעמען העברעאישן לערער פֿון שטאָט, אליהו פּערשטער, און טוט איר חלילה באַנג, וואָס זי האָט געפּאָלגט איר האַרץ?

— זאָל ער מיר זײַן אויף לאַנגע יאָר — האָט זי שטילערהײט זיך געווואונטשן.

ווי אַ פֿרוי האָט זי זיך נישט געקאָנט העלפֿן נישט צוצוגעבן, אַז גרשון רובינשטײן איז זײַער אַן אַטראַקטיוועד בחור. זיכער מער אַטראַקטיוו, ווי דער קאַפּיטאַן איזראַעלסאָן. זי האָט זיך געפּרוּווט אַנטקעגנשטעלן איזראַעלסאָנען אַן דעם לאָרדן־טיטול, אָן דער קאַפּיטאַנישער אוניפֿאָרם און אַן זײַן רײַך לעבן קעגן דער קרעפּטיקער, זעקס־פֿוסיקער פֿיגור פֿונעם כעמיקער גרשון רובינשטײן, און דעמאָלט האָט זי זיך אויף אַן אמתן איבערגעשראָקן פֿאַר דעם באַשלוס פֿון איר טאָכטער צו ווערן דאָס ווײַב פֿון איזראַעלסאָן.

— אָבער מרים פֿאַרזיכערט דאָך פֿאַרט, אַז זי איז גליקלעך!

ווי אַ מענטש, וואָס האָט נישט ליב געהאַט זיך מצער צו זײַן, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן דער טאָכטערס פֿאַרזיכערונג, און זי האָט גענומען לערנען דעם פּשט אַביסל אַנדערש:

— און אפֿשר איז זי טאַקע אין דער אמתן גליקלעך? — האָט זי זיך געפֿרעגט, און גענומען אײַנטענהן מיט זיך:

— קײן פֿאַרזעניש איז דאָך איזראַעלסאָן נישט. די פֿיגור איז אַן אײדעלע, דאָס פּנים אַפֿילו אַ ביסל צו דאַר און אויסגעצויגן, אָבער עס שלאָגט פֿון זיך מיט דער ראַפֿינירטער פֿײַנקײט, וואָס מען זעט נאָר אויף אַריסטאָקראַטן פֿון דורות און דורות.

— הלוואי זאָל זי נאָר גליקלעך זײַן מיט אים — האָט זי געווואונטשן פֿון גאַנצן האַרצן און דער באַגער צו זען די טאָכטער אַ גליקלעכע האָט געפֿירט אירע געדאַנקען אין אַזאַ מין ריכטונג:

— און אַפֿילו ווען עס איז אויך אַ ביסל זײַן טיטול? זײַן אַנגעזעענע משפּחה? אָט די אַלע זאַכן זײַנען פֿאַר אַ פֿרוי אויך ענינים, וואָס קאָנען געבן גליק.

אַט אַזוי האָט די גבֿרת חנה פֿערשטער איינגעטענהט מיט זיך און אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין האָט אַט דאָס איינטענהן זי אַליין אויך אַריינגעפֿירט אין דעם גליק פֿון דעם געשעענעם.

— נו, דאַנקען גאָט דערפֿאַר כאָטש — האָט זי פֿרום אַ מורמל געטאָן.

זי האָט זיך גענומען אויסמאָלן אַ באַזוך פֿון איר מיט אליהון ביי איר טאָכטער אין לאָנדאָן.

אַקוראַט ווי לאָנדאָן קוקט אויס האָט זי נישט געוואוסט, און זי האָט דערפֿאַר נישט געקאָנט זען פֿאַר די אויגן דעם פּאַלאַץ, וואו איר טאָכטער די לעידי מיט איר מאַן דעם לאָרד איזראַעלסאָן וואוינען, אָבער אַז אַ לאָרדן־משפּחה וואוינט נישט אַנדערש, ווי נאָר אין אַ פּאַלאַץ, איז געווען קלאָר פֿאַר איר, און נישט נאָר אין איין פּאַלאַץ, נאָר טאַקע אין עטלעכע פּאַלאַצן, וואָס זיינען צעוואָרפֿן איבערן לאַנד.

— זומערדיקע און ווינטערדיקע פּאַלאַצן האָבן דאָך די לאָרדן!

זי איז ביז גאָר נייגעריק געוואָרן אין וועלכן סעזאָן פֿון יאָר איז בעסער צו באַזוכן ענגלאַנד — אינעם ווינטערדיקן, צי אינעם זומערדיקן? זי האָט געזען אַ גרויסן קבלת־פּנים פֿאַר זיך און אליהון, און צוליב דעם קבלת־פּנים האָט זי באַשלאָסן, אַז עס איז בעסער דער ווינטערדיקער סעזאָן, וואָרעם ווינטער איז מען דאָך אין דעם לאָנדאָנער פּאַלאַץ, און עס קאָנען געלאַדן ווערן די סאַמע געהויבנסטע געסט פֿון דער מדינה, וואָס געפֿינען זיך אין יענער צייט אין דער גרויסער הויפּטשטאָט. מאָלנדיק פֿאַר זיך די אויפֿנאַמע — פֿאַר זיך און איר אליהון ביי דער טאָכטער און איידים — האָט זי זיך געזען אין אַ גרויסן שטאַרק־באַלויכטענעם עס־צימער. אַרום טיש זיינען געזעסן אַלע אַריסטאָקראַטישע דאַמען און הערן צווישן וועלכע עס געפֿינען זיך אַפֿילו מיטגלידער פֿון דער קעניגלעכער משפּחה. מרים איז אָנגעטאָן זייער עלעגאַנט, און זי האַלט זיך שטאָלץ און שטאָט־לעך.

— וואָס זאָגסטו נישט צו אונדזער טאָכטער? — שושקעט אין איר אויער אַריין אליהו, און זי דריקט אונטערן טיש זיין האַנט מיט אַ צייכן, אַז ער זאָל נישט רעדן און נישט מאַכן קיין באַמערקונגען.

— האַלט שטאָט, אליהו — רוימט זי אים אין אויער אַריין.

דער איידים אָנגעטאָן אין זיין לאָרדן־עמבלעם טרינקט אַ טאָוסט לכּבֿוד דעם מלך מיט דער מלכּה, און דערנאָך טרינקט אַן אַנדער לאָרד אַ טאָוסט לכּבֿוד די חשובֿע געסט — דעם שווער און שוויגער פֿון דעם

לאָרד איזראַעלסאָן און דעם פֿאָטער און מוטער פֿון דער שיינער לעידי איזראַעלסאָן. נאָכן עסן סערווירט די דינערשאַפֿט קאַווע אין אַן אַנדער גרויסן און עלעגאַנטן צימער און יעדער איינער אַדרעסירט איר מרימען:

— לעידי איזראַעלסאָן, אייערע עלטערן זיינען זייער חשובע און בכבודיקע מענטשן.

— לעידי איזראַעלסאָן, מעג איך האָבן דעם כּבוד צו האָבן אייער גנעדיקלעכע אויפֿמערקזאַמקייט?

— וואָס טראַכט די חשובע לעידי איזראַעלסאָן וועגן דעם באַזאַר פֿאַר די נויטבאַדערפֿטיקע?

אָט אַזוי האָט גבֿרת חנה פֿערשטער זיך געמאָלן דעם קבלת־פּנים אָוונט ביי דער טאָכטער אין דעם לאָנדאָנער פּאַלאַץ, און מרימען האָט זי געזען אַ שטאָלצע און אַ שטאָטלעכע מיט אַ גנעדיקלעכן שמייכל צו די געסט, און שטראַלנדיקע אויגן צו איר טאַטע־מאַמען.

גבֿרת חנה פֿערשטער האָט זיך ענדלעך כּמעט ווי באַרואיקט וועגן איר טאָכטער, און איצט איז זי איבערגעגאַנגען אין אירע געדאַנקען וועגן איר זון בצלאל, און אַזוי ווי זי איז איצט געווען באַרואיקט און גליקלעך וועגן דעם באַשטאַנד פֿון איר טאָכטער, האָט זי שוין אויך געזען איר זון אין אַ גליקלעכן צושטאַנד.

— נישט צו פֿאַרזינדיקן — האָט זי אַרויסגעלאָזט אַן אײדל זיפֿצל פֿון דאַנק און ליבע צו דעם רבונו־של־עולם.

איר בצלאל האָט נישט באַוויזן דורכצומאַכן דעם קורס אין קאַלי־פֿאָרניע, און דאָס איז אוודאי אַ גרויסער שאָד. אַזוי פֿיל אומזיסטע צייט פֿאַרשווענדט אויף גאָרנישט. אָבער זינדיקן דאַרף מען נישט, וואָרעם עס האָט דאָך געקאָנט זיין פֿיל ערגער.

— גאָט צו דאַנקען, דורכגעמאַכט אַ מלחמה, און איצט שלאָפֿט ער אַ געזונטער אויף אַלע אברים אין אַ בעט אונטער טאַטע־מאַמעס דאַך.

— יאָ, דאַנקען און לויבן דעם רבונו־של־עולם — האָט זי מיט פֿרומקייט אויף איר פּנים נאָכאַמאָל זיך צעמורמלט.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס, וואָס איר זון שלאָפֿט איצט אין אַ ווייס, ריין בעט אונטער טאַטע־מאַמעס דאַך, האָט דאָך גורם געווען דער שידוך פֿון מרימען מיט דעם אַנגעזעענעם קאַפּיטאַן איזראַעלסאָן.

— אָט האָט מען שוין נוצן פֿון אַזאַ פֿאַרבינדונג — האָט זי געזאָגט צו זיך, און אין איר דאַנקבאַרקייט פֿאַר האָבן בצלאלן ביי זיך אין שטוב,

האָט דער קאַפּיטאַן איזראַעלסאָן אָנגעהויבן אויסצוקוקן אין אירע אויגן פיל שענער, ווי ער האָט אויסגעקוקט אין זיי פריער.

— איך וועל רעקאָמענדירן בצלאלן קיין מקוה־ישראל — האָט ער איינמאָל אַ זאָג געטאָן, זיצנדיק ביים טיש, און עס האָבן זיך באַלד אַ ריר געטאָן אַלע מיליטערישע דעפּאַרטמענטן און אַט איז איר קינד שוין טאַקע דאָרטן.

— אַן אמתער גן־עדן אַט דאָס מקוה־ישראל — האָט נעכטן בצלאל געזאָגט צום פאָטער, און איר איז געווען גוט צו הערן, אַז איר זון האָט דאָרטן אַ געלעגנהייט זיך צו באַשעפטיקן מיט זיין אַגראָנאָמיע, וואָרעם מקוה־ישראל איז דאָך נישט קיין לאַגער פאַר מיליטער, נאָר אַ לאַבאָראַ־טאָריע פאַר אַגריקולטור.

— אָבער עס איז נישט אַזוי זיין אַגראָנאָמישע אַרבעט, ווי דאָס וואָס איך האָב אים יעדן אָוונט אין שטוב.

ווידער זיינען אירע אויגן געהאַנגען איבער די טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט צו די אויבנדיקע צימערן, וואו עס זיינען איצט געשלאָפן אירע קינדער.

— אַ גוטן שלאָף אויף אייך, מיינע טייערע — האָט זי מוטערלעך געשיקט איבער די טרעפּלעך איר ברכה.

עס איז פּלוצלונג ביז גאָר גוט געוואָרן אויפן געמיט דער גברת חנה פערשטערן. אַזוי גוט געוואָרן, אַז זי האָט אַזש דערפילט טרערן אין די אויגן, און זי האָט זיי גענומען אויסווישן מיט איר וויס באַטיסטן טיכעלע.

איצט האָט איר שוין בכלל נישט געאַרט, וואָס די ווייזערס איבערן ציפערבלאַט פונעם גרויסן שאַפע־זייגער האָבן געוויזן, אַז עס איז שוין באַלד צוועלף אַזייגער. זי האָט אַ לענגערע צייט געקוקט אויף דעם גע־שייערטן מעשענעם אומרו, וואָס האָט זיך באַוואויגן הין און צוריק מיט אַ ריטמישן טאַקט הינטער דעם גלאָז, און אירע הענט האָבן זיך דערביי געשפּילט מיט די פרענזעלעך פון איר באַטיסטן טיכעלע.

— דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט!

אליהו פּערשטער

די גברת חנה פּערשטער האָט זיך אין יענעם אָוונט דאָך נישט דער־וואָרט אויף איר מאַן און זי איז סוף כּל סוף אַרויף אין איר שלאָף־צימער.

איידער זי איז איינגעשלאָפן האָט זי נאָך אַביסעלע געטראַכט וועגן איר מאַן און דאָס טראַכטעניש האָט אָנגעפילט איר האַרץ מיט שטאָלץ:

— וועגן יעדן וויכטיקן ענין באַגייט מען זיך דאָך נישט אָן אים — האָט זי געמורמלט מיט פרומקייט, ווי זי וואָלט געלייענט קריאת־שמע, און שפּעטער שוין האַלב־שלאָפנדיק, האָט זי נאָך אריינגעכאַפּט אַ געניצל, וואָס זי האָט שוין נישט צוגעקלאַפּט מיט דער האַנט, נאָר זי האָט דאָס פּריי אַ לאָז געטאָן אין דער טונקלקייט פון צימער, זאָגנדיק דערביי מיט האַלבע ווערטער:

— וועגן וואָס און ווען אויף דער אַסיפה? נו, מערצישעם מאָרגן ביים פרישטיק וועט מען שוין הערן.

אָבער דער פרישטיק איז יענעם פרימאָרגן סערווירט געוואָרן פיל שפּעטער, ווי געוויינלעך, ווייל דער אַדון אליהו פּערשטער איז אַריינ־געשלאָפן אין טיפן פרימאָרגן אַריין.

— אַ קליייניקייט, אַזאַ אסיפה? — האָט מרים אויסגערופן, צערט־לענדיק זיך אין רויט־געבלימטן מאָרגן־פּעניואַר איבער דער סאָפע.

— איך האָב גאָרנישט געהערט, ווען ער איז אַהיים געקומען — האָט די מוטער, זיצנדיק ביים טיש פאַרטראַכט, געזאָגט:

— ער שאָנעוועט זיך גאָרנישט, דער פאָטער — האָט מרים באַ־מערקט.

יענער פרימאָרגן איז געווען אַ גרוילעכער. דער הימל איז געווען אָנגעשוואָלן מיט ווייסע, וואַטענע וואָלקנס, אָבער דער רעגן האָט זיך אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט.

גברת חנה פּערשטער האָט אַלע ווייל אַ הויב געטאָן אירע אויגן איבער די טרעפּלעך פון וועלכע עס האָט זיך שוין לאַנג געדאַרפט אַרונ־טערלאָזן איר מאַן. זי איז אַפּנים געווען היפּש הונגעריק, וואָרעם אירע

פינגער האָבן אוימאויפהערלעך געהאַלטן אין איין אָנרירן די זעמעלעך, וואָס זיינען געלעגן אין אַ ווייך־געפלאָכטן אַראַביש קאָשיקל.

— פאַרוואָס האָסטו נישט געפרישטיקט מיט בצלאלן? — האָט זי געפרעגט מיט פאַרוואורף ביי דער טאָכטער.

— דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב ליב צו עסן מיטן פאָטער — האָט מרים איר געענטפערט.

ענדלעך האָבן זיך דערהערט די טריט איבער די טרעפלעך, און עס האָט זיך באַוויזן דער אַדון אליהו פערשטער אין זיינע שטעק־שיך און שלאָף־ראָק.

דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך באַוויזן אין די שטעק־שיך און שלאָף־ראָק האָט אָנגעזאָגט דער משפחה, אַז ער איז היינט פאַרמאַטערט, וואָרעם זיין דרך איז געווען זיך זעצן צום טיש אַפילו צום פרישטיק אָן אָנגעטאָענער.

דעם געזונט־צושטאַנד פון אַדון פערשטער האָט מען געמאָסטן אין שטוב יעדן אין דער פרי לויט דעם שלאָף־ראָק, סאַמעטן רעקל און גרויען פראַק.

דער גרויער פראַק האָט אָנגעזאָגט, אַז נישט נאָר פילט ער זיך ביים בעסטן געזונט, נאָר אַז ער וועט גלייך נאָך פרישטיק פאַרלאָזן דאָס הויז; דאָס סאַמעטענע רעקל האָט געלאָזט וויסן, אַז ער וועט יענעם פרימאָרגן אַרבעטן אין זיין קאַבינעט אויף זיין גרויס פילאָלאָגיש ווערק — זיין לעבנס־אַרבעט שוין זיבן יאָרן; און דער שלאָף־ראָק איז געווען אַ סימן, אַז ער איז מיד, און אַז ער דאַרף געלאָזן ווערן צורו.

— גוט־מאָרגן — האָבן ביידע פרויען אים באַגריסט.

דאָס מאָל האָט ער ווירקלעך אויסגעקוקט פאַרמאַטערט. זיין טונקל־לענגלעך פנים, איינגעפאַלן אין אַ פיר־עקיק גרוי בערדל און האָר איבער זיין קאָפּ פונעם זעלבן קאָליר, וואָס האָבן זיך געקרייזלט צו זיין שטערן, האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די העל־גרויע שטרייפן פון זיין טונקל־בלויען שלאָף־ראָק. ענטפערנדיק אויפן גוט־מאָרגן פון פרוי און טאָכטער האָבן סיי זיינע טונקעלע אויגן און סיי זיין ווייך קול געטריפט פון זיך מיט אַ בקשה, אַז מען זאָל אים היינט נישט באַלעסטיקן מיט קיין איבעריקע פראַגן.

אין אַזאַ פֿרימאָרגן איז מען געזעסן שטיל־שווײַגנדיק אַרום טיש און בלויז געענטפֿערט אויף פֿראַגן, וואָס ער האָט געשטעלט.

אַפֿילו די געוויינלעכע פֿראַגן וועגן דעם פֿרישטיק האָט מען אין אַזאַ שלאָף־ראָקנדיקן פֿרימאָרגן נישט געפֿרעגט.

איז ער געזעסן אין זײַן גרויען פֿראַק, אָדער אינעם סאַמעטענעם רעקל, זײַנען די געוויינלעכע פֿראַגן געווען:

— אפֿשר נאָך אַביסעלע האָניק אין דער קאַשע?

— זײַנען די אייער פֿרישע?

— ווי שמעקט דיר הײַנט די קאַווע?

אָבער, ווען ער איז געזעסן אינעם שלאָף־ראָק, האָט מען אַפֿילו אָט די פֿראַגן נישט געפֿרעגט. מען איז געזעסן שטילשווײַגנדיק, און דאָס איינציקע גערויש איז געווען דאָס אַרײַנקומען און אַרויסגיין פֿון די באַר־וועסע טריט פֿונעם אַראַבישן הויז־מיידל בײַם סערווירן.

אַפֿילו מיטן געקלאַנג פֿונעם געשיר איז מען אין אַזאַ פֿרימאָרגן געווען באַזונדער פֿאָרזיכטיק. ווען עס זאָל געוועגדט זײַן אָן דער גבֿרת, וואָלט זי אַפֿילו דעם זייגער אָפּגעשטעלט, כּדי דער אומרו אין אים זאָל זיך נישט באַוועגן און נישט לאָזן הערן פֿון זיך דעם אומאויפֿהערלעכן ריט־מישן טיק־טאַק.

אָט אַזוי איז דאָס געווען, ווען ער איז אַרונטער אין זײַן שלאָף־ראָק. דערפֿאַר אָבער איז מען אין אַזאַ פֿרימאָרגן געווען איבערגליקלעך, ווען ער האָט באַוויליגט צו עפֿענען דאָס מויל און עפּעס פֿרעגן, צי זאָגן. אין אַזאַ מאָמענט איז מען געווען נישט נאָר גרייט צו דינען, נאָר מען איז געווען טיף גערירט און דאַנקבאַר פֿאַר יעדן וואָרט, וואָס האָט זיך אַרונ־טערגעגליטשט פֿון זײַן מויל.

— יאָ, נו יאָ, אוודאי, אוודאי — האָט מען אין אַזאַ פֿרימאָרגן מסכּים געווען מיט זײַן יעדן וואָרט.

דאָס מאָל איז מען אָבער געווען באַזונדער אומרואיק פֿון זײַן שלאָף־ראָק, וואָרעם פֿון זײַן פּנים האָט נישט נאָר אַרונטערגעקוקט מידקייט, נאָר אויך זאָרג. מען האָט גוט געוואוסט, אַז ביידע קומען פֿון דער נעכ־טיקער אַסיפֿה, וואָס האָט געמוזט זײַן סײַ אַ שטורעמדיקע און סײַ אַ קעגנערישע צו זײַנע געדאַנקען און פּלענער. מען האָט אויסער מיט־פֿיל געהאָט צו אים, אַז ער איז אוודאי געווען דורכאויס דער גערעכטער,

אויך געגליט מיט נייגעריקייט, אָבער פֿרעגן ביי אים איז דאָך נישט שייך געווען.

איז מען געזעסן אָנגעלאָדענע, געגעסן נישט מיט קיין הנאה, כאָטש איבער זיין פֿאַרשפּעטיקונג איז מען געווען היפּש הונגעריג, און מען האָט געוואַרט, אַז אפשר וועט מען דאָך הערן אַ וואָרט פֿון זיין מויל.

ענדלעך האָט ער מיט דער סאַלפֿעטקע אַ וויש געטאָן איבער די וואָנצעס און דער באָרד און אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן:

— נו, אַן אַסיפֿה! שוין איינמאָל אַן אַסיפֿה איז דאָס געווען!

— יאָ?

מאַמע און טאָכטער האָבן אויפֿגעהויבן אין איין צייט זייערע בליקן צו אים און אין גרויס אָנגעשטרענגטקייט געוואַרט אויף ווייטערדיקן, וואָס מען איז געווען זיכער, אַז איצט וועט דאָס שוין קומען פֿון זיין כשרן מויל.

אָבער אַדון אליהו פֿערשטער, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען פֿון די זיך איילנדיקע, האָט דאָס מאָל זיך גענומען נאָך מער צייט, ווי אַלע מאָל. ער האָט טיף אָפּגעזיפֿצט, וואָס מען האָט נישט געוואוסט אַקוראַט פֿון וועלכע טיפֿעניש אין אים אָט דער זיפֿץ איז געקומען — פֿון דעם פֿרישטיק איבער וועלכן ער האָט דעמאָלט באַזונדער שווער געאַרבעט, אָדער פֿון דער נעכטיקער אַסיפֿה, וואָס איז אים נאָך אַפֿנים געלעגן טיף אין די ביינער; דערנאָך האָט ער זיך רחבותדיק צוריקגעבויגן מיטן רוקן צום אָנשפּאַר פֿון דעם ווייכן שטול און פֿאַמעלעך אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס פֿון דער זילבערנער פּושקע, וואָס האָט אַ גלאַנץ געטאָן מיט דער „בצלאל"־אויסאַרבעטונג, אַריינגעשטעקט דעם פּאַפּיראָס אין אַ זילבערן ציגאַרנ־שפּיצל אויך פֿון דער זעלבער „בצלאל" אויסאַרבעטונג, און פֿאַרדרויכערנדיק אינעם אָנגעצונדענעם שוועבעלע, וואָס דער טאָכטער מרימס האַנט האָט אונטערגעטראָגן, האָט ער צוזאַמען מיט דעם רויך, וואָס ער האָט אַרויס־געלאָזט פֿונעם מויל, אויך אַרויסגעלאָזט די ווערטער:

— נו, דאַנקען גאָט, אויסגעפֿירט אינגאַנצן האָבן זיי דאָך נישט!

— אפשר וואָלסטו היינט נישט גערויכערט? — האָט די מוטער געוואָגט אַריינצוואַרפֿן אַ באַמערקונג צו אים, אָבער ער האָט ווי ניט געהערט אירע ווערטער. ער האָט נאָכאַמאָל אַ ציי געטאָן דעם פּאַפּיראָס, און אָנגעהויבן בזה הלשון:

— פֿאַראַנען בײַ אונדז אַזעלכע וואָס מײנען, אַז ארץ־ישראל וועט געבויט ווערן פֿון „גלאַט ײדן” און „אָבי ײדן”!

אַט אַזוי האָט ער אָנגעהויבן, און ווענדנדיק זיך מיט די בליקן סײ צו דער ווײַב און סײ צו דער טאָכטער, האָט ער מיט איראָניע געפֿרעגט:

— האָט איר שוין אַמאָל באַגעגנט אַט דעם קוירנעל אַדון שלומען?

— איז ער אויך געוועזן? — איז די טאָכטער געוואָרן זײער נײַגעריק, און די מוטער האָט געענטפֿערט:

— איך האָב אים בלויז געזען פֿאַרבײַגײענדיק.

די טאָכטער האָט געוואָלט נאָך עפּעס פֿרעגן, אָבער זעענדיק, ווי דער פֿאָטער צעעפֿנט די ליפּן, האָט זי זיך אָפּגעהאַלטן און אַדון אליהו פֿערש־טער האָט ווײַטער גערעדט:

— אַ קריגס־פֿירער איז ער אפֿשר אַ גוטער... איך ווײס?... מסתּמא איז ער אַ פּעאיקער זעלנער, אָבער אין הלכות ארץ־ישראל אויפֿבוי איז ער געבליבן דער זעלבער זאַמד־יונג, ווי ער איז געווען ײנגלווײז אין אשל־יהודה.

— וואָס־זשע האָט ער אַזױנס געזאָגט? — האָבן מאַמע און טאָכטער געוואָלט וויסן.

— וואָס ער האָט געזאָגט?

אַדון אליהו פֿערשטער האָט זיך אַזש אַ הויב געטאָן פֿון שטול, נאָר דערמאָנענדיק זיך אַפּנים, אַז ער איז אין שלאָף־ראָק, האָט ער זיך צוריק אַנידערגעזעצט, געגעבן אַ שטאַרקן ציִ פֿונעם ציגאַרנשפּיצל, און גענומען איבערגעבן די ווערטער פֿון אַדון שלומען:

— מען דאַרף אָנפֿילן דאָס לאַנד מיט ײדן! אַלערלײ ײדן! נישט לשון איז דער עיקר, נאָר ײדן זײַנען דער עיקר!

אַדון אליהו פֿערשטער האָט אַרויסגעבראַכט פֿון זײַן מויל אַט די ווערטער, וואָס האָבן געהערט אויף דער נעכטיקער אַסיפֿה צו אַדון שלומען, מיט אַ סך איראָניע אין זײַן קול. און דערבײַ איז אים אין אויפֿגערעגטן טאָן מוסיף געווען נאָך מיט מער אויפֿרעגונג:

— דאָס שענדלעכסטע דערבײַ איז געווען, וואָס אונדזער סופֿר העברי ברענער, דער גרויסער י. ח. ברענער, האָט נישט נאָר מסכּים געווען

מיט אַט די ווערטער, נאָר ער האָט נאָך זיי מיט גרויס התלהבות אַפּלאָדירט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער שטול, געמאַכט אַ פּאָר טריט אין זיינע ווייסע, שאַרנדיקע שטעק־שיך, רעדנדיק מיט אַ פּאַטאָס, ווי ער וואָלט אַדרעסירט די אַסיפה:

— נו יאָ, אוודאי איז אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג אין פוילן גרייט אַריבערצוקומען אַהער! פון רומעניע אויך! די יידן פון רוסלאַנד ציען זיך אויך צו אונדז! און פון וואַנען דען נישט? אָבער עס גייט דען נאָר אין „גלאַט־יידן?" און „אַבי יידן"? לאָזט אַריין אַן ערב־רב און אונדזער גאַנצע אַרבעט פאַר העברעאיש איז אָפּגעווישט, איז אַרויסגע־וואָרפן.

מאַמע און טאָכטער האָבן אים נאָכגעקוקט, און זיך צוגעהערט מיט אָנגעשטרענגטע פּנימער:

ער איז געבליבן שטיין, און אַ צי געטאָן מיט די נאָזלעכער, ווי עס וואָלט אים אויסגעפעלט לופט אויף צו אָטעמען, און ווענדנדיק זיך צו דער ווייב און טאָכטער, האָט ער מיט צער אין קול אַ ברום געטאָן:

— און שטעלט זיך פאָר, אָט דער זעלבער, אָט דער גרויסער העלד, האָט דאָך דאָרטן געדרשנט אויף זשאַרגאָן!

— זעסטו, אַז ברענער זאָל מיט אַזוינס מסכים זיין איז פאַר מיר אַן איבעררעשונג! — האָט די גברת חנה פערשטער געזאָגט:

— אַך ברענער!

אַדון אליהו פערשטער האָט זיך אַפּנים דערמאָנט, אַז ער איז אינעם שלאָף־ראָק און אין די שטעק־שיך, און ער האָט זיך צוריק אַרונטער־געלאָזט מיט אַ זיפץ אין דער שטול אַריין.

— אַן אָרנטלעכער מענטש, ברענער, אַ שיינער שרייבער, אַ טיפער שרייבער, אָבער אַ פּרא־אדם!!

איצט האָט ער שוין גערעדט אָט די ווערטער מיט אַ קרענקלעכן ציטער, און ווי ער וואָלט זיך וועלן בעסער אַריינטראַכטן אין דעם, וואָס י. ח. ברענער האָט נעכטן געזאָגט, האָט ער איבערגעחזרט זיינע ווערטער פאַר זיך מיט פרעג־צייכנס:

— ארץ־ישׂראל איז איצט אַרויס פֿון דעם באַגריף ציוניזם? דאָס לאַנד מוז וואָס גיכער אויפֿנעמען אין זיך אַריין וואָס מער יידן? אַלערליי יידן? די פֿראַגע פֿון העברעאיש טאָר איצט נישט אויסוואַקסן צו קיין שליסל פֿון אַ טויער?

ער האָט איבערגעחזרט ברענערס ווערטער פּאַמעלעך, ציִענדיק יעדעס וואָרט פֿון זיך, ווי גומילאַסטיק, און נאָך יעדן זאָץ איז דער פֿרעג־צייכן אויסגעוואַקסן אין דער הויך און אין דער ברייט, און עס איז געווען ביז גאָר קענטיק, אַז מיט יעדן פֿרעג־צייכן זײַנעם איז ער געצילט אין קאָנטער־אַטאַקע צו אָט אַזאַ אויספֿיר.

— אָן אמתער פרא־אָדם! — האָט ער מיט גרויס צער אין קול דערנאָך נישט אויפֿגעהערט צו מורמלען.

— נו יאָ, אַ פרא־אָדם, אוודאי אַ פרא־אָדם — האָט די גברת מסכּים געווען.

אלישבע איז איבעררזיכטיק אויף דער מוטער

דער ערשטער וויזיט פון אדון שלומען איז דורכגעגאנגען א סך גרינגער, ווי אלע האבן זיך פריער פארגעשטעלט.

רייטנדיק זייט ביי זייט מיט אלישבען פונעם לאגער קיין אשל־יהודה איז אדון שלום איבערגעגאנגען פון שוויגנדיקער פארטראכטקייט צו באַרעדעוודיקער פריילעכקייט, און באלד ווידער צו שווייגנדיקער פארטראכטקייט.

זי ווידער האט זיך אינגאנצן אויפגעלייזט אין זיינע שטימונגען. האט ער געשוויגן, האט זי אויך געטאן דאס זעלבע, און האט ער פריילעך געפלאפלט, האט זי מיט אים מיטגעפלאפלט, און זיך כסדר פארגאנגען אין יונג־מיידלשן פריילעכן געלעכטער. נישט מער, בשעת ער האט אין זיין פארטראכטקייט געקוקט מיט די בליקן ארום זיך, האט זי נישט אראפגעלאזט די אויגן פון אים אליין, און בשעת ער האט צו איר פריילעך געפלאפלט, האט זי געהאלטן די אויגן צו דער גריווע פונעם פערד, אבער געזען האט זי סיי ווי נאר אים.

די זון איז שוין געווען אינגאנצן ארונטער, און בלויז א בלייכער אפגלאנץ פון איר האט, ווי א דורכזיכטיק דינער פעכער, געוויגט איבער דעם ברייטן האלב־קרייז פונעם מערב, אבער אלישבען האט זיך אויסגעדאכט, אז זי פארט איצט אריין אין א גאר נייער זון אריין.

— מיר זיינען אין דער היים — האט זי ענדלעך אויסגערופן.

טאטע־מאמע האבן באגעגנט די געסט אויף דעם שוועל פון דער וועראנדע. דער טיש איז שוין געווען גרייט. איבער די קאליריקע פעלד־בלימעלעך אין דער פלאכער קרישטאלענער וואזע, וואס איז געשטאנען אין דער מיט פונעם טיש צווישן דעם פארצעליי און גלאז האט זיך געזען אן אויפשריפט אין בלוי אויף וויס: „ברוך הבא, אדון שלום!“

אבער איידער מען האט זיך געזעצט צום טיש האט מען א ביסל זיך פארווײלט אינעם זיך־צימער, וואו עס זיינען סערווירט געווארן געטראנקען און צובייסן דורך די הענט פון אבו כאסאן.

— א אבו, מיין פריינד — האט אדון שלום זיך דערפרייט.

אַבו האָט זיך פֿאַרנייגט, און זיך צעמורמלט אין אַ טיף רירנדיקן קול, וואָס האָט אַלעמען געפּלעפֿט:

— געבענטשט זאָל זיין דיין קומען אין דעם הויז פֿון דיינע פֿריינד, און געבענטשט זאָל זיין אַללאַ פֿאַר געבן מיר די זכיה אייך אַלעמען צו באַדינען.

אַז מען איז געקומען צו זיך פֿון אַבו כאַסאַנס איינדרוקספֿולן צערע־מאָניאַל, האָט דבורה זיך צעשמייכלט און דערציילט אַדון שלומען:

— פּלוצלונג, איך גיב אַ קוק אַבו איז דאָ!

— און אַז ער האָט זיך שוין יאָ באַוויזן, איז ער טאַקע געקומען אין צייט אַרויסצוהעלפֿן פֿאַטמאַן — האָט מנשה אַרויסגעהאָלפֿן דבורהס דערקלערונג.

— אָ, אַבו איז אַן אַלטער פֿריינד — האָט אַדון שלום באַמערקט און אויפֿהויבנדיק זיין גלעזל, האָט ער ווי צו אַלעמען שוין אויך געטרונקען צו אַבון.

שפּעטער איז מען אַריבער אין דעם עס־צימער און זיך געזעצט אַרום טיש.

ביים עסן האָבן באַדינט אי אַבו און אי פֿאַטמאַ. זיי האָבן זיך אַזוי ווי איינגעטיילט מיט דער באַדינונג. אַבו האָט סערווירט די שפּייזן, און פֿאַטמאַ האָט צוגענומען די אויסגעליידיקטע כלים.

דער שמועס איז ביים אָנהויב געווען אַ גרינגער און אַן אַלגע־מיינער. מען האָט גערעדט וועגן דער ענדערונג, וואָס איז פֿאַרגעקומען אין לאַנד און באַזונדער טאַקע אין אשל־יהודה.

— איר האָט באַמערקט די גערטנער און פּלאַנטאַציעס? — האָט מנשה געפֿרעגט ביי אַדון שלומען.

— עס איז אַ פֿרייד צו קוקן אויף די שיינע הייזער מיט דעם גרינס אַרום זיי — האָט אַדון שלום אויפֿריכטיק געזאָגט.

— און דאָס אַלץ האָט מען באַוויזן אונטערן טערק — האָט מנשה אויסגערופֿן. אַ טרונק טוענדיק פֿון דעם ווייִנגלאָז האָט ער אויסגעדריקט די האָפֿענונג, אַז פֿון איצט אָן און ווייטער וועט די אויפֿבוי־אַרבעט אַוועק־גייִן מיט גאָר אַן אַנדער מין גאַנג.

— איצט אונטער דעם אייראָפּעאישן און פֿרייען ענגלאַנד! — האָט ער אויסגערופֿן מיט באַגייסטערונג:

— דאָס איראַפּעאישע, פֿרייע ענגלאַנד! — האָט זיך אַ גליטש געטאָן, ווי אַ שטיין פֿון אַ באַרג אַרונטער דורכן מויל פֿון אַדון שלומען.

מנשה האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פֿאַרוואונדערונג און געפֿרעגט מער מיטן בליק, ווי מיטן מויל, וואָס אַדון שלום האָט געמיינט מיט זיין אויסדרוק.

אַדון שלום האָט אָפּגעווישט מיט דער סאַלפֿעטקע זיינע ליפּן, און עס איז געווען, ווי ער וואָלט מיט דער סאַלפֿעטקע געזוכט אָפּצעווישן נישט נאָר די ליפּן, נאָר אויך די שטרענגקייט פֿונעם קול, וואָס עס האָט זיך ערשט נאָר וואָס דורך זיי אַ יאָג געטאָן.

אָפּנים, אַז ער האָט אויך אויפֿגעכאַפּט דעם אומרו פֿון דבורהס בליקן, וואָס האָבן זיך אָנגעשטעלט אויף אים איבער זיין שטרענגן קול, און איצט איז דאָס זעלבע קול שוין געוואָרן אַ ביסל צו מילד.

— ענגלאַנד איז טאָקע אַן איראָפּעאישע, גרויסע, פֿרייע דעמאָקראַטיע. אָבער באַטראַכטן די באַלפֿור־דעקלאַראַציע ווי דעם שופֿר של משיח דאַרף מען נישט.

— ניין, מען דאַרף נישט — האָט ער איבערגעחזרט.

ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער מיט אַ סך ווייכקייט. אַזאַ ווייכקייט, אַז די ווערטער האָבן געקלונגען, ווי אַ געבעט און נישט ווי אַ מיינונג. אָפּזאָגנדיק זיי האָט ער אויפֿגעהויבן זיין ווײַן־גלאָז און געוואונטשן:

— לאָמיר טרינקען צו משיחן, וואָס וועט קומען פֿון די רייען אין אונדזער יידישן פֿאָלק גופֿא.

כדי אָוועקצופֿירן דעם שמועס אין אַן אַנדער ריכטונג האָט אַדון שלום אָנגעהויבן צו לויבן די מאכלים און די וויינען, און דערביי באַטאָנט, אַז עס איז נישט אַזוי דערפֿאַר, ווייל אין דער אַרמיי איז דאָס עסן געווייןלעך אַ מאַנאָטאָנס, נאָר אַפֿילו אין זיין ציווילן לעבן אין די אַלע לענדער, וואו ער האָט געלעבט, האָט ער אַזאַ עוף נישט געגעסן, אַזאַ יויך נישט באַטעמט, און וואָס שייך דעם ווײַן:

— ווי רופֿט איר אָט דעם רויטן, אַדון מנשה?

— אַליקאַנט — האָט מנשה אים דערקלערט, און אַ נעם טוענדיק אין די הענט אַריין אַ פֿלאַש העלערן ווײַן, האָט ער אויפֿגעעפֿנט, זאָגנדיק:

— איר וועט פֿאַרזוכן דעם מאָסקאַט, וועלן מיר הערן, וואָס איר האָט אַזוינס צו זאָגן וועגן אים.

איצט איז דער שמועס געווען אַ לעבעדיקער וועגן די פֿאַרשיידענע מינים ווײַנען, וואָס זײַנען דאָ אויף דער גרויסער וועלט, וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן זיי לגבי דעם ארץ־ישראלדיקן.

— נעמט, צום בײַשפּיל, דעם שאַמפּאַניער! די וועלט באַטראַכט שאַמפּאַניער, ווי עפּעס אַזוינס! — האָט מנשה זיך צעקאָכט, און דערבײַ פֿאַרזיכערט, אַז די גאַנצע מעשה מיטן שאַמפּאַניער איז בלויז אַן אײַנרעדעניש.

— פֿאַר מיר איז ער, ווי זויערע סאָדע־וואַסער.

לויט דעם רייד־געררויש אַרום טיש האָט מען געקענט מיינען, אַז אַלע נעמען אין אים אַן אָנטייל, אָבער אין דער אמתן האָבן גערעדט נישט מער ווי מנשה און אַדון שלום. דבורה האָט נאָר פֿון צײַט צו צײַט אַרײַנגעוואָרפֿן אַ וואָרט און נישט מער, בשעת אַלישבע איז געזעסן בײַם טיש די גאַנצע צײַט, און כּמעט ווי קיין וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט פֿון מויל.

אַדון מנשה פּוכאַנין האָט גערעדט פֿיל מער, ווי אַדון שלום, און גערעדט האָט ער מיט אַפּעטיט און מיט הנאה. קוקנדיק אויף אים איז געווען שווער צו באַשליסן אין וואָס זײַן אַפּעטיט און זײַן הנאה זײַנען מער, צי אינעם עסן, וואָס ער האָט געגעסן, אָדער אין די רייד, וואָס ער האָט גערעדט.

פֿון צײַט צו צײַט האָט אַפֿילו דבורה אָנגעשטעלט אויף אים אירע בליקן, און עס איז געווען קאָנטיק, אַז זי איז גאָרנישט אַזוי צופֿרידן הלמאי איר מאַן רעדט אַזוי פֿיל. ליבערשט וואָלט איר געווען צו הערן שלומען צו רעדן, און צו דערציילן. עס איז געווען אַזוי פֿיל, וואָס זי האָט געוואָלט אויסגעפֿינען פֿון אים און וועגן אים. און אַפֿילו צו הערן בלויז זײַן קול וואָלט איר געווען זייער שטאַרק ניחא, אָבער אָפּשטעלן מנשהן וואָלט געווען טאַקטלאָז, האָט זי ביסלעכווײַז אָנגעהויבן צו רעזיגנירן, און זיך באַגנוגנט מיט דעם וואָס זי האָט געקאָנט קוקן אויף שלומען.

און געקוקט אויף אים האָט זי די גאַנצע צײַט. אַזוי פֿיל געקוקט, אַז די טאָכטער אַלישבע האָט שוין פֿון קיין אַנדער זאַך נישט געטראַכט בײַם עסן, ווי נאָר וועגן דער מוטערס קוקן אויף אַדון שלומען.

אַלישבע האָט אויך באַמערקט, אַז כאָטש אַדון שלום קוקט נישט אויף דער מוטער אַזוי פֿיל און אַזוי אָפֿט, ווי זי קוקט אויף אים, גיט ער איר אָבער יעדעס מאָל, ווען ער באַגעגנט איר בליק, אַזאַ רירנדיקן, ליב־

לעבן שמייכל, וואָס זאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס בלויז מענטשן פאַרליבטע אײנע אין די אַנדערע קאָנען דאָס באַנעמען.

— האָבן זיי זיך נאָך אַלץ ליב?

איצט, אַז אָט די פראַגע איז געקומען אויף איר זין, האָט זי שוין נישט מער געצווייפלט, אַז מיט יאָרן צוריק נאָך אײדער זי איז אויף דער וועלט געקומען איז געווען אַ ליבע צווישן דער מוטער און אַדון שלומען.

— פאַרוואָס זשע האָבן זיי טאַקע נישט חתונה געהאַט?

ווען אָט די פראַגע האָט זיך געשטעלט פאַר איר האָט זי זיך אַזש איבערגעשראָקן פאַר דעם געדאַנק, אַז עס האָט זיך טאַקע געקאָנט טרעפן, אַז זיי וואָלטן חתונה געהאַט, און דעמאָלט? דעמאָלט וואָלט דאָס גאַנצע לעבן דאָ אַרום געהאַט אַן אַנדער פּנים. דער פאָטער אירער וואָלט נישט געזעסן אָט דאָרטן, וואו ער זיצט און גערעדט אָט דאָס, וואָס ער רעדט. דער פאָטער וואָלט גאָר געווען אַדון שלום. דער פאָטער? וועמענס פאָטער? אירער? ניין, איר פאָטער וואָלט ער זיכער נישט געווען, וואָרעם איר פאָטער האָט דאָך נאָר געקאָנט ווערן אָט דער, וואָס איז איצט איר פאָטער, און אויב ער וואָלט נישט געווען חתונה געהאַט מיט דער מוטער, וואָלט זי גאָרנישט געווען געבוירן געוואָרן, און איצט וואָלט זי נישט געזעסן אָט דאָ ביי דעם טיש, און נישט געזען, ווי איר מוטער נעמט די בליקן נישט אַרונטער פון אים ווען זי, די טאָכטער אירע, האָט ליב.

— ליב! ליב! ליב! — האָט געהאַמערט אין איר בלוט, און זי האָט זיך אַ דערשראָקענע געפרעגט:

— בין איך טאַקע פאַרליבט אין אים?

אלישבע האָט גרינגער אָפּגעאָטעמט, ווען דאָס עסן האָט זיך גע־ענדיקט, און מען האָט זיך אויפגעהויבן פונעם טיש, כדי אַריינצוגיין אינעם זיץ־צימער, וואו מען וועט סערווירן שוואַרצע קאַווע.

אויפן וועג אינעם זיץ־צימער אַריין האָט זי פּלוצלונג דערפילט אַדון שלומס אָרעם אַרום איר טאַליע, און זיין פּנים לעבן איר אויער. זי האָט אויפגעציטערט פונעם בלויזן באַריר און ווען ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו איר האָט זי נישט־באַוואוסטזיניק זיך געטוליעט צו אים:

— וואָס אַזוי פאַרטראַכט די גאַנצע צייט? — האָט ער צערטלעך געפרעגט. און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער וואויל־יונגעריש איר אַ וויכן שנאַלעכל געטאָן איבערן נעזל, און געפרעגט:

— האָט ער די ווערט דיין פֿאַרטראַכטקייט ?

— ער ? — האָט זי איבערגעפֿרעגט, קוקנדיק אויף אים מיט ברייט צעעפֿנטע בליקן, ווי ביי אַ יונגער איבערגעשראָקענער ציג.

— וועגן וואָס דען אַזאַ פֿאַרטראַכטקייט ביי אַ יונגער, שיינער מיידל ?

— האָט ער ווייטער זיך וואויל־יונגעריש גערייצט מיט איר.

אַלישבע איז דערגאַך געוועזן צופֿרידן, וואָס פּונקט אין אָט דעם מאָמענט האָט זיך דערנעענטערט די מוטער און דערמיט אויסגעמיטן אָט דאָס, וואָס עס איז געוועזן אויפֿן צונג אים צו זאָגן.

— נו טאָקע, ווי נעמט דאָס אַ מיידל און וואַרפֿט זיך אָן מיט איר ליבע אויף אַ מאַן, נישט וויסנדיק צי ער האָט זי אויך ליב.

אָט אַזוי האָט זי זיך שפּעטער אויסגערעדט, און דערביי זיך געפּרו־בירט פֿאָרשטעלן, וואָס פֿאַר אַ פּנים ער וואָלט געמאַכט צו איר, ווען זי נעמט אָט אַזוי מיר נישט, דיר נישט, און טוט אים אַ זאָג, אַז דער „ער" וועמען ער האָט דערמאָנט איז טאָקע ער אַליין.

— איך האָב אייך ליב, אדון שלום !

— ניין, ניין, נישט „אַדון שלום", נאָר פּשוט „שלום", און טאָקע אָן דער אירצעניש, נאָר מיט דעם פֿאַמיליאַרן „דו".

— איך האָב דיך ליב, שלום !

— ניין, ניין, אַפֿילו דאָס וואָלט אויך נישט געווירקט, און נישט אַרויסגעבראַכט דעם סאַמע תּוך, וואָס זי וואָלט געמיינט, וואָרעם נישט נאָר מיטן „אירצעניש", און מיטן „אַדון", נאָר אַפֿילו מיטן „דו", און אָן דעם „אַדון" וואָלט ער דאָס אַנגענומען פֿון ליבשאַפֿט ביי אַ נישט־דער־וואַקסענער צו אַן עלטערן מאַן, וואָס איז אין דעם מאָמענט גראָד אַ העלד, און ער וואָלט אַנשטאָט איבערראַשונג, זי צוגעדריקט צום האַרצן אָט אַזוי, ווי עס טוט אַמאָל אַ ליבער פֿעטער אַ דריק צו אַ יונג מיידל פֿון דער משפּחה צום האַרצן.

— איז, הייסט עס, אַז עס וואָלט גאַרנישט געווען קיין אומגליק, ווען איך נעם און טו אים אַ זאָג אַזוינס ?

— אָבער, וואָס וואָלט איך דערמיט געווען דערגרייכט ? — האָט זי זיך געפֿרעגט, און וואָס מער זי האָט געטראַכט דערפֿון, אַלץ מער איז זי צופֿרידן געווען, וואָס די מוטער איז אָנגעקומען אין דעם ריכ־טיקן מאָמענט און אויסגעמיטן דאָס זאָגעניש, וואָס זי האָט שיעור נישט

אַרויסגעזאָגט. וואָרעם ביי איר איז אויסגעקומען, אַז ווען זי זאָגט יאָ אָט דאָס וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן, וואָלט זי זיך גאָר קאַליע געמאַכט.

— ער וואָלט דאָך דעמאָלט באמת געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ קינד, און נישט מער.

— אַ קינד? און אפשר בין איך טאַקע אַ קינד? וואָרעם איינס און צוויי און איך בין פאַרליבט.

אָט די אַלע טראַכטענישן האָט אַלישבע געטראַכט, ווען זי איז געזעסן אין דער ווייכער שטול אינעם זיץ־צימער, און מיט אַ זייטיקן בליק זיך צוגעקוקט, ווי איר מוטער זיצט מיט אַדון שלומען אויף דער סאָפּקע קעגנאיבער און שמועסט.

דער פאָטער, וואָס איז שוין לאַנג פאַרטיק געוואָרן מיט זיין טעפּעלע שוואַרצע קאַווע, האָט אַ פאַרטראַכטער געשפּאַנט פאַר דער אָפענער טיר, וואָס האָט געפירט צו דער ווערענדע. צי ער איז טאַקע געווען פאַרטראַגן אין אייגענע מחשבות, אָדער ער האָט דאָס געטאָן בכיוון, כּדי צו געבן אַ געלעגנהייט דער מוטער צו פאַרברענגען אַביסל אין דער נאָענטקייט פון איר אַלטן פריינד, האָט אַלישבע נישט געקאָנט באַשטימען ביי זיך. אָבער סיי־ווי איז איר מוטער מיט אַדון שלומען ביי איר זייט נישט געווען קיין היגע, און אַזוי אויך ער. די נישט דערטרונקענע טעפּלעך קאַווע האָבן געררוט אין זייערע הענט, ווי פאַרגעסענע, און אַלישבע האָט געקאָנט שווערן, אַז זיי האָבן מער געקוקט איינס אויפן אַנדערן מיט די אויגן, ווי זיי האָבן גערעדט.

דאָס ליכט פון די צוויי קליינע אַבאַזשורטע לאָמפּן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די ווינקל־טישלעך, האָט געשפּרייט אַ בורשטינענע שיין, און די צוויי מענטשן אויף דער סאָפּע האָבן אָנגעהויבן אויסקוקן אין אַלישבעס אויגן, ווי צוויי שטיקער צעגליטער און צעמיניעטער בורשטין.

פּלוצלונג האָט אַלישבע דערפילט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זי זייער שטאַרק איבערגעשראָקן.

עס איז געווען אַ טיפער, פיינלעכער ווייטיק, וואָס אַזוינס האָט זי נאָך קיינמאָל פריער נישט געפילט, און עס איז נישט געווען אַזוי דער ווייטיק, וואָס האָט זי געפייניקט, ווי דער פּלוצלונגדיקער באַוואוסטזיין, אַז דער ווייטיק האָט אַ שייכות מיט איר מוטער.

— וואָס האָט זי אים אוזורפּירט? — האָט זי געפֿרעגט מיט טיפֿן פֿאַרדרוס. און נאָך מער האָט זי זיך דערפֿילט פֿאַרדראָסיק הלמאַי דער מוטער פֿאַלט גאָרנישט איין, אַז זי קאָן אָט אַזוי נישט זיצן מיט אים, ווען זי, איר טאָכטער, זיצט דאָ קעגנאיבער.

— עקזיסטיר איך גאָרניט פֿאַר איר?

זי האָט געהאַט אַ שטאַרקן באַגער זיך אויפֿצוהויבן, און זיך שטי־לערהייט אַרויסשאַרן אין איר אייגענעם צימער אַריין, אָדער גאָר אויף דער וועראַנדע, און פֿאַרפֿירן אַ שמועס מיט איר פֿאָטער, וועלכער האָט געפֿילט מסתּמא דאָס זעלבע, ווי זי האָט געפֿילט. וואָלט זי געווען זיכער, אַז איר אַרויסשאַרן זיך וועט פֿון קיינעם נישט באַמערקט ווערן, וואָלט זי דאָס געווען געטאָן, אָבער זי האָט מורא געהאַט, אַז מיט איר אויפֿ־הויבן זיך פֿונעם שטול, וועלן זיי זיך אויפֿוועקן, און דעמאָלט וועט געשען עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט אפֿשר גאָר זיי ביידן פֿאַרשעמט, און דאָס האָט זי בשום אופֿן נישט געקאָנט ביי זיך באַשטימען.

גערעטעוועט די לאַגע האָט פֿאָטמאַ. זי איז אַריינגעקומען פֿון קיך און אַ פֿרעג געטאָן, צי מען וויל נאָך קאַווע. די מוטער האָט זיך ענדלעך אויפֿגעכאַפּט, און איבערגעגעבן איר נישט דערטרונקען טעפּעלע, אַדון שלום האָט געטאָן דאָס זעלבע, און אויפֿהויבנדיק זיך צוגעגאַנגען צו אַלישבען:

— נאָך אַלץ פֿאַרטראַכט, האַ?

ער האָט געפֿרעגט די פֿראַגע, און נישט וואַרטנדיק אויף אַלישבעס ענטפֿער, האָט ער זיך געווענדט צו דבורהן:

— אַ פֿאַרטראַכטע טאָכטער ביי דיר.

און עס איז געווען ערשט דעמאָלט, ווען דבורה איז באַוואוסטזיניק געוואָרן, אַז איר טאָכטער געפֿינט זיך אין צימער. זי האָט אַרומגענומען אַלישבען, און קוקנדיק אויף אַדון שלומען געזאָגט אין אַ רירנדיקן טאָן:

— מיין אָפּגעשפּאָרט פֿאַרמעגן פֿאַר די יאָרן, די ווידערגעבורט פֿון מיין פֿאַרגאַנגענער יוגנט, מיין...

זי האָט אויסגעדרייט איר פּנים צו דער טאָכטער, אַ צי געטאָן איר האַלדז צו זיך און געפֿרעגט:

— וואָס אַזוינס ביסטו דען נישט פֿאַר מיר, מיין טאָכטער?

אַלישבע האָט צוגעדריקט איר פּנים צו דער מאַמעס האַרצן, און געפּילט, ווי זיך צעוויינען אויפֿן קול.

עס איז אַריינגעקומען דער פֿאָטער פֿון דער וועראַנדע, און דער שמועס איז איצט געוואָרן אַרום אַלישבען.

— געענדיקט די גימנאַזיע אין תּל־אָביב, און איצט וואָס? — האָט דער פֿאָטער אַרויסגעלאָזט אַ באַמערקונג.

— זאָל נאָר זיך איינשטעלן די וועלט, וועל איך מיט דער טאָכטער גאָר מאַכן אַ שטיקל רייזע — האָט דבורה געזאָגט, און ווענדנדיק זיך צו אַלישבען האָט זיך ביי איר געפֿרעגט:

— לאָנדאָן? פּאַריז? צי גאָר אין דער שווייץ, האַ?

מנשה האָט אַ קוק געטאָן אויף אַדון שלומען, וועלכער איז איצט געשטאַנען אַ פֿאַרטראַכטער און געזאָגט:

— די צוויי דאַמען מיינע זיינען בפּירוש באַרעכטיקט צו אַ רייזע — זיי האָבן דאָך גאָרנישט געזען נאָך די ברייטע וועלט.

— די ברייטע וועלט?

אַדון שלום האָט אַרויסגערעדט אָט די ווערטער מיט אַ פֿאַרטראַכטן פֿרעג־צייכן, און גלייך נאָכדעם זיך צעשפּאַנט איבערן צימער, רעדנדיק מער צו זיך, ווי צו די אַרומיקע:

— די ברייטע וועלט איז גאָרנישט אַזוי ברייט, ווי מען שטעלט זיך פֿאָר. זי איז אין דער אמתן נישט מער, ווי אַ בייטעניש פֿון האָריזאָנטן, און דער האָריזאָנט איז אומעטום אויף אַ באַשטימטן שטח.

— אָבער דאָס איבערבייטעניש איז פֿאַר זיך אַליין אַן ענין — האָט מנשה געפּרובירט אַ פֿילאָזאָפֿיר טאָן.

— יאָ — האָט אַדון שלום מסכּים געווען, און קוקנדיק פֿאַר זיך אַ פֿאַרטראַכטער, ווי ער וואָלט דעמאָלט געזען פֿאַר זיך די ברייטע וועלט, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט פֿאַר די יאָרן זינט ער האָט איבערגעלאָזט אשל־יהודה, האָט ער שטיל גערעדט:

— די איבערבייטענישן זיינען אויף אַזוי פֿיל אַן ענין אויף וויפֿיל זיי מאַכן אין דיר טייערער און נאָענטער דעם איינאונאיינציקן האָריזאָנט, וואָס איז אין דער אמתן דיינער.

האָבן די אַרומיקע באַנומען, וואָס אַדון שלום האָט געמיינט צו זאָגן מיט זיינע ווערטער?

עס קאָן זײַן, אַז יאָ, וואָרעם עס איז אַדײַנגעטראָטן אַ שטילקייט, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט פֿאַנאַנדערברעכן אַ לענגערע צײַט. מנשה פּוכאַנין איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויפֿן אָנשפּאַר פֿון אַ שטול, און ווײַך געגלעט דאָס בערדל. דבורה איז געזעסן לעבן דער טאָכטער, און שטום אַרויפֿגעשאַרט אַ לאָק, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט איבער איר אויער, און אַלישבע האָט זיך אַלץ געטוליעט צו דער מאַמען און זיך באַמיט נישט צו וויינען.

די שטילקייט איז ערשט דעמאָלט פֿאַנאַנדערגעבראָכן געוואָרן, ווען אַדון שלום האָט דערמאָנט, אַז עס איז צײַט פֿאַר אים אָפּצופֿאָרן אין לאַגער אַרײַן.

— מאָרגן אינדערפֿרי האָב איך אַ וויכטיקע זיצונג אין שטאַב — האָט ער געזאָגט, ווי דערמיט זיך צו פֿאַרענטפֿערן הלמאַי ער אײַלט זיך.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער זײַנען אַלע געשטאַנען אויף דער וועראַנדע און געקוקט, ווי אַבו כּאַסאַן האַלט אָנגעגרייט דאָס פֿערד פֿאַר אַדון שלומען.

מען האָט זיך געזעגנט מיט ווייניק ווערטער. אַדון שלום האָט גע־דאַנקט פֿאַר דעם וואונדערלעכן אָוונט, און דבורה האָט אַביסל לענגער פֿאַרהאַלטן איר האַנט אין זײַנער. אַלישבען האָט ער אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן אויפֿן קאָפּ; דער אײַנציקער, וואָס האָט יאָ באַנוצט ווער־טער און זיי איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, איז געווען מנשה:

— איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן, אַז אונדזער היים איז אײַערע — האָט מנשה געזאָגט ווידעראַמאָל, און אָבעראַמאָל, דריקנדיק שטאַרק די גרויסע, וואַרעמע האַנט פֿון אַדון שלומען.

עס איז געווען אַ טונקעלע נאַכט אָן אַ לבֿנה, ווען אַדון שלום האָט אָפּגעריטן פֿון דעם פּוכאַנין־הויז אין דער באַגלייטונג פֿון אַבו כּאַסאַנען, וועלכער האָט נאָכגעריטן אויף זײַן ווייסלעכן פֿערד.

פֿערשטערס באַלקאָן

דאָס הויז פֿון דער פֿערשטער משפּחה איז געווען איינס פֿון די ערשטע אין תּל־אָביב, און כאָטש עס איז פֿאַר די אַלע יאָרן נישט איבערגעבויט געוואָרן, האָט דאָס אויסגעזען לגבי די הייזער אַרום, דאָס אַנגעזעענסטע. קוקנדיק אויף דעם פֿון דרויסן האָט דאָס געגעבן דעם איינדרוק פֿון אַ גוט־איינגעוואָרצלטער יוסטער באַלעבאָסטע, וואָס כאָטש זי איז נישט אַזוי אויסגעפּוצט, ווי אירע שנורן און טעכטער, איז זי דאָך די, וואָס האַלט די שליסל צו אַלע שאַפֿעס פֿון וועלכע די שנורן און די טעכטער ציען זייער שפּייז.

עס איז געווען אַ מאַסיוו, צוויי־גאָרנדיק הויז, געבויט פֿון גרויסע און קליינע שטיינער שטאַרק צעגויפֿגעפּרעסט פֿון צעמענט. שוין ביים ערשטן אויגנבליק אויף אָט דעם הויז האָט מען געזען אויף קלאָר, אַז די, וואָס האָבן דאָס געבויט, זיינען מענטשן מיט פֿעסטן בטחון אין זיך, און מענטשן, וואָס האָבן פֿעסט באַשלאָסן, אַז דאָ איז זייער היים, און אַז קיין שום שטורעם וועט זיי פֿון דאַנען נישט אָוועקשאַרן.

דאָס האָט זיך געזען נישט נאָר אינעם פֿונדאַמענט, אין די ווענט, נאָר אויך אין דעם אַרומגעצוימטן גאָרטן אַרום דער הויז. דער צוים איז געווען מיט אייזערנע שטאַכעטן אויף אַ פֿונדאַמענט פֿון בעטאָן, וועלכער איז זיך צונויפֿגעקומען פֿוןביידע זייטן צום פֿאָדערשטן אַריינגאַנג און זיך געשלאָסן אַרום דעם אייזערנעם טויער, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער די אַרומיקע שטאַכעטן אין דער פֿאָרם פֿון אַ טורעם אין דער הויך.

דער טורעמדיקער טויער האָט געהאַט אַן עפֿענונג אין דער מיט פֿון זיין גאַנצער הויך, אָבער קיינער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ווען אָט דער טויער האָט זיך אַמאָל צעעפֿנט אין דער גאַנצער הויך. אויף אַריינגיין און אַרויסגיין האָט דער זעלבער טויער געהאַט אין דער נידער פֿון זיך אַ שמאָלע טיר, וואָס האָט זיך געעפֿנט, ווי פֿון אַ בויך אַרויס.

אין תּל־אָביב פֿלעגן זיך מענטשן אַמאָל וויצלען וועגן אָט דעם מאַסיוון, אייזערנעם פֿערשטער טויער.

— איר ווייסט, ווען אָט דער טויער וועט זיך פֿאַנאַנדערפּראַלן?

— נו יאָ, אוודאי, ווען משיח וועט קומען, ווער זשע ווייסט דאָס נישט?

אָבער אָט די וויצלדיקייט איז דאָך נישט געווען קיין בייזווויליקע. אדרבא, דאָס הויז איז געווען ווי אָ מוסטער, און אויב מען האָט אַפילו נישט געבויט די שפּעטערדיקע אָט אַזוי מאַסיוו, האָט מען דאָך געקוקט אויף דעם, ווי אויף אָ מוסטער פון יוסטער באַלעבאַטישקייט, וואָס גיט דעם איינדרוק פון איינגעוואָרצלטקייט.

אָן אָנגעזעענער טייל פון אָט דעם הויז איז געווען דער ברייטער באַלקאָן ביים אויבערשטן שטאָק אויף וועלכן מען פלעגט נישט איין מאָל אַרויפקוקן. ספּעציעל פלעגט מען אַרויפקוקן אויף אים אין אָן אָוונט, ווען ער איז געווען באַלויכטן, און די משפחה פּערשטער האָט זיך געזעצן זיצן אַרום אָ טיש איבער וועלכן עס האָט געשעמערירט אָ בייכיקער, היימישער, מעשענער סאַמאָוואַר.

אויך אָט דאָס טרינקען טיי אָוונט־צייט אויפן באַלקאָן האָט געשלאָגן פון זיך מיט איינגעזעסנקייט, וואָס האָט אַרויסגערופן וואַרעמקייט ביי די דורכגייענדיקע אַרויפקוקער.

— די משפחה פּערשטער — פלעגט מען אָ זאָג טאָן איינער צום אַנדערן, און מיט אָט דעם זאָג האָט מען געמיינט צו באַטאָנען.

— אָ קלייניקייט, עס איז דאָך די אַלט־געזעסענע, חשובע משפחה פּערשטער!

אָבער אָט דער באַלקאָן איז געווען נישט נאָר אַרויפצוקוקן, נאָר אויך צו קוקן אַרונטער און אויף דעם אַרום.

פאַרשטייט זיך, אַז אַרונטערגעקוקט און אַרומגעקוקט האָט פון אים הויפּטזאַכלעך די משפּחה פּערשטער, וואָס האָט געבויט דאָס הויז און אין דעם געוואוינט שוין היפשע יאָרן.

פון אָט דעם באַלקאָן אַרונטער האָבן טאַטע־מאַמע פּערשטער נאָכגעפאָלגט דורך יאָרן דעם וואוקס פון תל־אביב. זיי געדענקען נאָך די צייט, ווען דאָס סאַמע וויכטיקסטע אויף וואָס זיי האָבן געהאַט צו קוקן איז געווען בלויז דער ים, וואָס האָט זיך געשלאָגן לינקס צו דער אַלטער, לאַבירינטישער שטאָט יפו, און רעכטס צו אָ ברייטן זאַמדיקן שטח. ווען טאַטע־מאַמע פּערשטער האָבן געקוקט איבער דעם ברייטן, זאַמדיקן שטח צום ים צו, זיינען זיי נאָך געווען אָ יונג פּאָר־פאָלק, דאָס איינציקע וויכ־

טיקע הויז, וואָס זיי איז אויסגעקומען אַריבערצוקוקן איז געווען די ווייסע גימנאַזיע־געביידע, וואו ער, דער יונגער אליהו פֿערשטער, איז געווען אַ לערער. די איבעריקע קלענערע געביידעס, וואָס זיינען געלעגן צע־עפּנט דאָ און דאָרטן, האָבן גיכער אויסגעקוקט ווי סוכות, וואָס זיינען אויפֿגעשטעלט געוואָרן אויף דערווייל. טאַטע־מאַמע פֿערשטער געדענ־קען נאָך די צייט, ווען זיי זיינען געשטאַנען אַרומגענומען אויף אַט דעם באַלקאָן און געזען פֿאַר די אויגן דעם נביא יונהן וועמען דער גרויסער פֿיש האָט אויף גאָטס באַפֿעל אויסגעשפּיגן פֿונעם שטורעמדיקן ים אַרויס אויף אַט דעם זאַמדיקן שטח. זיי האָבן געזען דעם נאַסן, אויס־געמאַטערטן יונהן קניען אויפֿן זאַמד אין תּפֿילה פֿאַר דעם חסד צו גאָט ברוך־הוא, און דערנאָך פֿאַרנעמען זיינע באָרוועסע פֿיס אויפֿן וועג קיין נינוה, כּדי צו שטראָפֿן די דאָרטיקע איינוואוינער פֿאַר אָפּוועגדן פֿון גאָטס דרכים. די שטאָט נינוה איז אין יענער צייט געווען פֿאַר דעם יונגן פֿאַר־פֿאַלק דער יידישער גלות אויף דער גאַנצער, קיילעכדיקער ערד, און דער נביא יונה איז פֿאַר זיי דעמאָלט געווען ד״ר טעאָדאָר הערצל מיט זיין רוף צו יעדן יידישן האַרץ זיך אומצוקערן אַהער און באַלעבן אַט דעם זאַמדיקן שטח.

דער ברייטער, זאַמדיקער שטח איז נאָך איצט אויך דאָ. טאַטע־מאַמע פֿערשטער זיינען היפּש עלטער געוואָרן. איצט קוקן זיי שוין צוזאַמען מיט זייערע דערוואַקסענע צוויי קינדער פֿון אַט דעם באַלקאָן אַרונטער, און כאָטש די געביידעס אַרום זיינען שוין ניט מער קיין סוכות, נאָר טאַקע געביידעס מיט גרינס אַרום זיי, און היפּש געדיכטער זיינען זיי איצט, איז אָבער דער זאַמדיקער שטח צווישן דעם באַלקאָן פֿונעם הויז און דעם ים נאָך אַלץ גענוג ברייט.

— עס קוקט אויס, אַז יונה הנביאס קול האָט נאָך אַלץ ניט דער־גרייכט צו די איינוואוינער פֿון נינוה, — זאָגט ניט איין מאָל אדון אליהו פֿערשטער צו זיין משפּחה.

— יאָ, — שאָקלט די גברת איר קאָפּ אין הסכּמה מיט איר מאַן.

איצט, זינט די ענגלענדער האָבן פֿאַרנומען דאָס לאַנד פֿון דעם טערק, און מיטן לאַנד אויך תּל אָביב, איז אוודאי לעבעדיקער אַרום דעם באַלקאָן, און אויך אויפֿן באַלקאָן אַליין איז אַ סך היימלעכער.

קיין נייע הייזער ווערן נאָך ניט געבויט, אָבער מען רעמאָנטירט צוביסלעך די אַלטע. שוין לאַנג, אַז מען האָט נישט געזען, ווי מען זעט איצט, די פּרויען זיצן מיט די פּלייצעס צום דרויסן איבער די פּענצטער און ווישן מיט שמאַטקעלעך די שויבן. ווער עס קאָן נאָר קריגן אַביסל פאַרב פרישט אָפּ דאָס האָלץ פון די שטיבער אינעם דרויסן, באַשניידט די צווייגעלעך פון די בוימעלעך אין די גערטנדלעך, אויך די געסלעך ווערן אָפּטער אויסגעקערט און געהאַלטן ריינער, ווי פריער. אָפּגערעדט פון דער באַוועגונג, וואָס איז איצט אַ סך לעבעדיקער.

עס איז נאָך דער מלחמה, און מענטשן הויבן אָן צו זיך צו קומען ביסלעכווייז.

טאַטע־מאַמע פּערשטער האָבן ליב איצט צו זיצן אויפן באַלקאָן און נאָכקוקן די טריט פון יידישע יונגע־לייט אין זייערע לעגיאָנערן־אוני־פאָרמס, וואָס שפּאַנען יוגנטלעך און ריטמיש איבער די געסלעך. די זון שפּיגלט זיך איבער די אָפּגעשייערטע מעשענע קנעפּלעך אויף זייערע טוניקס, אָבער עס זענען נישט אַזוי די מעשענע קנעפּלעך, ווי די קאַלירנדיקע מגן־דודס אויף זייערע אַרבל און די מנורות, וואָס אַנדערע טראָגן אויף זייערע היטלען.

— שלעכט איז נאָר מיט זייער זשאַרגאָן אין די מיילער, — טוט פון צייט צו צייט אַ קרעכץ אליהו פּערשטער.

חנה פּערשטער שאָקלט מיטן קאָפּ פון געוואוינהייט מסכים צו צו זיין מיט אַלץ, וואָס איר מאַן זאָגט, אָבער זי טרייסט אים:

— אַז זיי וועלן דאָ בלייבן להשתקע וועלן זיי זיך אויסלערנען העברעאיש.

— זיך אויסלערנען? — איז אליהו פּערשטער מסופק.

איבער דער בענקשאַפט, אַז נייע הייזער זאָלן זיך וואָס גיכער אָנהויבן צו בויען אין דער אַרומיקייט, איז מען איצט מער באַוואוסטזיניק אויף, די וואָס שטייען שוין פון פריער. מען זיצט און מען ציילט פונעם באַלקאָן אַרונטער די הייזער איבער יעדן געסל, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט פאַר די בליקן. און נישט נאָר מען ציילט זיי, נאָר מען רעדט אַרום יעדן הויז באַזונדער.

— אין ש. בן־ציונס הויז, אַט דאָרט מיטן בלויען דאַך, האָט זשאַ־באָטינסקי פאַרנומען דעם גאָרן, — זאָגט מאַמע פערשטער.

— אַט איז אַ מענטש מיט כאַראַקטער! — לויבט טאַטע פערשטער זשאַבאָטינסקין און לייגט צו מיט צופרידנקייט.

— נאָך איז קיין שלום נישט אונטערגעשריבן געוואָרן, און שוין האָט ער באַוויזן צו ברענגען אַהער די פרוי מיטן קינד.

— זעט אויס, אַ פיינע, זייער אַ פיינע פרוי, — באַמערקט מאַמע פערשטער.

טאַטע פערשטער לאָזט העגגען זיינע בליקן אויף די צוויי שכנישע גאַסן, איבער וועלכע עס הענגען די שילדלעך מיט די נעמען „אחד־העם" און „ביאַליק", און גלעטנדיק די באָרד צעקרעכצט ער זיך:

— שוין לאַנג צייט געווען, אַז נישט נאָר זייערע נעמען זאָלן דאָ זיין אויף גאַסן, נאָר אַז זיי אַליין זאָלן זיך דאָ געפינען.

ווידער שאָקלט מאַמע פערשטער איר קאָפּ אין הסכם, און מאַכט אויפמערקזאַם איר מאַן אויף אַן אַנדער זאַך:

— אַט איז י. ח. ברענער, אַ טיפערער שרייבער פון ש. בן־ציונען, אָבער געשמאַק האָט ש. בן־ציון אַ סך מער.

— דהיינו? — פרעגט טאַטע פערשטער.

זי ווייזט אים אָן מיט אַ פינגער אין דער ריכטונג אויף רעכטס, וואו עס שטייט אַ פשוט, איינשטאָקיק הויז אינעם סטיל פון אַ כאַטע אין דער אוקראַינע, און זי זאָגט מיט פאַרקרימטקייט אויף איר פנים:

— זע אַ הויז!

אַט אַזוי זאָגט זי, און זי פירט מיטן זעלבן פינגער אויף לינקס צו, וואו עס שטייט דאָס שיינע צוויי־גאָרנדיקע הויז פון ש. בן־ציונען:

— זע, סאַראַ חילוק.

איצט שאָקלט ער שוין דעם קאָפּ אין היסכם מיט איר, אָבער ביי־דע פאַרקרימען זייערע פנימער, ווען זייערע בליקן שלאָגן זיך אָן אויף דער נישט־פאַרענדיקטער געביידע פונעם מעטשעט, וואָס האָט זיך אַריינ־גערוקט, ווי אַ פרעמדער נישט געבעטענער גאַסט צווישן תל־אביב און נוה־שלום.

— ווען מען קאָן אָט דאָס אַרונטערשליידערן! — דריקט אויס מאַ־מע פערשטער איר פאַרלאַנג מיט אַ זיפץ.

— און איך האָב מורא, אַז ערשט איצט וועט מען אַט דאָס שטיק פרעמדקייט ווײַטער בויען, — מורמלט ער און גלעט דערבײַ די באָרד אין טיפן צער.

אָבער נישט שטענדיק קומט לעצטנס אויס טאַטע־מאַמע צו זיצן אויפן באַלקאָן. זינט דאָס פּאַרקנסן פון דער טאָכטער צו דעם קאַפּיטאַן לאָרד איזראַעלסאָן איז דער באַלקאָן זייערער אָפט פאַרנומען מיט דעם יונגן פּאָרל.

יעדעס מאָל, ווען ער איז באַפרייט פון זײַנע מיליטערישע פליכטן קומט ער אַריבער אין הויז אַרײַן, און גלײַך נאָכן עסן איז דער באַלקאָן דאָס באַליבטסטע ווינקל, וואו ער פאַרברענגט מיט מרימען.

און וואו דען אַנדערש, אויב נישט אויפן באַלקאָן?

דאָס פערשטער הויז איז טאַקע אין תל־אביב פון די גרעסטע און באַקוועמסטע, אָבער ווען עס קומט אַזאַ, ווי ער, דער לאָרד, וואָס האָט אין ענגלאַנד פּאַלאַצן, דערפילט מען זיך ענג אפילו אין אַזאַ מין רחבות־דיק הויז. מרים קאָן דאָך אים נישט אַרויפנעמען צו זיך אין צימער. עס איז ערשטנס קליין און ווייניק עלעגאַנט, און צווייטנס, וואָלט דאָס צימער, וואו עס שטייט אויך אַ בעט, בפירוש ניט געווען פּאַסיק, און אַפילו געשמאַקלאָז אים אויפצונעמען דאָרטן. אינעם ביבליאָטעק־צימער קאָן מען דאָך אויך נישט. דער פאָטער מוז אָפט אַהין אַרײַנקומען. פריער וואָלט מען געקאָנט זיצן אין בצלאלס צימער, איז דאַנקען גאָט שוין אויך בצלאל דאָ אין דער היים. דאָס איינציקע איז דאָס גרויסע זיץ־צימער. דאָרטן איז דאָך אויך דאָ די פּיאַנאָ, אויף וועלכער מרים שפּילט. זיצט טאַקע אַמאָל דאָרטן דאָס פּאָרל. ספּעציעל זיצט מען, ווען זי שפּילט פאַר אים, אָבער אַליין פילן זיי זיך נישט דאָרטן, ווײַל ביים בויען האָט מען פאַרזען צו מאַכן אַ טיר, וואָס זאָל אָפּשליסן דאָס זיץ־צימער פונם עס־צימער.

איז דערפאַר געבליבן דאָס איינציקע ווינקל פאַר זיי נאָר דער באַל־קאָן אין דרויסן, אָבער בלויז פאַרן בליק איז ער דרויסן. פאַרבײַגייער קאָ־נען זיי באַמערקן, אָבער הערן וואָס זיי ריידן קאָנען זיי דאָך נישט. דער פאַקט, וואָס פאַרבייגייער באַמערקן דאָס פּאָרל אויפן באַלקאָן געפעלט דווקא די פערשטערס. און פאַרוואָס זאָל זיי דאָס נישט געפעלן? עס איז חלילה אַ בזיון צו האָבן דעם יונגן לאָרד פאַר אַ חתן פון זייער טאָכטער?

אויף אַט דעם באַלקאָן פֿאַרברענגט דאָס יונגע פּאָרל אין אויס־בעסערן איינער דעם אַנדערן די שפּראַכן, וואָס זיי ווילן קאָנען בעסער, ווי זיי קאָנען. זי בעסערט אויס זיין העברעאיש און ער בעסערט אויס איר ענגליש. אין צווישן־צייט רעדט מען אויך וועגן דער ליבשאַפֿט פֿון איינעם צום צווייטן, און מען דיסקוטירט די פּלענער פֿון זייער חתונה.

— דענקט נישט מרים, אַז מען וואָלט געקאָנט חתונה האָבן דאָ?

— אָן די עלטערן, דעם לאָרד און דער לעידי איזראַעלסאָן? — פֿרעגט זי ביי אים מיט אַ טאָן און אַ מאַניר פֿון אַ גוט־דערצויגענער באַ־לעבאַטישער טאָכטער.

— זיי זיינען דאָך נישט מסכים.

קאַפּיטאַן איזראַעלסאָן פֿאַרריכט דעם מאָנאָקל אויפֿן לינקן אויג, און צעקרעכצט זיך מיט פֿאַרליבטקייט אין קול:

— ווען מען שרייבט שוין אונטער דעם שלום!

— נו, יאָ, אוודאי, ווען מען שרייבט שוין ענדלעך אונטער דעם שלום, — איז מרים מסכים מיט אים.

מאַמע פֿערשטער האָט אַמאָל אויפֿגעכאַפּט אַט דעם שמועס צווישן איר טאָכטער און דעם קאַפּיטאַן דורך דער אָפֿענער טיר צום עס־צימער, וואו זי האָט זיך גראָד דעמאָלט געפֿינען. איז זי גלייך אַרויף צו איר מאַן אין זיין אַרבעטס־צימער און אים איבערגעגעבן וואָרט אין וואָרט.

— נו יאָ, — האָט דער טאַטע פֿערשטער געזאָגט, און אַ גלעט טור־ענדיק זיין וויב איבערן קאָפּ האָט ער ווייך צוגעלייגט:

— דער יונגערמאַן האָט זי ליב.

— דו דענקסט, אַז מען וועט זיך ווידער אָנהויבן שלאָגן? — פֿרעגט זי ביי אים מיט אומרו.

— נאָכן וואָפֿנשטילשטאַנד? נאַרישקייטן, באַרואיקט ער זי מיט אַ גלעט איבער אַ באַק.

אַדון שלום טראַכט פֿון אַ תּכלית

זינט דער וואָפֿנשטילשטאַנד איז אונטערגעשריבן געוואָרן האָט אדון שלומס יידישער לעגיאָנערן־באַטאַליאָן געהאַט זייער ווייניק אַרבעט, און נאָך ווייניקער אַרבעט האָט געהאַט אדון שלום אַליין.

די פֿליכטן אָפּצוהיטן דעם לאַגער, אָדער אַרויסנעמען די טערקישע געפֿאַנגענע אויף אַרבעט זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן אויטאָמאַטיש פֿון די פֿיר קאַפּיטאַנען און זייערע לייטענאַנטן. מיט דער באַלעבאַטישקייט פֿונעם באַטאַליאָן האָט זיך באַשעפֿטיקט דער מאַיאָר, איז פֿאַר דעם קוירנעל אדון שלומען באמת געבליבן זייער ווייניק וואָס צו טאָן.

— ענדלעך אַן אמתע וואַקאַציע! — פֿלעגט ער אָפּטמאָל צו זיך אַ זאָג טאָן.

די ערשטע צייט האָט ער זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דער קולטור־לעבער לאַגע פֿון די לעגיאָנערן, און ער האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויף צונויפֿצושטעלן אַ ביבליאָטעק, אָרגאַניזירן קאָנצערטן, דורכפֿירן טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען, און אויסהערן לעקציעס. פֿאַר אָט דעם צוועק איז אַפֿילו אויסגעבויט געוואָרן אינעם לאַגער אַ ספּעציעלע בינע און פֿון אָט דער בינע האָבן רעפֿערירט סיי אייגענע און סיי געלאַדענע לעקטאָרן. אָבער גאָר באַזונדער יום־טובדיק האָט זיך אַדון שלום געפֿילט ווען עס פֿלעגט אַריבערקומען דער לייטענאַנט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי.

צו וולאַדימיר זשאַבאָטינסקיס אַ לעקציע פֿלעגט ער באַפֿעלן אַלע לעגיאָנערן צו קומען, און ער אַליין פֿלעגט אין אַ זייער געהויבענער שטימונג זיצן אויף דער בינע, און זיך צוהערן צו יעדן וואָרט.

און עס איז טאַקע געווען וולאַדימיר זשאַבאָטינסקיס רייד, וואָס האָבן אים אַליין באַאיינפֿלוסט צו טראַכטן וועגן אַ תּכלית.

— אָט דאָ איז די ערד און אונדזער שטאַם, און מיר, די אָפּגעריסענע צווייגן פֿון שטאַם, דאַרפֿן זיך צוריק איינוואָרצלען, אויב מיר ווילן בליען און ווייטער לעבן ווי אַ פֿאָלק!

ווען וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי האָט מיט גרויס פּאַטאָס אַרויסגעבראַכט פֿון זיין מויל אָט די ווערטער, איז אדון שלום געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן ענטוזיאַסטיש צו אַפּלאַדירן.

— הידד! הידד!

אַ גרויסע ווירקונג האָבן אויף אים געהאַט די אַפּטע באַזוכן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן אין זשאַבאָטינסקיס וואוינונג, וואָס די נאָר וואָס אַריבערגעקומענע פֿרוי זשאַבאָטינסקי האָט איינגעאָרדנט אויף דעם אויבערשטן גאָרן פֿון דעם שריפֿטשטעלער ש. בן־ציונס הויז אין תל־אביב. אין אָט דער וואוינונג האָט ער זיך דערנענטערט מיט די בעסטע מענטשן נישט נאָר פֿון תל־אביב, נאָר אויך פֿון גאַנצן לאַנד, וואָס פֿלעגן עולה־רגל זיין צו וולאַדימיר זשאַבאָטינסקין אין דער וואוינונג.

נישט מיט אַלע מיינונגען פֿון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקין האָט ער מסכּים געווען, אָבער די שטאַרקע פּערזענלעכקייט פֿון דעם צווייטן לייטענאַנט האָט אַזוי געווירקט אויף אים, אַז אַפּטמאָל פֿלעגט ער, דער קוירנעל שטיין פֿאַר אים, ווי פֿאַר אַ גענעראַל. די באַשיידענע וואוינונג, די איבערגעגעבענע פֿרוי, דאָס קינד האָבן אויפֿגעוועקט אין אים אַ טיפֿן באַגער פֿאַר אַ פֿאַמיליע, און ווי אַ פֿאַמיליע־מענטש האָט ער זיך נישט געקאָנט זען אין קיין שום אַנדער לאַנד, ווי נאָר אין ארץ־ישראל. אָפּטמאָל האָט ער אָנגעהויבן גלויבן, אַז דאָס, וואָס ער האָט ביז איצט נישט חתונה געהאַט איז נישט געווען בלויז דערפֿאַר, ווייל מען האָט ביי אים צוגענומען דבורהן, נאָר ווייל ער האָט איבערגעלאָזט דאָס לאַנד. אויף זיין גיכן אויפֿשטייג אין דער אַרמיי האָט ער געקוקט, ווי אויף אַ ריינעם צופֿאַל. וועגן זיינע מיליטערישע פֿעאיקייטן האָט ער געטראַכט, אַז זיי זיינען בלויז רעזולטאַטן פֿון זיין יידישקייט.

— אַ ייד אין דער אַרמיי האָט אַ נאַטירלעכן דראַנג צו באַווייזן די קריסטלעכע קאַמעראַדן, אַז ער איז אַזוי גוט, ווי זיי זיינען, און אַז מען וויל זיין אַזוי גוט, ווי עמיצער אַנדערש, ווערט מען נאַטירלעך בעסער פֿון יענעם.

אָט אַזוי האָט ער פֿילאָזאָפֿירט וועגן זיינע מיליטערישע פֿעאיקייטן, און דורך אָט דער פֿילאָזאָפֿיע איז ער דערגאַנגען, אַז אין תוך איז ער גאָר אין גאַנצן קיין מיליטער־מענטש נישט.

און עס איז געווען טאַקע דערפֿאַר, וואָס ער האָט אָפּגעזאָגט דעם גענעראַל־שטאַב אין לאָנדאָן, ווען פֿון דאָרטן איז געקומען אַ פֿאָרשלאָג אים צו דערהויבן צו דעם ראַנג פֿון אַ בריגאַדיר־גענעראַל, אויב ער וועט וואָלונ־טירן אַנצופֿירן אַ בריגאַדע אין סיביר קעגן די באָלשעוויקעס.

ער האָט קיין שום באַגער נישט געהאַט מער צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד.

— איך בין געבוירן אין רוסלאַנד אונטער דעם צאַרישן רעזשים, וואָס איך האָב טיף פֿאַרהאַסט און איך וועל זיך נישט קאָנען שלאָגן קעגן דעם רוסישן פֿאָלק, וואָס האָט דעם רעזשים אָפּגעווישט, — האָט ער אָפּ־געענטפֿערט אין זײַן דערקלערונג.

דער ענטפֿער איז געווען ביי אים אַן אויפֿריכטיקער, אָבער נאָך מער האָט דאָס געהאַט צו טאָן מיט זײַן ניט וועלן איבערלאָזן מער ארץ־ישראל.

— אָבער די באָלשעוויקעס! — האָט אים זײַן אייגענער גענעראַל געפּרובירט באַווייזן און באַווירקן.

— קיין טיפֿער פּאָליטיקער בין איך נישט, אָבער עס זײַנען גראָד אָט די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן דעם פֿאַרהאַסטן צאַר אָפּגעווישט פֿון דער ערד — האָט ער באַטאָנט.

אין יענע טעג פֿלעגט ער זיך אָפֿט אַריבערכאַפּן קיין אשל־יהודה צו די פּוכאַנינס.

ער האָט זיך געפֿילט ביז גאָר גוט רייטנדיק אויף זײַן פֿערד איבער די געסלעך פֿון יענעם ישוב, און שטענדיק האָט ער געהאַט דאָס גוטע געפֿיל, אַז אין דער אויסגעגלייכטער ערד אונטער זײַן פֿערדס טריט איז דאָ זײַן אַרבעט. עס איז אים געווען, ווי ער וואָלט געריטן אויף אַן ערד וואָס איז באמת אייגן. די פּרוכט און ניס־פּלאַנטאַציעס האָבן גע־קוקט אויף אים מיט היימישקייט, וואָס האָט אים שטאַרק געוואַרימט. אָפּטמאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַ סך פֿון די רייפֿע, גוט־גע־וואַרצלטע בוימער קוקן אויף אים ווי אַלטע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך דורך יאָרן געעלטערט מיט אים צוזאַמען.

— שלום, אַדון שלום! — האָבן זיי אים געגריסט, און גריסנדיק אים האָבן זיי צו אים גערעדט מיט דורותדיקייט.

דאָס פּוכאַנין־הויז איז אים באמת געוואָרן ביז גאָר אייגן. מנשה איז אים ביסלעכווייז געוואָרן, ווי אַ ברודער, דבורה, ווי אַ צוריקגעפֿו־

נענע שוועסטער, און אויף אלישבען האָט ער געקוקט, ווי אויף אַ טאָכ־טער צו וועלכער מען קאָן זיך דערלויבן פֿאָטערלעכע ליבשאַפֿט. אַז עס פֿלעגט זיך טרעפֿן, און ער פֿלעגט אלישבען אַ נעם טאָן אין זיינע אָרעמס, און זי האָט זיך צו אים געטוליעט און אפילו געקושט, האָט ער אירע צערטלעכקייטן גענומען מיט אַזאַ גרינגקייט, מיט אַזאַ זעלבסטפֿאַר־שטענדלעכקייט, אַז אים איז גאָרנישט איינגעפֿאַלן, אַז פֿאַר איר איז ער גאָר עפּעס אַנדערש, ווי אַ פֿעטער, ווען עס איז נאַטירלעך ליב צו האָבן.

— אַלישבע, מיין קינד — פֿלעגט ער צו איר מורמלען.

ווען ער האָט דערפֿילט אין זיך אַ באַגער צו באַשאַפֿן אַן אייגענע פֿאַמיליע, האָט אים בלויז אָרומגעכאַפּט אַ נייגער וועגן דבורהן, וואָרים אים האָט זיך כסדר פֿאַרגעשטעלט, אַז דבורה, כאָטש זי איז דאָס ווייב פֿון מנשהן און די מוטער פֿון אלישבען, וועט דאָך זיין נישט איבעריק גליקלעך צו זען אים אַ חתונה־געהאַט מיט אַן אייגענער משפּחה.

— מען דאַרף מיט איר אָפֿנהאַרציק אַ רעד טאָן וועגן דעם, — האָט ער שוין אומצייליקע מאָל באַשלאָסן. וואָרים אים איז געווען אוממעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן, אַז אפילו האָבנדיק אַן אייגן ווייב און קינדער, זאָל ער זיך דערווייטערן פֿון איר.

— דבורה, טייערע, דאָס לאַנד דאַרף האָבן משפּחות — וועט ער צו איר זאָגן, און קוקן אויף איר, כדי צו זען צי זי באַנעמט, וואָס ער מיינט.

— ניין, ניין, נישט אַזוי! — איז ער געווען אומצופֿרידן מיט דעם אופֿן, ווי אַזוי ער וועט אָנהויבן זיין שמועס מיט איר.

— דבורה, טייערע, די מלחמה וועט באַלד זיין אַ פֿאַרגאַנגענהייט, און ביי מיר איז דאָ אַ שטאַרק געפֿיל זיך איינצואוואָרצלען אָט דאָ אין לאַנד, — איז אים איינגעפֿאַלן אַן אַנדער אופֿן, ווי אַזוי צוצוגיין צום ענין.

אַ ווייל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אָט דער אופֿן איז דער ריכ־טיקער, אָבער באַלד איז ער ווידער געוואָרן אומצופֿרידן, און ער איז גע־וואָרן זיכער, אַז דער צווייטער איז נאָך ערגער פֿונעם ערשטן, וואָרעם בשעת דער ערשטער איז דירעקט, איז דער צווייטער אַזאַ, וואָס קאָן פֿירן דערצו, אַז זי זאָל אים ענטפֿערן.

— מײן שטוב איז דײנע, און אפילו מנשה װעט זײן גליקלעך, אַז דו זאַלסט מיט אונז לעבן צוזאַמען.

— יאָ, יאָ, אַזוי װעט זי מיר ענטפערן, — איז ער געװאָרן זיכער, און דעמאָלט װעט שױן זײן שװערער אָנצוהױבן אױפֿסנײַ די דערקלערונג, אַז אים בענקט זיך נאָך אַן אײגענער משפּחה, אַן אײגן װײב, און אפשר אױך אַ קינד.

טראַכטנדיק װעגן אַן אײגן װײב און אױך אַן אײגן קינד זײַנען אים דורכגעגאַנגען אין זכרון די מײדלעך מיט װעלכע ער האָט געקאָנט חתונה האָבן דורך די פֿאַרגאַנגענע יאָרן.

צום אַלעם ערשטן טאַקע דבורה אַלײן.

ער האָט זיך גענומען פֿאָרשטעלן, װי אַזױ עס װאָלט מיט אים איצט געװען, װען ער װאָלט דעמאָלט מיט איר חתונה געהאַט. ער האָט זיך געזען, װי דער באַלעבאָס פֿון אָט דעם הױז, און געפּרואװט זיך צוהערן צו דעם קלאַנג פֿונם נאָמען, װאָס אָט דאָס הױז װאָלט דעמאָלט געהײסן.

— דאָס הױז פֿון אדון שלום!

— הם... נישט שלעכט...

— אָבער טאַקע גאָרנישט שלעכט!

ער האָט זיך דערזען אַזאָ באַבערדלטן, װי מנשה. און דבורה װאָלט אױסגעקוקט אָט אַזױ, װי ער זעט זי איצט. און אלישבע? יאָ, אלישבע װאָלט געװען זײן אמתע טאָכטער?

— הם... נישט שלעכט...

— אָבער טאַקע גאָרנישט שלעכט!

אָבער דאָ האָט ער זיך געכאַפּט, אַז װען עס װאָלט געװען אָט אַזױ, װאָלט דאָך דאָ נישט געװען קײן מנשה, און אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפֿט צו מנשהן, װאָס װאָלט דאָ נישט געװען.

— װאו זשע װאָלט טאַקע איצט געװען מנשה? — האָט ער זיך גע־פֿרעגט מיט אױפֿריכטיקער זאָרג װעגן מנשהן.

— מײן ליבער און גוטער מנשה, — האָט ער געמורמלט און דער־פֿילט אַן אמתע דערלײכטערונג, װאָס מנשה איז דאָ, װאָס ער איז דער

מאַן פֿון אַזאַ וואוילער און טייערער דבורהן און דער טאַטע פֿון אַזאַ ליכטיק מיידל, ווי די שיינע אלישבע איז.

— ניין, ניין, נישט מיט דבורהן! זי איז אַזוי צוגעפּאַסט פֿאַר דעם גליק פֿון דעם טייערן מנשהן, — האָט ער באַשלאָסן.

— און מנשה איז דאָך מיר גאָר גאָר נאָענט און אייגן — האָט ער געמורמלט.

עס איז אים געקומען אין זכרון דינה, די טאָכטער פֿון זיין פֿעטער און מומען אין ברוקלין, און עס האָט זיך גענומען מאָלן אַ בילד פֿאַר זיינע אויגן, ווי אַזוי ער וואָלט איצט אויסגעזען, ווען ער וואָלט געווען מיט איר חתונה געהאַט.

ער האָט זיך געזען, ווי דער אייגנטימער פֿון דעם פֿעטערס גרויסן שיך־געשעפֿט אין ברוקלין, אַ געשעפֿט מיט אַ גרויסן פֿאַרנעם, און מיט גלאַנ־ציקע און באַלויכטענע שויפֿענצטער. און אפֿשר גאָר פֿון עטלעכע געשעפֿטן, וואָס זיינען צעוואָרפֿן איבער פֿאַרשידענע געגנטן פֿון שטאָט. און ער אַליין זיצט זיך אין אַ ביוראָ מיט אַ שיינער, יונגער בלאָנדער סעקרעטאַרין, וואָס יעדעס מאָל, ווען ער דיקטירט איר אַ בריוו צו עפּעס אַ פֿאַבריי־קאַנט, זיצט זי מיט איר סטענאָ־ביכל אים אַנטקעגן אויף אַ שטול און האַלט פֿאַרוואָרפֿן אַ פֿוס איבער אַ פֿוס מיט דעם קליידל איבער אירע קניען, און ער, אַ מאַן פֿון אַ מיטל־יאָריקער פֿרוי, וואָס מיינט שוין זייער ווייניק פֿאַר אים, ווייל טיף אין זיך האָט ער זייער ווייניק שייכות מיט איר, נעמט אָן דער סעקרעטאַרינס אַרויסרוף און ער מאַכט זי פֿאַר זיין לינקער געליבטע.

— אַ לינקע געליבטע! — דערמאָנט זיך אים דער אויסדרוק, וואָס מען האָט אין אַמעריקע וועגן אַזוינע מיידלעך, וואָס האָבן באַציאונגען מיט זייערע ברויט־געבער פֿאַר זיידענע זאָקן, שיינע קליידער, פֿוטערנע מאַנטלען און פֿון צייט צו צייט אַ שטיקל צירונג און אַביסל מזומן.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט ער זיך צעלאַכט און ווייטער געשפּינט דאָס בילד.

אין דער היים פֿירט ער זיך אויף, ווי אַ לייטישער מענטש, ווייל מען איז דאָך עפּעס אַ ביזנעס־מאַן מיט אַ חשובן נאָמען, וואָס קאָן זיך נישט פֿאַרגינען אַריינצופֿאַלן אין די ביליקע צייטונגען. ער איז גאָר גוט צו

זײן װײב, רופט זי צערטלעכע נעמען, נעמט זי פון צײט צו צײט אין דער אפערע, צו קאנצערטן, אדער צו א דינער, וואס ווערט געגעבן פון זײן ביזנעס־וועלט און ער רופט זי אין דער עפנטלעכקײט: — טײער האַ־ניקל מײנס.

פאראנען קינדער אויך, א זון און א טאכטער. דער זון גײט אין קאלעדזש, און איז פארקאכט מער אין דער „באל־טים", ווי אין זײנע ביכער. און אין א קאלעדזש גײט אויך זײן טאכטער, אבער פארקאכט איז זי אין דער פילם־וועלט אין וועלכער זי האט זיך אירע באליבטע סטארס. בײדע קינדער זײנען אים אי נאענט, און אי פרעמד. נאענט, ווײל זײ זײנען זײן פלײש און בלוט, און פרעמד, ווײל זײן וועלט גײט זײ גארנישט אן.

זײן וועלט? אין וואס פאר א וועלט וואלט ער דעמאלט געלעבט? זײן וועלט וואלט קודם־כל געווען זײן ביזנעס און די לינקע געליבטע, וואס ער וואלט שטענדיק געהאט. אין אט דער וועלט וואלט ער זײנע קינדער בשום אופן נישט ארײנגעלאזט, ווײל כאטש ער אלײן וואלט גע־ווען א זײער דערפאלגרײכער ביזנעסמאן, וואלט ער דאך זײנע ביזנעס פײנט געהאט, און ער וואלט געוואלט זען זײנע קינדער אין גאר אן אנ־דער מין לעבן. וואס שײך זײן לינקע געליבטע, וואלט ער דאך סוף־כל־סוף זיך שטענדיק געפילט אומרײן מיט איר, און אזוינס וואלט דאך געווען טיף, טיף באהאלטן פון זײנע קינדער.

— א קלײניקײט אזוינס פאר די קינדער!

אבער אויך זײן בעסערע וועלט וואלט געווען פרעמד און אין גאנצן זײטיק פאר זײנע קינדער.

אדון שלום שטעלט זיך פאר, אז אפילו ווען ער וואלט געווען דער מאן פון דינהן, דער אײגנטימער פון גרויסע שיך־געשעפטן אין ברוקלין, דער מאן פון געקויפטער ליבע, וואלט ער דאך פונדעסטוועגן געהאט אויך א שטיקל בעסערע וועלט, וואס ער וואלט זײער שטארק געוואלט, אז זײנע קינדער זאלן אין איר אנטײל נעמען.

וואס וואלט דעמאלט געווען זײן בעסערע וועלט? א גבאי אין א סינאגאגע? א פרעזידענט אין א צדקה־אינסטיטוציע?

— נײן, נײן, דאס וואלט קײן מאל נישט געווען מײן גוסט! — איז ער זיכער בײ זיך, וואַרים כאטש ער האט דורך זײן קורצן לעבן אין

ניו־יאָרק באַזוכט דעם „עדיוקיישאָנעל־אַלייענס", וואו דער רבי מאַס־ליאַנסקי האָט געדרשנט, האָט אים מער אימפּאָנירט דער ציוניזם אין זיינע דרשות, ווי די רעליגיע.

— ציוניזם, אָט וואָס!

ער וואָלט געווען אַן איבערגעגעבענער ציוניסט, געגומען אַן אָנ־טייל אין די טעטיקייטן פֿון דער באַוועגונג, געגעבן גרויסע געלטער, און זיין ווייב וואָלט אפשר אויך געווען מיט אים צוזאַמען אויף דעם געביט:

— אַ פּרעזידענטין פֿון דער „הדסה", למשל.

אדון שלום האָט געשמייכלט, ווען ער האָט זיך אויסגעמאָלן אָט דאָס בילד פֿון זיין לעבן אין אַמעריקע.

אמת, ער האָט גראָד גוט געוואוסט, אַז אין אַמעריקע איז פֿאַראַן אויך אַן אַנדער יידיש לעבן. נישט דוקא נאָר די ציוניסטישע באַוועגונגען, וואו יידן זעען זיך שטאַרק אָן, נאָר עס זיינען אויך פֿאַראַנען סאָציאַליס־טישע ציוניסטן מיט יידן פֿון פֿאָלק אין זיך. אָבער עפּעס האָט זיך אים נישט געגלויבט, אַז ער, דער מאַן פֿון דינהן מיט איר פֿון אויבן־אַראָפּיקן קוק אויף די „גרינהאָרנס", וואָס טומלען זיך אויף זייער יידישן לשון, וואָלט אַהין אַריינגעפֿאַלן.

— אַ באַוועגונג איז דאָך נישט קיין ליגקע געליבטע מיט וועלכער מען קאָן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ ווינקעלע.

— ניין, ניין, דאָס וואָלט גאָרנישט געווען פֿאַר מיר קיין ענין! — האָט ער געזאָגט צו זיך, און אים האָט גאָר הנאה געטאָן, וואָס ער איז דעמאָלט אַנטלאָפֿן פֿון דעם פֿעטערס און דער מומעס שטוב.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן די פֿיל אַנדערע פּרויען מיט וועלכע ער האָט געהאַט אַזעלכע און אַנדערע באַציאונגען אין לויף פֿון זיינע וואַנ־דערונגען איבער פֿאַרשידענע לענדער פֿון דער וועלט, אָבער צווישן זיי איז נישט געווען קיין איינע אפֿילו, וואָס זאָל קאָנען גענומען ווערן אין אַכט, ווי זיינס אַ ווייב, און אַ מוטער פֿון זיינס אַ קינד. ווען ער האָט געטראַכט פֿון זיי, זיינען זיי דורכגעגאַנגען פֿאַר זיינע אויגן, ווי זינג־פֿייגעלעך, וואָס זינגען אויף אַלערליי קולות, נאָר קיין ליד, וואָס אים זאָל זיך וועלן נאָכזינגען איז נישט געווען צו הערן.

און גראָד האָט ער איצט געפּילט אַ טיפן באַגער נאָך אָט אַזאַ מין ליד, אַ ליד, וואָס זאָל מיט זיך פאַרשטעלן אַ ליבע פרוי, וואָס איז אים אי ווייב אי שוועסטער, אי מאַמע.

ער האָט דערפילט אַ טיפן באַגער נאָך קינדער, — אַזעלכע קינדער, וואָס זאָלן זיין ווי צווייגן פון אַ בוים, וואָס בליען באַזונדער, אָבער ציען דעם זאַפט פון דעם שטאַם, און ווילן נישט און קאָנען נישט זיך אָפּטיילן פון אים.

עס איז אים פּלוצים געקומען אויפן זינען די ערשטע יידישע עליה פון פוילן, וועגן וועלכער מען האָט איצט אַזוי דיסקוטירט אין דעם גאַנצן ישוב.

— פאַרוואָס דיסקוטירט מען דאָ אַזוי פיל? — האָט ער זיך גע־פרעגט מיט טיפן פאַרדרוס.

נאָך שטאַרקער איז געוואַקסן זיין פאַרדרוס ווען ער האָט זיך דער־מאָנט אַן דער אסיפה אין וועלכער ער האָט לעצטנס אַן אָנטייל גענומען.

— אַזוי פיל רייד! רייד! — האָט ער זיך שטיל צעבייזערט.

— „גלאַט יידן!”, „אָבי יידן!” — האָט עמעצער זיך דאָרטן גע־קאָכט, און עס זיינען דאָרטן געווען פירנדיקע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן מסכים געווען מיט אָט דעם, וואָס האָט דאָרטן גערדרשנט.

— ווי הייסט ער דאָרטן אָט דער בעל־דרשן?

— אליהו פערשטער? יאָ, יאָ, אדון אליהו פערשטער!

אדון שלום דערמאָנט זיך, אַז וואָס עס האָט אים באמת טיף ווי גע־טאָן אויף יענער אסיפה איז געווען, וואָס זיין ליבלינג וולאַדימיר זשאַ־באָטינסקי האָט אויך מסכים געווען מיט אָט דעם אדון אליהו פערשטערן.

— הער אַ מעשה! דאָס יידנטום אין אייראָפּע גייט אָפּ מיט בלוט, האָט נישט קיין היינט און קיין האָפענונג אויף מאָרגן. און דאָ אין ארץ־ישראל מוז מען האָבן יידן, אַ סך יידן, קומען זיי צוגיין און דרייען אַ היטל מיט „גלאַט יידן”, און „אָבי יידן”, וואָס טויגן נישט.

—גיב זיי אַ פאָלק, וואָס זאָל באַשטיין בלויז פון אחד־העמס, פון ביאַליקס, פון זשאַבאָטינסקיס און אפשר אויך גאָר פון אליהו פערש־טערס!

אָבער בשעת די עולי־פוילן וועגן וועלכע מען האָט דיסקוטירט אויף יענער אסיפה איז פאַר אים דעמאָלט געווען אַ מאַסע פון געיאָגטע און

געפּלאָגטע יידן, וואָס רייסט זיך אַהער, כּדי צו געפֿינען פֿאַר זיך אַן אָרט זיך איבערצוואַרצלען און קאָנען אַרבעטן און לעבן, האָבן איצט די זעלבע עולי־פּוילן אָנגעהויבן זיך פֿונאַנדערטיילן אויף יחידים, און אַט זעט ער פֿאַר זיך יידישע, פּשוטע מיידלעך מיט פֿאַרקאַשערטע אַרבל איבער זייערע אָפּגעברענטע עלנבויגנס, וואָס באַוועגן אייזערנע פּיאָשן אין זייערע הענט איבער פֿרישע שטחים אויפֿגעריסענער ערד דאָ אין יהודה, אָדער ערגעץ־וואו אין גליל.

— אַט אַזאַ מיידל פֿאַר זיך! — האָט אים אַ שלאַג געטאָן אין מוח, און דער שלאַג איז געווען, ווי ער וואָלט אַ קערנדל מיט זיך געבראַכט אין אים אַריין, און ביסלעכווייז האָט דאָס קערנדל זיך גענומען איינוואָר־צלען אין אים און פֿונאַנדערבליען.

אדון שלום האָט אָנגעהויבן וואַרטן אויף דער ערשטער עליה פֿון די עולי־פּוילן מיט אַ פֿאַרטאָפּלטן אינטערעס.

— ווען באַווייזט זי זיך שוין אַט די עליה?

ער האָט געהאָפֿט צו קאָנען זיין איינער פֿון די, וואָס וועלן מקבל־פּנים זיין די אַריינגעקומענע, און ווער ווייסט?

— אפֿשר וועט זי קומען טאַקע אין דער ערשטער עליה?

נישט איין מאָל פֿלעגט ער זיך צעשמייכלען פֿון זיינע דערוואַרטונגען, און דעמאָלט פֿלעגט ער אפֿילו שטילערהייט אָפּחוזקן פֿון זיך אין אַ גוטן מוט.

— אַ בזיון צו דערציילן וועגן אַזוינע מחשבות, — פֿלעגט ער זאָגן צו זיך, אָבער ער האָט פֿון אַט די מחשבות זיך דאָך נישט געקאָנט באַ־פֿרייען.

רחל קאַצענעלנבויגן

די פוכאַנין־משפחה פלעגט ער באַזוכן, אָבער נישט אַזוי אָפט, ווי עס האָט זיך פאַרגעשטעלט סיי די משפחה און סיי ער אַליין.

יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך דאָרטן באַוויזן, האָט מען טאַקע שטענדיק איבערגערעדט וועגן דעם:

— אָ, אַ גאַסט! אַ גאַסט! פאַרוואָס אַזוי זעלטן?

— פאַרנומען! פאַרנומען! — פלעגט זיך אַדון שלום שטענדיק פאַרענטפערן.

פאַרנומען איז ער טאַקע געווען. אַביסל מיטן באַטאַליאָן, וואָס האָט דאָך געפאָדערט אַביסל אויפמערקזאַמקייט פון דעם קוירנעל, אַביסל מיט אסיפות אין תל־אביב, וואָס האָבן אים אַריינגעצויגן, און לעצטנס אויך מיט רחל קאַצענעלנבויגן.

אָט די רחל קאַצענעלנבויגן האָט ער באַגעגנט גאַנץ צופעליק. אַרונטער גייענדיק מיט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקין פון זיין וואוינונג, וואָס איז געווען אויפן גאָרן פון דעם שריפטשטעלערס ש. בן־ציונס הויז האָט מען זיך אַ ווייל אָפגעשטעלט. דערווייל האָט זיך באַוויזן פון שטוב אַרויס די פרוי פונעם שריפטשטעלער און מיט איר אַ בלאָנדע סימפּאַטישע יונגע פרוי, וואָס האָט זיך געגריסט מיט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקין, ווי מיט אַן אַלטן גוטן פריינט:

— רחל קאַצענעלנבויגן, — האָט מען זי פאָרגעשטעלט פאַר אדון שלומען, און זי האָט דריקנדיק זיין האַנט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַזאַ אומגעצוואונגענער אָפנקייט, אַז ער האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט זיך צעגיסן אין אים.

— אָ, אדון שלום, שוין לאַנג צייט געווען זיך צו טרעפן, — האָט זי שמייכלענדיק און וואַרעם געזאָגט.

ביים געזעגענען זיך, האָט ער געפילט, ווי ער נעמט מיט צוזאַמען מיט דער וואַרעמקייט דאָס סימפּאַטישע פּנים, און אויך די בלאָנדקייט אירע מיט זיך, און נאָך שפּעטער, ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקין, האָט ער נישט אויסגעהאַלטן, און אַ פרעג געטאָן ביי אים:

— אגב, ווער איז דאָס, אַט די יונגע פרוי, וואָס איז געווען בײַ די בן־ציונס?

— אַ, רחל? — האָט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי איבערגעפרעגט, און שוין פון דעם אופן אַליין, ווי אַזוי ער האָט זי אָנגערופן בלויז בײַם ערשטן נאָמען און נישט אויך בײַם צווייטן, האָט אדון שלום געלערנט, אַז זי מוז זײַן אַן אייגענער און נאָענטער מענטש:

— רחל איז זייער אַ וואוילע. זי קומט צו אונדז פון אַמעריקע. אַ גאַר געהויבענע ציוניסטישע משפחה. זי איז דאָ אַ פאָרטרעטערין פון דער הדסה, פירט אָן מיטן רויטן מגן־דוד.

אַט אַזוי האָט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי געגעבן אינפאָרמאַציע וועגן איר, און דערבײַ פאַרן פונאַנאַנדערשיידן זיך, מוסיף געווען:

— אגב, איז זי נאָך אַ פרײַלין.

מיט אַ פאָר טעג שפעטער האָט אדון שלום אַרײַנגעשפאַנט אין דער ביוראָ פון דעם רויטן מגן דוד מיטן אויסרייד, אַז ער וויל זיך באַקאַנען מיט דער טעטיקייט פון אַט דער וויכטיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַגב אויך געהאַט אַ שטיקל שייכות מיט דעם יידישן לעגיאָן.

ער האָט אָבער אפילו נישט געדאַרפט אָנקומען צו דעם צוגעגרייטן אויסרייד, וואָרים ווי נאָר ער האָט אַריבערגעשפאַנט די שוועל איז אים אַנטקעגן געקומען רחל קאַצענעלנבויגן מיט אַ וואַרעמען שמייכל אויפן פנים, און אַן אויסגעשטרעקטער האַנט:

— שוין לאַנג צײַט געווען אייך צו זען בײַ אונדז, קוירבעל.

אַט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די באַקאַנטשאַפט, און עס האָט נישט גענומען לאַנג ביז זי איז איבערגעגאַנגען אין אַ וואַרימער פרײַנטשאַפט.

אדון שלום האָט אויף יעדן באַזוך זײַנעם אין תל־אביב נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט זי צו זען. אַפטמאָל איז זי אַליין גאָר געוואָרן די געלעגנהייט צוליב וועלכער ער האָט זיך אַריבערגעכאַפּט פונעם לאַגער קיין תל־אביב.

— איך שטער אייך נישט, ליבע רחל?

רחל קאַצענעלנבויגן האָט אים שטענדיק גערן אויפגענומען. ווי פאַרנומען זי איז נישט געווען, האָט זי שטענדיק צײַט געהאַט פאַר אים.

מען האָט געגעסן לאַנטשעס צוזאַמען אינעם פּאַנסיאָן, וואו זי איז געשטאַנען, מען האָט באַזוכט די סינעמאַ אין תל־אביב צוזאַמען און

פֿון צײַט צו צײַט האָט מען זײַ אַפֿילו געזען שפּאַצירן געאָרעמט איבער די שמאָלע, געדרייטע לאַבירינטן־געסלעך אין דער אַראַבישער יפֿו.

פֿונדעסטוועגן, ווען עמיצער וואָלט אים אין יענער צײַט געווען גע־פֿרעגט צי ער איז פֿאַרליבט אין רחל קאַצענעלנבויגן, וואָלט ער געווען געעפֿנט ברייט די אויגן פֿון פֿאַרוואונדערונג. אפֿשר וואָלט ער שפּעטער נאָך דער פֿראַגע צו אים זיך פֿאַרטראַכט און אויסגעפֿונען, אַז ער איז טאַקע נישט גלײַכגילטיק צו איר — אַז אַלנפֿאַלס מיינט זי פֿאַר אים זייער אַ סך און אויב ער וואָלט זיך גענומען אַנאַליזירן, וואָלטן אים אַנטקעגנגע־קומען אַ סך סימנים פֿון וועלכע ער וואָלט געקאָנט דרינגען, אַז ער האָט זייער ליב רחל קאַצענעלנבויגן. אָבער אַזוי ווי קיינער האָט אים אָט די פֿראַגע נישט געשטעלט, האָט ער זיך קיין דין וחשבון נישט אָפּגעגעבן. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז אים גוט מיט אָט דער מיידל, און אַז פֿון צײַט צו צײַט פֿילט ער אַ באַדערפֿעניש צו זײַן לעבן איר, פֿילן אויף זיך איר גוט סימפּאַטיש פּנים, — אירע ווייכע בלויע אויגן פֿון וועלכע עס ווערט אים וואַרעם און גרינג.

פֿאַר רחל קאַצענעלנבויגן האָט ער געקאָנט דערציילן גאַנצע שטיקער פֿון זײַן פֿאַרגאַנגען לעבן. ניין, נישט נאָר דערציילן, נאָר לעבן איר זײַ־נען אויפֿגעגאַנגען מאָמענטן דורך זײַן זכרון וועגן וועלכע ער האָט ביז דעמאָלט כּמעט ניט געטראַכט. זי איז געוואָרן פֿאַר אים, ווי אַ מין לאַמטערן, וואָס האָט אויפֿגעלויכטן די טונקלסטע ווינקעלעך פֿון זײַן פֿאַרגאַנגנהייט, און אַפֿילו אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו באַלויכטן זײַן קעגנוואַרט, וואָס האָט שוין ממילא אַרײַנגעבראַכט אין אים מער קלאָר־קייט פֿאַר זײַן צוקונפֿט. אַפֿילו זײַן אַמאָליקע פֿאַרליבטקייט אין דבורה פּוכאַנין פֿון אשל־יהודה האָט ער פֿאַר רחל קאַצענעלנבויגן אַנטפּלעקט ביז אַ געוויסן גראַד. ער האָט דערציילט וועגן זײַן ייִנגלשער פֿאַר־ליבטקייט, וועגן זײַן שטילן צער, אָבער אין זײַן דערציילן איז דבורה אַרויסגעקומען אין גאַנצן אַן אומשולדיקע. עס איז פֿון זײַן דערציילן אויס־געקומען, אַז די שיינע, יונגע דבורה איז געווען זייער גוט צו אים, ווײַל זי איז בכלל אַ גוטע, אָבער אַז זי האָט בכלל נישט געוואוסט וועגן זײַנע געפֿילן צו איר. אָפּטמאָל, ווען ער האָט גערעדט צו איר וועגן דבורהן האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז דאָס וואָס ער דערציילט איז טאַקע דער אמתער אמת, וואָרים איז דען נישט דבורה אויך איצט גוט און צערט־לעך צו אים?

— אַ וואונדערבאַרער מענטש איז זי! — פֿלעגט ער שטענדיק באַ־טאָנען.

רחל קאַצענעלנבויגן פֿלעגט הערן זיין דערציילן מיט אומגעהויערן אינטערעס, און אָט דער אינטערעס האָט סטימולירט אין אים דעם באַגער נאָך מער צו דערציילן. זי פֿלעגט רעאַגירן אויף יעדער מעשה זיינער וועגן זיך פּונקט אַזוי, ווי ער האָט דערוואַרט, אַז זי זאָל רעאַגירן.

ווען זי האָט זיך צוגעהערט וועגן זיינע לייכטזיניקע אַוואַנטיורעס מיט פֿרויען אין די פֿאַרשידענע לענדער, וואו ער האָט געלעבט, האָט זי פֿריילעך געלאַכט, — אַזוי פֿריילעך, אַז ער פֿלעגט דערציילן און אַליין אויך לאַכן.

— די מענער זיינען גליקלעכע מענטשן! — פֿלעגט זי לאַכנדיק זאָגן.

— גליקלעכע?

— נו יאָ, מיר פֿרויען קאָנען זיך אַזוינס נישט פֿאַרגינען און אַרויס־קומען נאָך אָט אַזעלכע דערפֿאַרונגען גאַנצע און געזונטע.

אַזאַ אויפֿנעמען זיינע לייכטזיניקע דערפֿאַרונגען האָט אים אימפּאַ־נירט. עס האָט אים הנאה געטאָן איר קנאה. אין זיין אונטערבאַוואוסט־זיין האָט ער אויך הנאה געהאַט, וואָס זי איז אַזוינס נישט דורכגעגאַנגען, גאָרנישט געקאָנט דורכגיין, און זי איז דערפֿאַר געבליבן אַזאַ גאַנצע און געזונטע. דערצו איז ער אויך געווען צופֿרידן פֿון איר אומדירעקטן צו־געבן, אַז ער, ווי אַ מאַן, איז דאָך נאָך אָט דעם אַלעמען געבליבן אַ גאַנצער און געזונטער.

אין זיינע אָפֿטע שמועסן מיט איר, האָט ער אויך באַרירט די אסיפֿות, וואָס אים איז אויסגעקומען צו באַזוכן פֿון צייט צו צייט.

געווען אַ סך מאָמענטן וואָס האָבן אַרויסגערופֿן אין אים אַ טיפֿן אומרו און ער האָט אָט דעם אומרו פֿאַר איר אַנטפּלעקט.

—וואָס טוט זיך דאָ אין דעם ישוב? — האָט ער זיך געקלאָגט.

ער האָט זיך באַקלאָגט פֿאַר איר אויף דער פֿון אויבן־אַראָפּקייט מיט וועלכער געוויסע אַנגעזעענע פֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן פֿון דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב האָבן צו די יידן פֿון דער וועלט.

— „גלאַט ייִדן" און „אָבי ייִדן" זײַנען בײַ זיי קײן ייִדן נישט! — האָט ער זיך געקאָכט אין אויפֿריכטיקער אויפֿרעגונג, און דערבײַ שטענדיק אויסגעלאָזט מיט אָט די ווערטער:

— גיב זיי אַ פֿאָלק פֿון גאָלע כּהנים!

אין אַ מאָמענט פֿון אַזאַ מין באַקלאָגן זיך, פֿלעגט רחל קאַצענעלנבויגן קוקן אויף אים מיט אַ בליק פֿון הארציקער באַוואונדערונג, און אַפֿילו ווען זי האָט פּרובירט פֿאַרענטפֿערן און אויפֿקלערן פֿאַר אים די האַרטקייט פֿון יענע פֿירנדיקע פּערזענלעכקייטן, איז די פֿאַרענטפֿערונג און די אויפֿקלערונג אויך אַרויסגעקומען מיט טיפֿן מיטגעפֿיל, און פֿײַנער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר זײַן אומרו.

— מען דאַרף וויסן וואָס אָט די מענטשן האָבן אויפֿגעגעבן פֿאַרן ישוב, כּדי צו פֿאַרשטײַן זייער שטעלונג, — האָט זי געזאָגט.

און דאָ האָט רחל קאַצענעלנבויגן אָנגעהויבן צו שילדערן פֿאַר אדון שלומען דאָס לעבן פֿון יעדן אײנציקן פֿירנדיקן מענטשן, באַטאָנענדיק דערבײַ אַלע ווײַל צווישן אירע שילדערונגען:

— איר פֿאַרשטייט פֿון וואַנען עס קומט אָט די האַרטקייט?

— אָבער די „גלאַט ייִדן" און די „אָבי ייִדן" זענען דאָך דאָס פֿאָלק אונדזערס! — פֿלעגט ער זיך אַרײַנרייסן אין אירע רייד.

— זיכער, זיכער, — האָט זי מיט אים מסכּים געווען און אים באַרואיקט דערמיט, וואָס זי האָט אים פֿאַרזיכערט:

— נישט זיי וועלן זײַן צווישן די, וואָס וועלן אָפּקלײַבן די עליות אין לאַנד אַרײַן.

— מען דאַרף האָבן ייִדן! אַ סך ייִדן! אַלערליי ייִדן! — האָט ער נישט אויפֿגעהערט זיך צו בעטן בײַ איר, און זי האָט אים צוליב געטאָן:

— יאָ, ייִדן! אַלערליי ייִדן! — האָט זי איבערגעחזרט זײַנע ווערטער, און דערבײַ שטיל פֿאַר זיך מוסיף געווען:

— דאָס לעבן אַליין וועט זיי דערנאָך איבערפֿאָרמירן.

איין מאָל זיצנדיק מיט איר אין אָוונט אויף דער וועראַנדע פֿונעם הויז, וואו זי האָט געוואוינט, האָט ער אָנגערירט די שפּראַכנפֿראַגע בײַ ייִדן:

— דער ענין יידיש און העברעאיש איז אַ גרויס אומגליק!

— און אפשר גאָר אונדזער גרעסטער גליק! — האָט זי אים איבער־געריסן, און זעענדיק די שטאַרקע פאַרוואונדערונג אויף זיין פנים, האָט זי גענומען דערקלערן, וואָס אַזוינס זי האָט געמיינט מיט אָט דעם אויסרוף.

— דאָס הייסט, אַז אויב מיר, די היינטיקע יידן, זיינען גליקלעך וואָס עס איז נאָך אַלץ דאָ אַ יידיש פאָלק, איז דאָס אַ סך צו פאַרדאַנקען דער יידישער שפּראַך.

— זענט איר אַ יידישיסטקע? — איז אדון שלום נייגעריק געוואָרן.

רחל קאַצענעלנבויגן האָט זיך צעלאַכט מיט אַ פרייליכן געלעכטער אין איר קול און זי האָט אויסגערופן:

— אָט הויבט זיך שוין ווידער אָן דאָס אייגענע לידל! איר זייט נישט דער ערשטער! איר פרעגט כאָטש, אָבער אדון אליהו פערשטער איז טאַקע זיכער, אַז איך בין אַ יידישיסטקע, אָדער ווי ער זאָגט: אַ זשאַרגאָניסטקע!

איצט איז זי געוואָרן זייער ערנסט, און אויסגלייכנדיק זיך אויף איר שטול האָט זי גענומען ריידן צו אדון שלומען מיט אַ טאָן פון אַ לערערין:

— פאַרשטייט! איך בעט אייך, איך בין נישט קיין יידישיסטקע! פאַר ארץ־ישראל זיכער נישט! דער פאַקט איז, אַז איך קען אַ סך בע־סער די העברעאישע שפּראַך ווי יידיש, אָבער יעדעס מאָל ווען איך הער, ווי מען באַפאַלט די יידישע שפּראַך, האָב איך דאָס געפיל, אַז מען באַפאַלט דאָס, וואָס האָט געראַטעוועט דאָס טייערסטע ביי אונדז פון אונטערגאַנג.

— איר מיינט צו זאָגן, אַז יידיש האָט געראַטעוועט דאָס יידישע פאָלק? — איז אָדון שלום געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט.

זי האָט זיך פאַרטראַכט, און אין איר פאַרטראַכטקייט האָט זי אָדון שלום דערזען אין אַ גאָר נייעם ליכט, און ער האָט זיך דערפאַר מיט גאָר אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט אָנגעהויבן צוהערן צו יענע געדאַנקען, וואָס האָבן שווער געזוכט אַן אויסדרוק דורך אירע ווערטער:

— איך ווייס נישט, צי דאָס וואָרט „געראַטעוועט" איז דאָס אמתע וואָרט, וואָרעם זאָגן, אַז יידיש האָט געראַטעוועט, וואָלט געמיינט צוגעבן, ווי אַנדערע מיינען, אַז יידיש איז נישט געשאַפן געוואָרן פונעם פאָלק גופא, נאָר אַז יידיש איז פשוט איבערגענומען געוואָרן ביי די דייטשן און די

אַנדערע פֿעלקער, און דאָס וואָלט זיכער נישט געווען די ריכטיקע דער־קלערונג. אוודאי האָט מען גענומען ווערטער, אָבער ווערטער אַליין מיינען נאָך גאָרנישט. אַ סך שפּראַכן נעמען ווערטער איינע ביי די אַנדערע. אונדזער הײַנטיקער העברעאיש נעמט אויך. אָבער נישט אין די ווערטער אַליין גייט עס, נאָר אינעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, וואָס שלאָגט זיך דורך דורך די ווערטער, קומט צום אויסדרוק דאָס פֿאָלק.

— איז וואָס זשע מיינט דאָס? — האָט אָדון שלום געוואָלט מער קלאָרקייט.

— עס מיינט — האָט רחל קאַצענעלנבויגן זיך אָנגעשטרענגט אַרויס־צוברענגען וואָס קלאָרער אירע געדאַנקען.

עס איז געווען צו זען אויף איר פּנים, אַז זי איז נישט אינגאַנצן צו־פֿרידן מיט איר דערקלערונג, און זי האָט אָנגעהויבן נאָכאַמאָל:

— איר האָט געברויכט דאָס וואָרט „געראַטעוועט״, אָבער ראַטעווען ראַטעוועט געוויינלעך אַ כּוח, וואָס קומט צוהילף פֿון דרויסן, און די יידישע שפּראַך איז נישט קיין כּוח, וואָס איז געקומען פֿון דרויסן, נאָר אַ כּוח, וואָס איז געקומען פֿון אינעווייניק, כּדי לײַכטער מאַכן דעם גלות. אויך האָט מען איבערגענומען די פֿרעמדע ווערטער, כּדי זיך צו פֿאַרשטענ־דיקן מיט די פֿרעמדע, אָבער אַזוי ווי אַליין איז מען געווען עפּעס אַנדערש, האָט די אייגענע אַנדערשקייט אַזוי פֿאַראַנדערשט די פֿרעמדע ווערטער, אַז עס איז געבוירן געוואָרן אַ שפּראַך אַן אייגענע, אַ יידישע.

— אין וואָס זשע באַשטייט דאָס גליק? — האָט אָדון שלום געוואָלט וויסן.

— דאָס גליק באַשטייט אינעם באַוואוסטזיין, אַז מיר זיינען אַ פֿאָלק מיט אַ שטאַרקער, אויסגעשפּראָכענער אייגנאַרטיקייט, וואָס לאָזט זיך נישט פֿאַרשלינגען פֿון קיין אַנדערן.

— און דאָך האָבן זיך טיילן פֿון אונדזער פֿאָלק דאָ און דאָרט יאָ אויפֿגעלייזט, אַסימילירט געוואָרן אין אַנדערע פֿעלקער.

— אַ בוים באַשטייט פֿון וואָרצלען, וואָס פֿילן אַן דעם שטאָם מיט זאַפֿט, דער שטאָם האָט אָבער אויך צווייגן, וואָס קריגן אַמאָל נישט גענוג נאַרונג. זיינען דאָס יענע שלעכט גענערטע צווייגן, וואָס גיבן זיך לײַכטער אונטער צו אויפֿלייזונג, אָבער קיינמאָל נישט דער שטאָם, און אוודאי נישט די וואָרצלען.

— איז וואָס זשע פֿאַר אַן עצה גיט מען זיך איצט מיט די צוויי שפּראַכן? — האָט אַדון שלום געוואָלט וויסן.

— איר מיינט דאָ אין ארץ־ישראל?

— אין דעם איצטיקן פֿאַל מיין איך ארץ־ישראל.

רחל קאַצענעלנבויגן האָט זיך ווידער פֿאַרטראַכט, און אין איר פֿאַר־טראַכטקייט פֿאַמעלעך אַרויסגעלאָזט די ווערטער פֿון איר מויל, ווי זי וואָלט יעדעס וואָרט באַזונדערס געמאָסטן און געוואויגן.

— דאָ איז דאָס לאַנד פֿון אונדזער ווייטן עבר, און דער עבר אונדזערער אָט דאָ איז העברעאיש.

אָט אַזוי האָט זי געזאָגט אין איר פֿאַרטראַכטקייט, אָבער באַלד האָט זי זיך אויפֿגעכאַפּט און שטאַרק באַטאָנט:

— יאָ, העברעאיש, אָבער נישט מיט די מעטאָדן פֿון פֿאַרשעמען יידיש, וואָס איז די שפּראַך פֿון מיליאָנען יידן דורך דורות. די שפּראַך אויף וועלכער מען האָט געלעבט, און מען לעבט אויך איצט, שאַפֿנדיק אויף איר אַזוי פֿיל נאַציאָנאַלע ווערטן.

—מען וועט מוזן געפֿינען אַ וועג, וואָס זאָל זיין העברעאיש, און דאָך זאָל מען לערנען „יידיש" — האָט זי פֿאַרטראַכט געזאָגט.

ווען אַדון שלום האָט יענעם אָוונט געריטן אויף זיין פֿערד פֿון תּל־אביב אין לאַגער אַריין, האָט ער געטראַכט פֿון דעם, וואָס רחל קאַצענעלנ־בויגן האָט צו אים גערעדט, אָבער נאָך מער האָט ער געטראַכט פֿון איר גופֿא.

פּלוצלונג האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זינט ער זעט זי אַזוי אָפֿט האָט ער אויפֿגעהערט צו טראַכטן וועגן אַ מיידל, וואָס ער זאָל פֿאַר זיך אויס־קלייבן פֿון דער פּוילישער עליה.

— וואָלט זי מסכּים געווען? — האָט ער דערהערט אַ פֿראַגע, וואָס איז אויפֿגעגאַנגען אין אים.

דער וועג האָט זיך געצויגן צווישן די שטעכיקע געוויקסן פֿון ביידע זייטן, ווי אַ זילבערנער, אויסגעבויגענער פּאַס אונטערן שיין פֿון דער גרויסער, געשייערטער לבנה. און דאָס פֿערד האָט געטראָטלט נישט גע־איילט, און לייכט, ווי עס וואָלט נישט געוואָלט שטערן דעם רייטער איבער זיך און זיינע ערנסטע מחשבות.

— וואָלט זי מסכּים געווען צו ווערן מיין ווייב? — האָט ער זיך געפֿרעגט.

בצלאל לאַדט אַלישבען צו דעם פּורים־באַל

נאָך אונטער דער טערקישער מאַכט פלעגט דער יום־טוב פּורים פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַן אמתן קאַרניוואַל איבער די געסלעך פון תל־אביב.

די ווייסע געביידע פון דער גימנאַזיע פלעגט יענעם טאָג דעקאָרירט ווערן מיט אַלערליי קאָלירן פון דרויסן, אַזוי אויךביידע שמאָלע גערט־נער, וואָס טראָגן דעם קלינגענדיקן נאָמען: „שדרות בנימין רויטשילד", וואו די יוגנט האָט זיך אין דעם פורימדיקן אָוונט פאַרקליבן און געזונגען און געטאַנצט „האָרעס" און אַנדערע טענץ.

אָבער פאַר דעם ערשטן פּורים אונטער דער נייער ענגלישער מאַכט האָט מען זיך באַזונדער געגרייט.

עס זיינען אַפילו אָפּגעהאַלטן געוואָרן ספּעציעלע אַסיפות וועגן די צו־גרייטונגען, וואָרעם די נייע ענגלישע מאַכט איז דאָך נישט געווען אינגאַנצן קיין פרעמדע מאַכט א דאַנק דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אַז ארץ־ישראל וועט ווערן אַ היימלאַנד פאַר דעם יידישן פאָלק.

מען האָט זיך געגרייט צו יענער פּורים־פייערונג מיט טאָפּלטיקער כוונה. ערשטנס, איז דאָס דאָך די טראַדיציאָנעלע פייערונג, און צווייטנס, וועט זי אויך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פייערונג לכבוד דער באַנייטער בוי־אַרבעט אויף גאָר אַ גרויסן פאַרנעם אין דער נייער ארץ־ישראל אונ־טער דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

און געגרייט האָט מען זיך נישט נאָר אין תל־אביב, וואו די הויפּט־פייערונג וועט דורכגעפירט ווערן — מען האָט זיך אויך געגרייט אין אַלע אַרומיקע ישובים פון יהודה, וועלכע האָבן געקראָגן איינלאַדונגען צו שיקן דעלעגאַציעס קיין תל־אָביב. עס האָבן אויך געקראָגן איינלאַדונגען די דריי יידישע לעגיאָנערן־באַטאַליאָנען צו זיין פאַרטראָטן, און דער גענעראַל־שטאַב אין ראַמלע האָט, פאַרשטייט זיך, געקראָגן אַ ספּעציעלע איינלאַדונג צו פאַרטרעטן די בריטישע רעגירונג.

אין יענער צייט האָט בצלאל אָפּגעשיקט אַ בריוו צו אלישבע פוכאַניק און זי איינגעלאַדן צו זיין זיין גאַסט צו דער פּורים־פייערונג.

בצלאל האָט דעם בריוו אָפּגעשיקט מיט דער צושטימונג פֿון זיין משפּחה מיט וועלכער ער האָט זיך פֿריער דורכגערעדט וועגן דעם.

געשען איז דאָס אַזוי, אַז די משפּחה האָט אים אַליין אַרויפֿגעפֿירט אויף דעם באַשלוס דאָס צו טאָן.

פֿאַר דער גאַנצער צייט זינט ער איז געקומען אַהיים האָט ער געזען אלישבען בלויז דאָס איינציקע מאָל, ווען ער האָט זי באַגעגנט אינעם לאַגער צוזאַמען מיט די עלטערן. נישט וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין באַגער זי צו זען. אדרבא, אַזאַ באַגער האָט ער געהאַט, און נישט איינמאָל האָט ער געטראַכט פֿון איר. אָבער דאָס, וואָס מען האָט אים איבערטראַנספּע־רירט פֿונעם לאַגער קיין מקוה־ישראל האָט פּשוט צוגענומען ביי אים די מעגלעכקייטן זי צו זען. וואָלט ער געוווּן געבליבן אין לאַגער, וואָלט דאָס אַנדערש געווען. פֿונעם לאַגער וואָלט ער זיך געקאָנט אין אַן אָוונט אַרי־בערכאַפּן קיין אשל־יהודה, און אַפֿילו דאָרטן שטיין איבער נאַכט, וואָרעם זינט דעם וואָפֿן־שטילשטאַנד איז מען נישט געווען אַזוי שטרענג, און מען האָט נישט אונטערזוכט אין די ביידלעך ציי מען געפֿינט זיך אויפֿן אָרט. גלייך נאָכן ערשטן זען זי, האָט ער באַשלאָסן זיך אַריבערצוכאַפּן אַהין, אָבער דער באַפֿעל אַריבערצוגיין קיין מקוה־ישראל איז געקומען זייער שנעל, און אַזוי אומגעריכט.

אין מקוה־ישראל האָט ער זיך געפֿילט זייער גוט. עס איז אים גע־געבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו אַרבעטן אויף זיין באַליבטן געביט פֿון אַגראָנאָמיע, אָבער פֿון דאָרטן קיין אשל־יהודה איז פֿאַלג מיך אַ גאַנג, און דאָ מוז ער יעדן אָוונט קומען אַהיים צו די עלטערן.

— פֿאַרוואָס באַווייזט זיך אלישבע נישט אַמאָל אין תל־אָביב? — האָט ער זיך געוואונדערט, און אַז זי באַווייזט זיך נישט האָט ער געהאַט זיין סימן. וואָרעם פֿון אשל־יהודה קיין תל־אָביב מוז מען פֿאַרבייפֿאָרן מקוה־ישראל, איז שייך צו זאָגן, אַז ווען זי וואָלט אַמאָל יאָ באַזוכט תל־אביב, וואָלט זי זיך דען נישט אָפּגעשטעלט אין מקוה־ישראל?

— בפֿרט, ווען זי ווייסט, אַז איך געפֿין זיך דאָ!

און אַז זי האָט געוואוסט, אַז ער געפֿינט זיך אין מקוה־ישראל איז ער געווען זיכער, וואָרעם עס האָבן דאָך געוואוסט אַלע אינעם לאַגער, און דער לאַגער איז אַזוי נאָענט פֿון אשל־יהודה.

יאָ, בצלאל פֿערשטער האָט געטראַכט פֿון צייט צו צייט פֿון אלישבען און געהאַט אַ באַגער זי צו זען.

ער האָט זיך נישט איין מאָל דערמאָנט אָן דעם אָוונט, ווען ער איז געווען דער גאַסט אין איר הויז, אָן די שמועסן אין איר גאָרטן מיט איר. ער האָט קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן די קושן, וואָס זיי האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע געגעבן און אויך די בריוולעך, וואָס זיי האָבן באַוויזן צו שרייבן איינס צום אַנדערן איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן.

איינס פֿון אירע בריוולעך האָט ער אַפֿילו באַוויזן אָפּצוהיטן. ער לייענט דאָס פֿון צייט צו צייט. אמת, דאָרטן רעדט זיך נישט אָפּן פֿון קיין ליבע צו אים, אָבער וואַרעמקייט שלאָגט פֿון יעדן זאַץ.

— האָט זי אויך מיינע בריוולעך?

בצלאל פֿערשטער האָט זיך נישט איין מאָל אָנגעשטרענגט צו דער־מאָנען, וואָס אַזוינס ער האָט אין זיינע בריוולעך געשריבן צו אלישבען, אָבער ער האָט זיך בשום אופֿן נישט געקאָנט דערמאָנען.

— טשיקאַווע, וואָס האָב איך אין זיי דאָרטן געשריבן צו איר?

אָט אַזוי פֿלעגט ער אַ טראַכט טאָן פֿון צייט צו צייט פֿון אלישבען און שטיל אין זיך האָפֿן, אַז גאָר אינגיכן וועט ער האָבן אַ געלעגנהייט זיך מיט איר צו באַגעגענען.

און אָט האָט זיך די געלעגנהייט אָנגערוקט גאָר פּלוצלונג, אויף אַן אומגעריכטן אופֿן.

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען דער קאַפּיטאַן איזראַעלסאָן איז אויך געווען צום אָוונט־ברויט, האָט מען ביים טיש גערעדט וועגן די צוגריי־טונגען, וואָס זיינען שוין אָנגעגאַנגען אומעטום פֿאַר דעם פּורים־קאַרניוואַל. טאַטע־פֿערשטער האָט באַוויליקט צו דערציילן וועגן די שיינע דעקאָראַ־ציעס, וואָס מען גרייט צו פֿאַר דעם דרויסן פֿון דער גימנאַזיע־געביידע און מאַמע־פֿערשטער האָט באַוויזן די צוויי זיידענע פֿאָנען — די ענגלישע און די יידישע מיט וועלכע זי וועט באַצירן דעם באַלקאָן.

—עס וועט זיין אָנזעענדיק, האַ?

מרים האָט געוואָלט וויסן, צי זי זאָל היינטיקס יאָר טראָגן אַ פּורים־קאָסטיום ביים מאַרש און דערנאָך אויפֿן באַל, און אויב יאָ אַ קאָסטיום, איז וואָס אַזוינס זאָל ער מיט זיך פֿאָרשטעלן?

— איך מיין, אַז אַ מוטער־רחל קאָסטיום וואָלט דיר געפּאַסט, און ער וואָלט געמאַכט דעם געהעריקן איינדרוק — האָט אָדון אליהו פּערשטער פֿאַרגעשלאָגן.

— אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן! — האָט זיך גברת חנה פּערשטער אַריינגעמישט מיט אומצופֿרידנקייט אין קול.

— וואָס איז, עס איז אַן אומכּבֿוד די מוטער־רחל?

— אָבער זי האָט דאָך אַזאַ קאָסטיום שוין אַמאָל געטראָגן! — האָט זי געזאָגט און דערביי מוסיף געווען:

— אויב זי האָט אַמאָל געטראָגן אַ טרויעריקן, קאָן זי זיך פֿאַרגינען צו טראָגן היאָר אַ פֿריידיקן.

דאָ האָט די גברת חנה פּערשטער אַ קוק געטאָן אויפֿן קאַפּיטאַן איזראַעלסאָן מיט נחתדיקע אויגן.

— וואָס זאָגט אונדזער לאָרד דערצו, הא?

— איך מיין... איך מיין... אַז אפֿשר איז גאָרנישט נויטיק...

דאָ איז מרים אויפֿגעשפּרונגען און איבערשלאָגנדיק איר חתנס אויסגעצויגענע ווערטער, האָט זי אויסגערופֿן:

— איך האָב עס!

אַלע האָבן אויפֿגעהויבן די אויגן אויף איר. אַפֿילו איר ברודער בצלאל, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שווייגנדיקער און אַ זייטיקער, האָט אויך אויף איר אַ קוק געטאָן.

— איך וועל זיך צוגרייטן מיט אַ קאָסטיום, וואָס זאָל מיט זיך פֿאָרשטעלן מרים הנביאה!

— דאָס איז אַן איינפֿאַל — האָט אָדון אליהו פּערשטער מסכּים געווען.

מרים פּערשטערס אויגן האָבן זיך צעגליט, ווי צוויי אָנגעצונדענע לעמפּלעך, און זי האָט גענומען רעדן וועגן איר קאָסטיום:

— אַ ווייס אָריענטאַליש קלייד... ווייסע סאַנדאַלן... די האָר צעקעמט אַרונטער... אין די הענט אַ פּייקעלע, און זינגען וועל איך „אָז ישיר משה!"

די מוטער האָט קוקנדיק אויף דער טאָכטער ממש אויפֿגעשטראַלט און זי האָט געזאָגט:

— דאָס איז באמת אַן אײנפֿאַל! איך װעל דיר העלפֿן מיטן קאָסטיום — האָט זי זיך שטאַרק באַגײַסטערט, און װענדנדיק זיך צו דעם קאַפּיטאַן איזראַעלסאָן, האָט זי בײַ אים געװאָלט װיסן:

— איז דאָס נישט אַ שײנער געדאַנק? װאָס טראַכט אונדזער לאָרד װעגן אַט דעם שײנעם אײנפֿאַל?

דער קאַפּיטאַן לאָרד איזראַעלסאָן האָט געמאַכט אַ מינע, װאָס האָט בפֿירוש זיך געלאָזט אױסטײַטשן, אַז ער איז נישט צופֿרידן מיט דעם גאַנצן ענין. גיכער האָט זיך אים געװאָלט לאָזן װיסן, אַז עס איז בכלל נישט פֿאַרן כּבוד פֿון זײַן שטאַנד, אַז זײַן כּלה זאָל מאַרשירן מיטן המון אין עפּעס אַ קאָסטיום, אָבער זעענדיק מרימס באַגײַסטערונג און איר מוטערס אױפֿגעלױכטנקײט, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נישט קײן שלעכטער אײנפֿאַל — האָט ער אַרױסגערעדט, אָבער כאַפּנדיק זיך, אַז אַט די װערטער זײַנען אפֿשר ניט געװנוג, האָט ער זיך אַ װיג געטאָן און צוגעלײגט:

— גאָר אַ פֿײַנער געדאַנק... יאָ, ער איז אַנטציקנדיק!

פּלוצלונג האָט מען זיך געכאַפּט, אַז בצלאל זיצט די גאַנצע צײַט און שװײַגט, װי ער װאָלט געװען נישט קײן טײַערער מיטגליד אין דער משפּחה, נאָר עפּעס אַן אָרעמער בחור, װאָס איז געבעטן געװאָרן דאָ צום טיש.

די ערשטע, װאָס האָט דאָס באַמערקט איז, פֿאַרשטײט זיך, געװען די מוטער, און זי האָט אױסגערופֿן:

— בן־יחיד מײַנער, פֿאַרװאָס אַזױ פֿאַרטראַכט?

אַט אַזױ האָט זי אַ פֿרעג געטאָן, און בײַם אַרױסברענגען די פֿראַגע, האָט זי אַ קוק געטאָן פֿריער אױף איר זון און דערנאָך איבערגעפֿירט איר קוק אױף איר מאַן, װאָס האָט בײַ אים געפֿרעגט אױף שטום־לשון:

— װאָס איז מיט אונדזער זון? פֿאַרװאָס פֿרעגסטו נישט בײַ אים? דו ביסט דאָך זײַן פֿאָטער!

אָדון אליהו פֿערשטער האָט אױפֿגעכאַפּט מיט זײַן חוש די פֿראַגן, װאָס זײַן װײַב האָט אים געשטעלט דורך איר שטומען בליק, און אַ שאָקל טוענדיק צו איר דעם קאָפּ זײַנעם, אַז ער פֿאַרשטײט, האָט ער זיך אױסגע־

גליכן אויף זיין שטול, און גענומען זיך צוגרייטן צו נעמען בצלאלן אויף אַ קרייץ־פֿאַרהער, אָבער איידער ער האָט באַוויזן אַרויסצוקומען מיט זיין ערשטער פֿראַגע, האָט מרים זיך אַ וויצל געטאָן:

— מיר דאַכט זיך, אַז בצלאל איז גאָר פֿאַרליבט!

אָט די באַמערקונג האָט צעטומלט דעם פֿאָטער, און ער האָט שוין פֿאַרגעסן די צוגעגרייטע פֿראַגע, וואָס ער האָט בדעה געהאַט צו שטעלן זיין זון. דאָס האָט אים אַביסל אויפֿגערודערט, און ער האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער און געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון פֿאַרדרוס:

— וואָס דיר קאָן איינפֿאַלן, טאָכטער!

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט מרימס חתן, דער קאַפּיטאַן לאָרד איזראַעל־סאָן, און געזאָגט אין אַ טאָן, וואָס האָט געקלונגען אי ווויצלענדיק און אי באַדויערנדיק:

— אַבי איך האָב געהאַט אין זיין פּאָר בצלאלן אַ מיידל פֿון לאָנדאָן!

אין דער צייט, ווען די אַרומיקע האָבן זיך אַזוי פֿאַראינטערעסירט מיט בצלאלן, איז ער געזעסן אויף זיין שטול, רויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, און געקוקט אויף אַלעמען מיט גוטמוטיקן שמייכל אויף זיינע טונקעלע אויגן.

דער שמייכל האָט נישט אויפֿגעהערט אויך דעמאָלט, ווען די מוטער האָט זיך געווענדט דירעקט צו אים:

— איז דאָס אמת, מיין זון?

דעמאָלט איז שוין ענדלעך דער פֿאָטער געקומען צו זיך, און ווענדנ־דיק זיך מיט פֿאָטערלעכער שטרענגקייט צו אַלעמען אַרום זיך, האָט ער אַ ברום געטאָן:

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף בצלאלן?

אַזוי האָט דער פֿאָטער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו די אַרומיקע, און דערנאָך האָט ער איבערגעפֿירט די בליקן אויפֿן זון:

— דו וואָלסט געדאַרפֿט אַביסל צעשטרייאונג, מיין זון.

— הער, אָט דאָס מיין איך דאָך אויך — האָט די מוטער מסכים געווען מיטן פֿאָטער, און מוסיף געווען ווענדנדיק זיך צו בצלאלן:

— וואָלסט געדאַרפֿט זיך באַפֿרייען פֿון דיינע פֿליכטן אין מקוה־ישראל און פֿאַרברענגען עטלעכע טעג אין דער היים צווישן מענטשן.

— וואָס זשע, מיינע חברים לעגיאָנערן מיט וועלכע איך אַרבעט צו־זאַמען אין מקוה־ישראל זיינען חלילה קיין מענטשן נישט?

בצלאל האָט געפֿרעגט בײַ דער מוטער אָט די פֿראַגע, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, וואָס די מוטער האָט געמיינט צו זאָגן, און נישט נאָר האָט ער גוט באַנומען די מוטער, נאָר ער אַליין האָט שוין לאַנג געפֿילט אַ נויט־באַדערפֿעניש אין אַביסל אורלויב, וואָרעם עס איז שוין געווען באַלד צוויי יאָר זינט ער האָט פֿאַרלאָזן ניו־יאָרק אין זיין אוניפֿאָרם און פֿון דעמאָלט אָן האָט ער געלעבט בלויז אונטער מיליטערישער דיסציפּלין און מיט מענער אין אוניפֿאָרם. אָבער ער האָט געפֿרעגט די פֿראַגע, ווייל ער האָט געוואָלט מיט עפּעס באַרואיקן די מוטער, און נישט געהאָט קיין אַנדערע ווערטער מיט וואָס דאָס צו טאָן.

יאָ, ער האָט שוין לאַנג געבענקט נאָך אַן איבערבייט, כאָטש אויף אַ פּאָר וואָכן, אָבער נעמענדיק דעם לעגיאָן זייער ערנסט, האָט ער קיינמאָל זיך נישט באַמיט צו בעטן קיין אורלויב. אַפֿילו אין ענגלאַנד, וואו אַ גרויסע צאָל לעגיאָנערן האָבן געקראָגן אורלויב פֿונעם לאַגער קיין לאָנדאָן, האָט ער דאָס קיינמאָל נישט געקראָגן בלויז דערפֿאַר, ווייל כדי דאָס צו קריגן האָט מען געדאַרפֿט אויפֿטרעטן מיט אַ בקשה, און דערביי צוטראַכטן אַלערליי סיבות פֿאַרוואָס דער אורלויב זאָל באַוויליקט ווערן. אים אַליין האָט זיך אין ענגלאַנד געוואָלט אַמאָל איבערלאָזן דעם לאַגער און אָפּפֿאָרן פֿאַרברענגען אויף עטלעכע טעג קיין לאָנדאָן, אָבער אַזוי ווי קיין סיבות אָנצוגעבן האָט ער נישט געהאַט, און צוטראַכטן זיי האָט ער באַטראַכט פֿאַר נישט ווירדיק פֿאַר אים, דעם זון פֿון דער ציוניסטישער פֿערשטער משפּחה אין ארץ־ישראל, האָט ער דערפֿאַר קיינמאָל נישט געבעטן און קיינמאָל נישט געקראָגן.

דאָ אין ארץ־ישראל גופֿא האָט ער יאָ בדעה געהאַט דאָס צו טאָן. ספּעציעל נאָכדעם, ווי עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער וואָפֿנשטיל־שטאַנד, האָט ער בדעה געהאַט דאָס צו טאָן. קיין צוגעטראַכטע סיבה האָט ער דאָ נישט געדאַרפֿט. זי איז געווען אויבנאויף. יעדער קאַפּיטאַן וואָלט זי גלייך איינגעזען, און זיכער דערלויבט אַ זון צו פֿאַרברענגען אַ פּאָר וואָכן מיט די עלטערן. בפֿרט, ווען לויט די מיליטערישע רעגולאַציעס איז אים שוין טאַקע געקומען אַן אורלויב. אָבער פּלוצלונג איז געקומען דער באַפֿעל, אַז ער זאָל אַריבערגעפֿירט ווערן קיין מקוה־ישראל, אין דער אַגראַ־נאָמישער עקספּערימענטן שול, און דאָ האָט זיך ווידער די לאַגע גע־ענדערט.

בצלאל פֿערשטער האָט נישט געהאַט דעם מוט צו בעטן אורלויב פֿון מקוה־ישראל, ערשטנס איז דער איבערבייט געווען פֿאַר אים אַן אמתע אָפּפֿרישונג. אַ קליינער האָט אַזאַ איבערבייט! אַנשטאָט יעדן טאָג אין דעם זאַמדיקן לאַגער מיט דער טעגלעכער לאַגער־רוטין, איז ער פּלוצלונג געוואָרן אי אַ סטודענט און אי אַ לערער מיט לעגיאָנערן, וואָס זיינען אים איבערגעגעבן געוואָרן, ווייל זיי האָבן אַריינגעגעבן בקשות פֿאַר אַזעלכע קורסן, כּדי צו קאָנען בלייבן אויף ערד־אַרבעט נאָך זייער באַפֿרייאונג. אמת, מען איז דאָ אויך געווען אונטער דיסציפּלין, און יעדן אינדערפֿרי האָט מען אַפֿילו געדאַרפֿט דורכפֿירן די טעגלעכע רוטין פֿון מיליטערישע איבונגען, ווייל פֿאַר אַלצדינג איז מען נאָך סאָלדאַטן און קיין שלום איז נאָך אַלץ נישט אונטערגעשריבן, אָבער דאָך איז דער טאָג אַוועקגעגאַנגען גאַנץ אַנדערש, ווי אינעם לאַגער. עס איז פֿאַר אים געווען אַ גרויסע דערפֿרישונג אַנשטאָט שטיין אויף שמירה, אָדער טאָן אַנדערע מיליטערישע אַרבעטן, זיך בעסער אָפּגעבן מיט די געוויקסן אין גאָרטן, אָדער מיט די פּרוכטבוימער וואָס זיינען דאָרט פֿאַרפֿלאַנצט און איבערגעפֿלאַנצט געוואָרן. דערצו איז צוגעקומען די באַזונדערע פּריווילעגיע, וואָס מען האָט אים געגעבן צו קאָנען יעדן אָוונט אַריבערשפּאַנען קיין תּל־אביב און האַלטן סטאַנציע אין טאַטע־מאַמעס הויז, איז ווי זשע נעמט מען און מען בעט נאָך דערצו אַ ספּעציעלן אורלויב?

האָט ער טאַקע דאָ אין לאַנד אויך נישט געבעטן, כאָטש ער האָט זייער געגאַרט זיך צו באַפֿרייען צוליב דעם, אַז ער זאָל האָבן אַ געלעגנהייט צו באַזוכן אלישבען און באַנייען די פֿריינדשאַפֿט, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן.

איצט, אַז דער ענין איז אויפֿגענומען געוואָרן ביי דער משפּחה, האָט ער דווקא חשק געהאַט צו זאָגן, אַז ער וואָלט אַ בעלן געווען צו קריגן אַ פּאָר טעג, אָבער עפּעס האָט ער נישט געפֿונען די ריכטיקע ווערטער דאָס צו טאָן.

איז בצלאל פֿערשטער געוואָרן ביז גאָר צופֿרידן, ווען זיין שוועסטערס חתן, דער קאַפּיטאַן לאָרד איזראַעלסאָן, האָט ביי אים אַ פֿרעג געטאָן:

— וויפֿיל אורלויב האָסטו שוין געהאַט פֿאַר דער צייט, וואָס דו ביסט אין דער אוניפֿאָרם?

— גאָרנישט — האָט בצלאל געענטפֿערט.

— אין ענגלאַנד אויך נישט געקראָגן ?
— נישט געבעטן — האָט בצלאל אַ מורמל געטאָן.
— מענטש איינער, דיר קומט דאָך אורלויב — האָט דער קאַפּיטאַן לאַרד איזראַעלסאָן אויסגערופן, און ווענדנדיק זיך צום פאָטער האָט ער געזאָגט:
— ווירקט אויף אים, אַז ער זאָל אַרייַנגעבן אַ בקשה, און דאָס איבע־ריקע וועל איך שוין זען.
— נו, יאָ, אדרבא! — איז די משפחה באַשטאַנען.
אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט בצלאל געקראָגן אורלויב אויף גאַנצע צוויי וואָכן, און סיי ביי אים, און סיי ביי דער גאַנצער משפחה איז דאָס געווען זייער און זייער אַנגעלייגט:
— איצט וועלן מיר בפירוש האָבן אַ פריילעכן פּורים — האָט די מוטער אויסגערופן מיט פריידי.
ווען בצלאל איז שפּעטער געבליבן אַליין מיט דער מוטער, האָט ער זיך געווענדט צו איר אַביסל אַ פאַרשעמטער.
— מוטער, איך קום אָן אַלטן חוב, און איך וויל דיך בעטן מיר צו העלפן אים אָפּצוצאָלן.
די מוטער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר זון און מיט איבערראַשונג, וואָרעם אויף אַ מאָמענט האָט זי אָפּנים געמיינט, ווייסט גאָט וואָס פאַר אַ חובות איר בן־יחיד קומט עמעצן.
— וואָס פאַר אַ חוב ביסטו שולדיק? — און וועמען?
איצט האָט בצלאל זיך אויף אָן אמתן פאַררויטלט, און ער האָט אָנגע־הויבן צו שטאַמלען:
— געדענקסט? פאַר מיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע בין איך מיט אַ גאַנצער גרופּע אַרויסגעפאָרן קיין אשל־יהודה...
— נו יאָ, אוודאי געדענקט איך — האָט די מוטער געזאָגט און קוקנ־דיק אויף בצלאלן מיט נייגעריקייט האָט זי מוסיף געווען:
— און דו ביסט דעמאָלט געווען דער גאַסט ביי די פּוכאַנינס?
— יאָ, יאָ, ביי די פּוכאַנינס —— האָט בצלאל זיך דערפרייט, וואָס די מוטער געדענקט דאָס אַזוי גוט, און ער האָט ווידער אָנגעהויבן שטאַמלען:
— מען האָט מיך דעמאָלט... נו, מען האָט מיך אויפגענומען... און זי, אלישבא, הייסט עס...

— אַ, זון מיינער, דערוואַקסענער! — האָט די מוטער אויסגערופן, באַנעמענדיק וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך.

זי האָט אַרומגענומען בצלאלן, אים צוגעדריקט צו זיך און לאַכנדיק געמורמלט:

— און איצט ווילסטו מיר זאָלן לאָדן די פּוכאַנינס טאָכטער צו אונדז?

— יאָ, מוטער. אַ חוב... איך פיל ווי... נו, דו פאַרשטייסט דאָך, מוטער? — האָט ער ענדלעך זיך אָנגענומען מיט מוט, און געזאָגט דאָס, וואָס אים איז געווען אויפן האַרצן דורך אַ פראַגע צו דער מוטער:

— איז ווי זשע דענקסטו, מוטער?

און די מוטער האָט באַנומען. זי האָט אָוועקגעזעצט בצלאלן לעבן זיך, געהאַלטן אַן אַרעם אַרום זיין האַלדז, און מיט טיפן מיטגעפיל געפרעגט:

— איז מרים טאַקע געראָכט געווען, אַז דו ביסט פאַרליבט?

איצט האָט ענדלעך בצלאל דערפילט, אַז ער האָט דעם מוט צו רעדן אָפנהאַרציק צו זיין מוטער, און ער האָט אָנגעהויבן:

— פאַרליבט?... איך בין נאָך נישט אינגאַנצן זיכער, מוטער... איך האָב דאָך אלישבען געזען נאָר איין מאָל אין איר דערוואַקסנקייט... אָבער עפּעס איז דאָ אין איר, וואָס צווינגט זיך אַרויף אויף מיר... פון קאַליפאָרניע האָב איך צו איר געשריבן, און זי צו מיר אויך... נישט געווען קיין רייד פון קיין ליבע... אָבער... דו פאַרשטייסט מיך, מוטער?

גברת חנה פערשטער האָט געגלעט די ווייכע טונקעלע האָר איבער איר זונס קאָפּ און שטיל גערעדט מער צו זיך, ווי צו אים:

— איך פאַרשטיי... אוודאי פאַרשטייט איך... איך בין שטאָלץ, וואָס דו רעדסט צו מיר אַזוי אָפנהאַרציק... ווען דיין פאָטער און איך האָבן זיך ליב געקראָגן, האָב איך נישט געקאָנט רעדן אָט אַזוי צו מיינע עלטערן, ווי דו רעדסט איצט צו מיר... אַנדערע צייטן געווען... אַנדערע עלטערן...

פלוצלונג האָט זי אויסגעדרייט דאָס פּנים צו אים, און אויף אָט דעם פּנים אירן האָט אויפגעלויכטן קלוגשאַפט, דערפאַרונג און אַ ווילן צו העלפן איר זון.

— הער, מיין זון, — האָט זי אָנגעהויבן, און איבערטראַכטנדיק אַ ווייל אָט דאָס וואָס זי האָט זיך געקליבן צו זאָגן, האָט זי ענדלעך אָנגעהויבן רעדן צו אים:

— שרייב אַ בריוו צו איר. שרייב מיט חשיבות. גיב נישט אַרויס דיין נאָכגיביקייט. זאָל דער בריוו קלינגען אַט טאָקע אַזוי, ווי דו האָסט פריער געזאָגט. אַ חוב... אַן אָנגענעמער חוב. פאַרשטייט זיך, אַז עס זאָל קלינגען וואַרים אָבער אומבאַדינגט אין אַזאַ טאָן, אַז זי זאָל דערפילן, אַז עס איז אַ כבוד געלאַדן צו ווערן אין דעם הויז פון די פערשטערס... בפרט איצט, ווען אונדזער הויז איז דערהויבן געוואָרן דורך אַ שידוך מיט אַ לאָרדן־משפחה, פאַרשטייסט מיין זון?

— איך פאַרשטיי, מוטער.

— לאָד זי צו אונדז אויף פּורים. לאָד זי אין דיין נאָמען און אינעם נאָמען פון דיינע עלטערן, פאַרשטייסט מיין זון?

— איך פאַרשטיי, מוטער, — האָט ער געזאָגט, קושנדיק דער מאַמעס הענט און באַקן.

אלישבע זוכט זיך צו ראַטעווען

אלישבע איז געזעסן אין גאָרטן ביים אַריינגאַנג צו דער קיך פֿון זייער שטוב און געקוקט פֿאַרטראַכט אין דעם זוניקן נאָכמיטאָג אַריין, וואָס איז געלעגן פֿויל אַרום איר, ווי אַ ווייסע קוואָקנדיקע הון, וואָס זיצט אויף אירע נאָר־וואָס אויסגעבריטע הינדעלעך און פֿוילט זיך אויפֿצוהויבן און אָנהויבן צו זוכן קערנדלעך פֿאַר זיי.

צו טראַכטן האָט זי געהאַט אַ סך, אָבער עפּעס איז געווען אַזוינס אין איר געמיט, וואָס האָט אפֿילו זינגלאָז דאָס טראַכטעניש געמאַכט. אפֿילו וועגן דער איינלאַדונג, וואָס זי האָט אין דער פֿרי דערהאַלטן פֿון בצלאלן אין זיין נאָמען און אין נאָמען פֿון זיין משפּחה צו זיין זייער גאַסט אויף פּורים, האָט זי קיין ענערגיע נישט געהאַט זיך צו פֿאַרטראַכטן.

די איבערלעבונגען פֿאַר די לעצטע פּאָר חדשים האָבן זיך געלייגט שווער אויף איר געמיט. זי איז געווען באַליידיקט, און טיף, טיף אַנטוישט.

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס אדון שלום האָט זי נישט גענומען ערנסט. זי האָט קיין סוד נישט געמאַכט פֿאַר אים, אַז זי האָט אים ליב, אַז זי איז גרייט אויף אַלצדינג, אָבער ער האָט גענומען איר ליבע, ווי עס נעמט אַ פֿאָטער די ליבשאַפֿט פֿון זיין אייגן קינד. ער פֿרייט זיך מיט איר ליבשאַפֿט, נעמט זיך איבער מיט איר, איז שטאָלץ מיט איר, אָבער באַנעמען זי, באַנעמט ער נישט. אפֿילו ווען אירע אָרעמס זיינען אַרום זיין האַלדז, און אירע ליפּן ציען זיך צו אים, קומט ער איר אַנטקעגן מיט אַ באַק, און כאַפּן זיי שוין יאָ אַמאָל אויף זיינע, פֿילט זיך נישט אין זיי דעם ברי, וואָס זי פֿלעגט פֿילן ביי בן־דרורן צום ביישפּיל, נאָר אַנגענעמע ליבלעכקייט פֿון אַ פֿאָטער.

— איך האָב דיך ליב אדון שלום, — זאָגט זי צו אים אין טיפֿער פֿלאַטערניש, וואָס קומט פֿון אירע טיפֿענישן, און ער צו איר:

— ווי זיס, מיין אלישבעלע.

איז ער טאַקע אַט אַזוי? צי ער מאַכט זיך אַזוי? גיכער פֿון אַלץ איז טאַקע אַזוי, וואָרים ווען ער וואָלט נישט געווען אַזוי, וואָלט ער דאָך נישט גערעדט אַזוי אָפֿנהאַרציק צו אירע עלטערן וועגן דעם.

— ווייסט, מנשה, דיין טאָכטער האָט דאָך מיך באמתדיק ליב! — האָט ער איין מאָל זיצנדיק מיט אַלעמען אויף דער וועראַנדע זיך באַרימט פֿאַר איר פֿאָטער, און דערביי זיך אַ רייץ געטאָן:

— לאָמיר נאָר גאָר חתונה האָבן, זיך אַ היים איינריכטן, וועל איך זי גאָר צונעמען ביי דיר.

אָט אַזוי האָט ער געזאָגט, און זיך גערייצט מיט איר פֿאָטער, און דער פֿאָטער ווידער, האָט נחתדיק געגלעט דאָס בערדל, און געפֿרעגט:

— ווען זשע אדון שלום זעען מיר איך טאַקע דאָ צווישן אונדז אָן איינגעאָרדנטן און אַ חתונה געהאַטן?

און נישט נאָר מיטן פֿאָטער, נאָר אויך מיט דער מוטער וויצלט ער זיך אַמאָל וועגן דעם:

— איך בין דיך מקנא, דבורה, מיט דיין טאָכטער, — זאָגט ער אַמאָל צו איר, און לייגט אויך דערביי צו:

— עס וועט קומען אַ צייט, ווען איך וועל זי ביי דיר אַרויסגנבֿענען פֿון דאַנען.

וויפֿיל מאָל ליגט זי ביינאַכט אין בעט פֿון איר צימער און חלומט, אַז אָט, אָט קומט ער צו איר פֿענצטער.

— אלישבעלע?

— יאָ, אדון שלום?

זי שפּרינגט אַראָפּ פֿון איר בעט אַ באָרוועסע אין איר נאַכט־העמד. זי איז זיכער, אַז ער שטייט טאַקע דאָרט. הינטער אים שטייט אויך זיין שיין, ברוין פֿערד. איר פֿערד „שיינקייט״, וואָס ער האָט איר געשענקט, שטייט אויך. די לבֿנה שיינט, און קוקט זיך צו, ווי ער נעמט זי דורכן אָפֿענעם פֿענסטער אין זיינע אָרעמס, וויקלט זי איין אין זיין וואַרימען מיליטערישן מאַנטל, נעמט זי אויף זיין פֿערד, און גאַלאָפּ, גאַלאָפּ אין דער ווייטקייט אַריין. זי אַון ער אויף זיין פֿערד און איר פֿערד „שיינקייט״ יאָגט זיך פֿון הינטן, ווי עס וואָלט זיך בעטן:

— איך בין אַ טייל פֿון אלישבען און איך וויל נישט בלייבן אַליין אין אשל־יהודה אָן איר.

— חלומות! חלומות! — טראַכט ביי זיך אלישבע זיצנדיק איצט אין גאָרטן ביים אריינגאַנג צו דער קיך פון זייער שטוב, און קוקט אין דעם ליכטיקן, זוניקן נאָכמיטאָג אַרייַ.

און אַז זי טראַכט אַזוי ראַציאָנעל איצט וועגן אירע חלומות קומט איר אויפן זינען, אַז דער איינציקער טייל פון אַט די חלומות, און אירע אומרו־איקע נעכט, וואָס איז רעאַל, איז דאָס פערד „שיינקייט", וואָס איז צוגע־קלעפּט צו איר.

אָבער לעצטנס רייט זי ווייניק אויף דעם פערד. איר איז מער ניחא צו זיצן אין צימער, אָדער אויף דער וועראַנדע. זי ווייסט, אַז די עלטערן אירע זיינען לעצטנס אַביסל באַאומרואיקט וועגן איר. זי דערקאָנט דאָס פון זייער באַציאונג צו איר.

— טאָכטער, פאַרוואָס ביסטו לעצטנס אַזוי פאַרטראַכט? — האָט איר שוין נישט איין מאָל די מוטער געפרעגט, און דער פאָטער האָט זי לעצטנס שוין אַביסל צו אָפט געבעטן מיטצופאָרן מיט אים אויף איי־נער פון זיינע פלאַנטאַציעס.

— פאָר זיך דורך מיט מיר, אלישבע, עס איז פריילעך ביי דער אַר־בעט!

איצט קומט איר אין זינען, אַז זי וואָלט אפשר טאַקע באַדאַרפט עפּעס טאָן, אָבער וואָס?

זי דערמאָנט זיך ווי בן־דרור פלעגט זיך בייזערן אויף אַזעלכע, ווי זי איז אין ארץ־ישראל.

— פּריצישע טעכטערלעך! — פלעגט ער אַ ברום טאָן, און כאָטש ער האָט דאָס צו איר דירעקט קיינמאָל נישט געזאָגט, אָבער האָט ער דען זי אויך נישט געמיינט, ווען ער פלעגט זיך צעבייזערן הלמאי די טעכטער פון די גוט־איינגעאָרדנטע קאָלאָניסטן היטן צו שטאַרק אָפּ זייערע הענ־טעלעך, בשעת דער אויפבוי פון לאַנד דאַרף אַרבעטנדיקע הענט.

וואו איז ער איצט, בן־דרור? לעצטנס, זינט אדון שלומען איז איר אַזוי שווער איינצונעמען, טראַכט זי זייער אָפט פון בן־דרורן, וואָס האָט זיך באַוויזן אין איר לעבן און איז גלייך פאַרשוואונדן געוואָרן אָן אַ שפור נאָך זיך. אָפטמאָל דאַכט זיך איר גאָר אויס, אַז עס איז גאַרנישט אדון שלום אין וועמען זי איז פאַרליבט, נאָר עס איז בן־דרור צו וועמען אדון שלום איז זייער ענלעך. אויף אדון־שלומען איז זי לעצטנס בייז. זייער

בײז. זי איז בײז אויף אים אפילו ווען זי וויקלט אַרום אירע אָרעמס אַרום זײַן האַלז, און קושט אים אויף די באַקן.

הער אַ מעשה! ער איז אַמאָל געווען פֿאַרליבט אין איר מוטער און זי נישט געקאָנט קריגן. איצט ווייסט זי, אַז אַזוי איז דאָס געווען. עס איז טאַקע נישט שײַן פֿון איר, וואָס זי האָט נאָך אַמאָל געזוכט אין דער מאַמעס אַרכיוו, און דאָרטן געפֿונען זײַנע אַ פּאָר בריוועלעך, אָבער זי איז פֿונדעסטוועגן צופֿרידן, וואָס זי האָט דאָס געטאָן. איצט איז איר אַמווייניקסטנס אַלץ קלאָר, טראַכט זי, אָבער בײז אויף אים איז זי סײַ־ווי. זי טראַכט, אַז זי אויף זײַן אָרט וואָלט אַנדערש געהאַנדלט. נישט געקאָנט קריגן די מוטער, און איצט איז דאָ אַ געלעגנהייט צו נעמען די טאָכטער, איז פֿאַרוואָס זשע נעמט ער זי נישט?

— אַ גרויסער מלחמה־העלד, און אַ פֿייגלינג אין לעבן! — האָט זי באַשלאָסן וועגן אים אין אירע געדאַנקען.

אָט אַזוי איז זי געזעסן און געטראַכט, און טראַכטנדיק געקוקט פֿאַר זיך אין דעם זוניקן נאָכמיטאָג אַרײַן.

פּלוצלונג האָט זי דערהערט אַן אַ יפּרעגנדיקן ווערטער־געפּעכט אויף אַראַביש, וואָס האָט זיך דורכגעריסן אינעם דרויסן אַרויס דורך דער אָפֿענער טיר פֿון קיך. דער ווערטער־געפּעכט איז פֿאַרגעקומען צווישן דעם הויז־מיידל פֿאַטמאַן און אַ מענעריש קול, וואָס זי האָט גלײַך דערקענט, אַז דאָס איז אַבו כאַסאַנס.

— איך שווער דיר בײַ אַללאַ, אַז דײַן פֿאָטער איז מסכּים! — האָט אַבו כאַסאַן אויסגערופֿן מיט אַ שאַרפֿן בייזער.

— און איך וויל נישט! וויל נישט! — האָט פֿאַטמא געשריען, און מיט נאָך אַ שטאַרקערער פֿאַרהעכערונג אין איר קול האָט זי אויסגערופֿן:

— זאָל מײַן פֿאָטער מיט דיר חתונה האָבן!

— אַ פֿאָטער? ווי אַזוי קאָן אַ פֿאָטער מיט מיר חתונה האָבן? — האָט ער געפֿרעגט אין אויפֿרעגונג.

— טאָ זאָל ער דיר געבן זײַן אייזל! — האָט זי געפֿונען אַן עצה.

דאָ איז שוין אַבו כאַסאַנס קול געוואָרן ווייכער, און ער האָט גענומען איינטענהן:

— פאַטמאַ, פאַרוואָס ביסטו געוואָרן אַזוי קאַלט צו מיר?... געווען אַ צייט, ווען דו ביסט געווען גליקלעך מיך אויפצונעמען אין דיין בעט... דעמאָלט האָסטו אַליין געזאָגט, אַז איך זאָל רעדן מיט דיין פאָטער...

— דעמאָלט בין איך געווען אַ נאַר... איצט איז עפּעס אַנדערש... איצט זיינען דאָ די אַנגליזן. זיי האָבן פיינט, אַז אַ מאַן האָט אַ סך ווייבער...

— וואָס אַרט דיך מיינע פריערדיקע ווייבער. זיי זיינען אַלט און קאַלט... איידער מיט מיינע פריערדיקע ווייבער, וועל איך שוין בעסער שלאָפן מיט מיינע אייזלען.

— אָט, אָט, מיט דיינע אייזלען... זיי זיינען פאַר דיר צוגעפּאַסט, — האָט זי אים געענטפערט מיט צערייצטקייט, און באַלד מוסיף געווען:

— דיר ווילט זיך אַ יונג מיידל... דו פאַרגעסט, אַז דו ביסט שוין אַן אַלטער מאַן, און פאַטמאַ...

— איך בין אין גאַנצן איבער פערציק! — האָט ער זיך גענומען פאַר איר שווערן.

— ווי אַללאַ איז מיין גאָט, אַז נישט מער ווי איבער פערציק!

— און פאַטמאַ איז נאָך נישט קיין צוואַנציק! — האָט זי אויסגעשריען.

אלישבע האָט זיך צוגעהערט נישט נאָר מיט אָנגעשטרענגטע אויערן צו אָט דעם ווערטער־געפּעכט, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך דער אָפענער טיר פון דער קיך צום דרויסן אַרויס. נאָר יעדער אבר אין איר האָט זיך צוגעהערט. ספּעציעל האָט זי זיך צוגעהערט צו די לעצטע ווערטער, וואָס פאַטמאַ האָט אויסגעשריען, און איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נישט פאַטמאַ שרייט זיי, נאָר אַז זי אלישבע שרייט זיי, אָט די ווערטער.

— צו וועמען שריי איך דאָס, אַז איך, אלישבע בין נאָך נישט קיין צוואַנציק? — איז איר דורכגעלאָפן אין איר מוח.

— צו אדון שלומען שריי איך איצט, — האָט זי זיך אַליין געענטפערט אין איר מוח.

די אויפרעגונג אין איר האָט זי אַ הויב געטאָן פון איר אָרט, און זי איבערגעפירט אין אַ שטול אַריין אויף דער וועראַנדע. אָבער כאָטש אַהין האָט מער נישט דערגרייכט דאָס ווערטער־געפּעכט צווישן פאַטמאַן און אַבו כאַסאַנען, איז דאָך אויך אַרום איר דאָרטן געלעגן דער זוניקער נאָכמיטאָג אַ פוילער, ווי אַ קוואַקנדיקע הון אויף אירע נאָר וואָס אויסגע־

פּיקעטע הינדעלעך, וואָס פּוילט זיך אויפֿצוהויבן און גיין אַ זוך טאָן ערגעץ אַביסל קערנדלעך.

זי אַליין האָט אויך זיך געפּילט אַזוי. פֿויל און אויסגעשעפּט. און דאָך האָט אין איר מוח זיך עפּעס באַוועגט, און געווען איז דאָס אַ מין באַוועגונג, ווי עס באַוועגט זיך אַ גרויסער און שווערער אומרו אין אַ גרויסן און אַלטמאָדישן שאַפֿע־זייגער, און די באַוועגונג האָט געטיקעט אַהין און אַהער:

— אויך איך נאָך נישט קיין צוואַנציק! אויך איך נאָך נישט קיין צוואַנציק!

דורכן גאָרטן האָט זיך דורכגעשלייכט אַבו כאַסאַן אין זיין גרויער אַבייע מיטן קאָפּ אַרונטער צו זיין האַרצן, ווי אַ מענטש, וואָס איז ערשט נאָרוואָס באַשטראָפֿט געוואָרן מיט שווערע שמיץ.

אַלישבע האָט אים אָפּגעשטעלט מיט אַ רוף, וואָס האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון איר האַלז:

— אבו!

ער איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרגליווערטער, און נישט אויפֿהויבנדיק דעם קאָפּ געוואָרט:

— ווי אַלט איז האַוואַדזשי סאַלים? — האָט זי ביי אים אַ פֿרעג געטאָן.

— אין מיינע יאָרן, — האָט ער שטיל געזאָגט.

— איבער פֿערציק?

— איבער פֿערציק, — האָט ער געזאָגט.

— אַדאַנק, אַבו!

אַבו כאַסאַן האָט זיך צוגעשלייכט צום אַרויסגאַנג פֿונעם גאָרטן, און כאָטש אלישבע האָט געוואוסט, אַז ווען אדון שלום וואָלט איצט אַנגעקומען אויף זיין ברוינעם, גלאַנציקן פֿערד און אויסגעשטרעקט צו איר זיינע הענט, וואָלט זי אַ שוועב געטאָן אין זיינע אָרעמס אַריין און וואָלט זיך געלאָזט אַוועקפֿירן אין דער ווייטער וועלט אַריין, האָט זי דאָך נישט אויפֿגעהערט איבערצוחזרן ווידעראַמאָל און אַבעראַמאָל:

— און איך נאָך נישט קיין צוואַנציק! און איך נאָך נישט קיין צוואַנציק! און איך נאָך נישט קיין צוואַנציק!

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אָט דעם אויסגעשריי, ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אָן אַ שווימענדיקן שטרוי, וואָרים עס איז פֿאַר איר שוין קלאָר געווען, אַז ער באַנעמט נישט איר ליבע צו אים, און אַז ער וועט זי שוין קיין מאָל נישט באַנעמען. איר אינסטינקט האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז עס איז פֿאַר איר קיין תּכלית נישט זיך צו לאָזן אין גאַנצן באַהערשן פֿון דעם, וואָס זי אַליין האָט מיט אַזאַ לײַכטקייט אויף זיך אָנגעטאָן. צו אים האָט זי קיין טענות נישט געקאָנט האָבן: ער האָט איר געגעבן די ליבשאַפֿט פֿון אַ גוטן ברייט־האַרציקן פֿעטער, און עפּעס אַנדערש האָט ער איר קיין מאָל נישט צוגעזאָגט.

— אַ פֿעטער! אַ גוטער פֿעטער! אַן עלטערער פֿעטער!

זי האָט געמורמלט אָט דעם נײַעם אויסדרוק, וואָס איז איר געקומען אין מויל אַרײַן, ווי אַ נײַער שטרוי, וואָס האָט זיך איר אונטערגערוקט אין דעם שטורמישן טײַך אין וועלכן איר לעבן האָט זיך געראַנגלט. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אויך אין דעם שטרוי, וואָס איז איר אַנטקעגן געקומען.

— איך נאָך נישט קיין צוואַנציק און ער?... אַן עלטערער פֿעטער!

זי האָט זיך געפּרוווט אויסמאָלן איר העלד אדון שלומען אין די ציווילע קליידער, וואָס ער וועט אָנטאָן ווען ער וועט זיך באַפֿרײַען פֿון זײַן מיליטער־דינסט. זי האָט שוין פֿון פֿריער אויפֿגעכאַפּט פֿונעם טאַטנס באַמערקונגען, אַז אדון שלום קלײַבט זיך צו קויפֿן טאַקע דאָ אין דער געגנט אַ נחלה. זי האָט אים געזען, ווי דעם אייגנטימער פֿון אַ מאַראַנצן־גאָרטן, אַ ווײַנגאָרטן אָדער גאָר אַ ביס־פּלאַנטאַציע. אָט אַזוי ווי איר פֿאָטער איז איצט. און אָנגעטאָן איז ער אויך, ווי איר פֿאָטער און אפֿשר וועט ער זיך גאָר פֿאַרלאָזן אַ בערדל, ווי איר פֿאָטערס.

— אַ גרוי בערדל!

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט אַלע אירע כּוחות אין אָט דעם גרויען בערדל, וואָס אדון־שלום וועט זיכער זיך פֿאַרלאָזן, און זי האָט נישט אויפֿגעהערט איבערצוחזרן צו זיך דעם פֿריערדיקן אויסרוף:

— און איך נאָך נישט קיין צוואַנציק! און איך נאָך נישט קיין צוואַנציק!

— אויף דער וועראַנדע האָט זיך באַוויזן איר מוטער, און גלײַך, ווי זי האָט זיך באַוויזן האָט זי געפֿרעגט:

— איז וואָס זשע קלײבסטו זיך, טאָכטער מײנע, צו ענטפֿערן?

אַלישבע האָט אויפֿגעהויבן אויף איר מוטער די בליקן מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט נישט געוואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, און זי האָט גע־פֿרעגט:

— וואָס ענטפֿערן, מוטער?

— איך מײן אויף בצלאלס אײנלאַדונג.

— אָ, — האָט אַלישבע געזאָגט און זיך פֿאַרטראַכט.

גברת דבורה פוכאַנין האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול אַנטקעגן איבער איר טאָכטער, און געזאָגט האַלב ווײצלנדיק זיך און האַלב ערנסט:

— הײנטיקע צײטן איז אַ באַזונדער כּבֿוד אײנגעלאַדן צו ווערן אינעם הויז פֿון דער פֿערשטער משפּחה.

— אַ כּבֿוד?

— נו, ווי זשע? — האָט די מוטער אָנגעהויבן, קוקנדיק אויף איר טאָכטער, און שוין טאַקע מיט ערנסט אין איר טאָן צוגעגעבן:

— אַ קלײניקײט די פֿערשטערס! מען קריגט דאָך אַרײן אַן אמתן ענגלישן לאָרד פֿאַר אַן אײדים.

— אָ, — האָט אַלישבע אויסגערופֿן, און פּלוצלונג איז אויפֿגעגאַנגען פֿאַר אירע אויגן דער יונגער, שטילער בצלאל און זי האָט זיך אָן אים אָנגעכאַפּט ווי אָן אַ רעאַלן מיטל זיך צו ראַטעווען פֿון אירע פֿאַנטאַזיעס אַרום אדון שלומען.

— בצלאל! בצלאל! פֿאַרוואָס טאַקע נישט בצלאל?

האָט אלישבע אַרויסגערעדט דעם נאָמען אויפֿן קול? קאָן זײן, אַז יאָ, וואָרעם די מוטער האָט אין דעם מאָמענט אַ שמײכל געטאָן צו איר, און שטיל אַרויסגעזאָגט:

— בצלאל פֿערשטער זעט אויס צו זײן אַ ביז גאָר פֿײן בחור.

— אַ בחור? — האָט אַלישבע איריטירט אויסגערופֿן.

דאָ האָט די מוטער אויף איר אַ פֿאַרוואונדערטן קוק געטאָן, און זיך אָנגעהויבן נאָכצופֿרעגן:

— דו האָסט עפּעס צו בצלאלן?

— מיר דאַכט זיך, אַז דו פֿלעגסט אַמאָל קריגן בריוולעך פֿון אים?

— האָסטו זיך צעקריגט מיטן יינגל?

אַט אַזוי האָט די מוטער אויף אַן עכט מוטערלעכן אופֿן זיך אָנגע־הויבן נאָכצופֿרעגן ביי דער טאָכטער, און אלישבע האָט צו איר אייגענער איבערראַשונג געזאָגט:

— ער איז דאָך אָבער נאָך גאָר אַ יינגל!

דעמאָלט האָט זיך די גברת ז׳בורה פּוכאָנין צעלאַכט, און לאַכנדיק אָנגעהויבן צו שפּאַסן מיט איר טאָכטער:

— מיין דערוואַקסענע מויד!

— זע נאָר, זע, עס וואָלט געפּאַסט אַז דו וואָלסט שוין געווען איבער צוואַנציק, און ער אַ יאָר זעכצן!

— בסך־הכּל איז ער דאָך עלטער פֿון דיר, קינד מיינס!

דער פֿאַקט, וואָס בצלאל איז סוף־כּל־סוף עלטער פֿון איר, האָט אויף אלישבען געמאַכט אַן איינדרוק, און זי האָט זיך אַן דעם אויך אָנגעכאַפּט, און גלייך אויפֿן אָרט באַשלאָסן, אַז זי איז גאָרנישט גערעכט צו בצלאלן, און אַז עס איז בלויז איר פּאַרליבטקייט אין אדון שלומען, וואָס האָט זי פֿון דער ווייטנס פֿון אַט דעם בחור.

זי האָט אויפֿגעהויבן אירע בליקן צו דער מאַמען, און שמייכלענדיק ביי איר געפֿרעגט:

— דו האָלסט, אַז איך זאָל אָננעמען די איינלאַדונג?

— זיכער, — האָט די מוטער געענטפֿערט, און דערביי מיט גרויס צופֿרידנקייט אין איר קול דערקלערט:

— דיין פֿאָטער האַלט אויך אַזוי.

— ער ווייסט שוין אויך? — האָט אלישבע געפֿרעגט.

— איך האָב אים דערציילט, און פֿאַרוואָס נישט? — האָט די מוטער זיך געוואונדערט אויף דער טאָכטערס פֿראַגע.

— און איר וועט אויך אַרויסקומען אויף דעם פּורימדיקן יום־טוב קיין תּל־אביב? — האָט אלישבע געוואָלט וויסן.

— מיר וועלן קומען אין אָוונט צום באַל, — האָט די מוטער געזאָגט.

טאָכטער און מוטער האָבן זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרשטענדיקן וועגן די קליידער, וואָס מען דאַרף מיטנעמען.

— אַ קלייניקייט, אַז אמתער ענגלישער לאָרד ביי זיי אין הויז, — האָט גבֿרת פּוכאַנין איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, און ווען מען האָט זיך ביידע אויפֿגעהויבן פֿון די שטולן, האָט זי געזאָגט:

— ענטפֿער היינט אַ בריוו. שרייב אין אַ חשיבֿותדיקן טאָן. לאָז וויסן, אַז מיט דער הסכּמה פֿון דיינע עלטערן ביסטו צופֿרידן צו זיין זייער גאַסט.

— גוט, מוטער, איך וועל — האָט אלישבע געענטפֿערט און זיך פֿאַרטראַכט.

אַדון שלום פֿרעגט ביי דבורהן וועגן רחל קאַצענעלנבויגן

דעם זעלבן פֿאַרנאַכט האָט אלישבע געהערט דורכן אָפֿענעם פֿענצטער פֿון איר צימער אויפֿן גאָרן, ווי עס זיינען צוגעפֿאָרן צוויי רייטער צו דער וועראַנדע פֿון הויז. זי איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און דערזען איר פֿאָטער און אדון שלומען אַראָפּשפּרינגען פֿון זייערע דערהיצטע פֿערד, און די מוטער אירע, וואָס איז אַרויס אויף דער וועראַנדע זיי צו באַגעגענען.

— ווי אַזוי? פֿון וואַנען? — האָט די מוטער געפֿרעגט, און דער פֿאָטער האָט לאַכנדיק געענטפֿערט:

— אָ, מיר האָבן פֿאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג, און...

דאָס איבעריקע האָט אלישבע שוין נישט געהערט, ווייל זיי זיינען אַלע אַריין אין הויז אַריין.

אלישבע איז געשטאַנען אין מיטן צימער, און זיך געוואונדערט אויף זיך אַליין הלמאי עס ציט זי נישט אַרונטערצולויפֿן און אים באַגעגענען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי האָט זיך געפֿילט אָט אַזוי. ביי איר איז איצט אויסגעקומען, אַז ער איז איצט פֿאַר איר גאָר אַן איבעריקער. ווען עס וואָלט זיך געווענדט אָן איר וואָלט זי איצט אין גאַנצן נישט אַרונטערגעגאַנגען.

זי איז צוגעגאַנגען צו איר טיש, גענומען אין האַנט אַריין דעם קאָנווערט אין וועלכן עס איז געווען איר נאָרוואָס אויפֿגעשריבענער בריוו צו בצלאלן, און איר האָט באַנג געטאָן פֿאַרוואָס דער קאָנווערט איז שוין אַ צוגעקלעפּטער. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען, וואָס זי האָט אַזוינס געשריבן צו בצלאלן, און איר האָט זיך אָנגעהויבן אויסדאַכטן, אַז זי האָט געשריבן נישט גענוג וואַרים. זי האָט אים דערזען פּלוצלונג פֿאַר די אויגן נישט אין דער לעגיאָנערן אוניפֿאָרם, ווי זי האָט אים געזען לעצטנס, נאָר אין זיין ווייסן העמדל, ווי זי האָט אים געדענקט פֿון די יאָרן אין דער גימנאַזיע. זיין טונקל, דין און איידל פּנים איבער וועלכן עס איז שטענדיק געווען אויסגעשפּרייט אַ שטילע פֿאַרטראַכטקייט. אַזוי איז ער דאָך געשטאַנען אין יענעם אָוונט לעבן איר אינעם גאָרטן, ווען ער האָט פֿאַרבראַכט צוגאַסט דאָ אין הויז און זי געקושט. האָט ער זי געקושט?

אלישבע האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען, און ביי איר איז אויסגעקומען, אַז נישט ער האָט זי געקושט, נאָר זי אים, און ער האָט בלויז אַ שעמעוודיקער און אַ ציטערנדיקער איר געענטפערט מיט זיינע שטילע און צאַרטע ליפּן.

— איך פאָר קיין אַמעריקע, אלישבע, — האָט ער מיט אַ ציטערנדיק קול צו איר געזאָגט.

— קיין אַמעריקע?

— יאָ, אויף אַ פּאָר יאָר אין אַן אַגראָנאָמישן אוניווערסיטעט.

— אויף אַ פּאָר יאָר?

— איך וועל דיר שרייבן, — האָט ער שטיל געזאָגט, און דריקנדיק צאַרט איר האַנט, האָט ער געפרעגט:

— וועסט מיר ענטפערן?

זי האָט אַליין נישט געפילט, ווי זי ציט זיך אויס אויף איר בעט און מאַכט צו די אויגן.

איצט איז זי צוריק געוועזן דאָס זעכצן־יאָריקע מיידל, וואָס פילט דעם ערשטן מאָל אונטער די צווייגן פונעם טייטלבוים אין אָונט ביי זיך אין גאָרטן דעם אָטעם פון אַ צעצאַפּלט יינגל, הערט צום ערשטן מאָל דעם ציטער פ ן אַ יינגליש קול אין אירע אויערן. זאָגט דאָס קול, אַז עס איז פאַרליבט אין איר? ניין, עס זאָגט דאָס נישט מיט קיין באַשטימטע ווערטער, אָבער דער ציטער פונעם קול זאָגט דאָס סיי־ווי.

— גוט אַזוי, בצלאל, גוט אַזוי, נוץ נישט צו מיר קיין ווערטער. מען דאַרף נישט אָט די ווערטער. איך בין מיד פון זיי, ווייל זיי מיינען גאָרנישט אָט די ווערטער. מען האָט זיי שוין וויפיל מאָל געזאָגט צו מיר, א ן איך אַליין האָב זיי שוין אויך געזאָגט, אָבער עס זיינען געווען בלויז ווערטער און ווערטער.

זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן און זיך ווי איבערגעשראָקן פון דעם פלאָנטער, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין איר. פאַר שרעק האָט זי געטאָן אַ לאָז אַרונטער די פיס פונעם בעט און זיך אויפגעשטעלט.

אַ לעצטער שטראַל פון דער אונטערגייענדיקער זון האָט זיך געצאַפּלט דורכן אָפענעם פענצטער איבערן טעפּיך. אלישבע האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם שטראַל און איר איז אויסגעקומען, אַז זי אַליין איז איצט אַ מין לעצטער שטראַל. וואָס צאַפּלט זיך און ציטערט אינעם אייגענעם אונ־

טערגאַנג. אויפֿן טיש איז געלעגן דער צוגעמאַכטער בריוו צו בצלאלן. איר איז אויסגעקומען, אַז מיט אָט דעם צוגעמאַכטן בריוו צו בצלאלן איז הינטער איר צוגעמאַכט געוואָרן די טיר צו עפּעס זייער וויכטיקס פֿון וועלכן זי איז אַרויסגעגאַנגען זיך מער צו דעם נישט אומצוקערן. עס איז פֿאַר איר מיט איין מאָל קלאָר געוואָרן, אַז מיט בצלאלן הויבט זיך אָן פֿאַר איר עפּעס אַזוינס, וואָס איז געגליכן צו אַ פֿערד, וואָס ווערט צוגעשפּאַנט צו אַן אַקער־אייזן.

— נישט מער קיין רייט־פֿערדל גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, נאָר אַ פֿערד פֿאַראויס פֿון אַן אַקער־אייזן.

— אין שפּאַן! אין שפּאַן!

אלישבע האָט זיך דערמאָנט אָן אַ שמועס, וואָס איז נישט לאַנג צוריק פֿאָרגעקומען צווישן אדון שלום און אירע עלטערן בשעת זי איז געשטאַנען ביי דער אָפֿענער טיר פֿון דער וועראַנדע און נישט באַמערקט געוואָרן פֿון זיי.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם ווייטערדיקן אויפֿבוי פֿונעם יידישן ישוב אין לאַנד. דער פֿאָטער איז געווען פֿול מיט האָפֿענונגען און זיינע האָפֿענונגען זיינען געווען אָנגעהאָנגען אויף ענגלאַנד, וואָס איז איצט די הערשערין.

— אונטער ענגלאַנד איז דאָך נישט אונטער טערקיי, — האָט דער פֿאָטער עטלעכע מאָל אויסגערופֿן.

— אויך ענגלאַנד איז נישט אונדזער משיח! — האָט אדון שלום אַ זאָג געטאָן און דער זאָג האָט זיך צעגאָסן מיט קילן וואַסער אויף איר פֿאָטערס צעוואַרימטן ענטוזיאַזם.

— אָבער, — האָט די מוטער זיך געפּרואווט אַריינמישן.

— יאָ, יאָ, איך ווייס, — האָט אדון שלום זי איבערגעריסן, און אַוועקלייגנדיקן דעם גאָפּל, האָט ער, ווישנדיק מיט דער סאַלפֿעטקע דאָס מויל, גענומען אַרויסוואַרפֿן פֿון זיך עפּעס גאָר מאָדנע ווערטער.

— נו יאָ, אוודאי, ענגלאַנד איז נישט טערקיי... זי איז קליגער און געאיבטער פֿון טערקיי... זי קאָן געבן דעקלאַראַציעס, ווען דער מאָמענט פֿאָדערט צו געבן... זי קאָן אָבער אויך אויסטייטשן אירע דעקלאַראַציעס ווען דער מאָמענט בייט זיך.

ווען ער האָט געזאָגט אָט די ווערטער איז זיין טונקל־ברוין פּנים געווען אַזוי ערנסט און האַרט. און שיין איז דעמאָלט געווען זיין פּנים. זי האָט זיין פּנים ביז דעמאָלט גאָר אין אַזאַ שיינקייט נישט געזען. עס איז געווען די שיינקייט פון גרויסן צאָרן און עקשנות. דעמאָלט האָט איר זיין פּנים זייער שטאַרק דערמאָנט אָן דעם פּנים פון בן־דרורן, ווען ער האָט זיך געבייזערט אויף איר הלמאי זי האָט נאָך נישט געהאַט באַזוכט ירושלים, און זי צו דעם זאַמד ביים ים־ברעג אין תּל־אביב אַ וואָרף געטאָן.

אלישבע האָט זיך דערמאָנט, ווי שטאַרק זי האָט אדון שלומען ליב געהאַט אין יענעם מאָמענט. עס איז געווען ווי זי וואָלט זיך דעמאָלט דערזען לעבן בן־דרורן, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון זיין פאַרשווינדעניש אַ געעלטערטער אַביסל, אָבער נאָך אַ שטאַרקערער און נאָך אַ שענערער. אָבער אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט זיך זיין פּנים געביטן.

די שטאַרקייט איז איבערגעגאַנגען אין גוטמוטיקייט, און ווענדנדיק זיך צו אירע עלטערן, האָט ער געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט איר אָפּגעשפּאָרט בלויז איין קינד?

דער פאָטער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, און אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער אויף דבורהן, האָט ער געפרעגט:

— וואָס זשע, איין קינד גיט אונדז קאַרג קאָפּ־ווייטיק?

אויך די מאַמע האָט גוטמוטיק געלאַכט און קוקנדיק אויף אדון שלומען, האָט זי געפרעגט:

— האָט דאָס אויך צו טאָן מיטן אויפבוי פונעם ישוב?

— נאָך ווי! — האָט אדון שלום אויסגעשריען, און מיט גרויס ערנסט אין זיין קול האָט ער גענומען רעדן:

— קינדער! קינדער! אַ סך קינדער! יעדעס פּאָרל דאָ אין לאַנד מוז נעמען אויף זיך די שליחות צו געבוירן אַ סך קינדער. טאָן אַלץ, וואָס מעגלעך אַריינצוברענגען אַהער וואָס מער יידן פון אומעטום. אָבער לייגן דאָס געוויכט אויף יוגנטלעכע מענטשן, וואָס זאָלן זיך פּאָרן, און געבערן דאָ וואָס מער קינדער.

אלישבע האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט דעמאָלט געקוקט אויף אים, און די צונג האָט זיך געצויגן אין איר מויל ביי אים אַ פרעג צו טאָן:

— נו, און איר אַליין אדון שלום?

איצט איז איר געקומען אויפֿן זינען, אַז זי האָט אָט די פֿראַגע דעמאָלט ביי אים נישט געפֿרעגט איבער צוויי טעמים. ערשטנס איבער דעם, וואָס זי האָט זיך מסתמא געשעמט פֿאַר טאַטע־מאַמען זיך אַריינצומישן אין אַ שמועס וועגן קינדער האָבן, און צווייטנס איז איר ליבשאַפֿט צו אים נישט געווען אַזאַ, וואָס האָט פֿאַר זיך געזען דעם ציל פֿון קינדער האָבן.

איצט אָבער איז זי איבערראַשט געוואָרן פֿון די געדאַנקען, וואָס זיינען איר פּלוצלונג געקומען אין מוח אַריין. און עס איז געווען, ווי אָט די נייע געדאַנקען, וואָס זיינען איר איצט אין מוח געקומען וואָלטן זי אַזאַ שטאַרקן טרייסל געטאָן, אַז זי האָט זיך אַזש אַוועקגעזעצט אויף דער ווייכער שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן פֿענסטער, כדי צו זיך צו קומען פֿון דעם, וואָס איז איבער איר אַזוי אומגעריכט געקומען.

— קינדער? זי, אלישבע, אַ מאַמע פֿון קינדער?

און עס איז געווען פֿאַר איר ביז גאַר מאָדנע אָט דאָס, וואָס זי האָט נישט נאָר זיך נישט איבערגעשראָקן פֿון דעם, וואָס זי וועט ווען עס איז זיין אַ מאַמע פֿון קינדער, נאָר אדרבא, עס האָט זיך ווי אַ גאַס גע־געבן איבער איר לייב עפּעס אַזאַ זיסקייט, וואָס זי האָט פֿריער קיינמאָל נישט געפֿילט.

— קינדער! זי איז אַ מאַמע פֿון אייגענע קינדער!

— קינדער! קינדערלעך, וויפֿיל? — האָט זי ביי זיך געפֿרעגט, אָבער באַלד איז געקומען אַ צווייטע פֿראַגע:

— נו, זי איז אַ מאַמע צו זיי, אָבער דער טאַטע?

זי האָט זיך עפּעס ווי איבערגעשראָקן, אַז דער טאַטע פֿון אירע קינ־דער קאָן זיין אַזאַ, ווי אדון שלום.

— טאַטע — רופֿט אירס אַ ייִנגעלע מיט דעם קעפּעלע פֿאַרריסן אַרויף, און פֿון אויבן אַרונטער קוקט אַן עלטערער מענטש, וואָס דאַרף זיין אַ זיידע.

פּלוצלונג האָט זיך פֿאַר אירע אויגן דאָס בילד אַ בייט געטאָן און פֿון אויבן אַרונטער צו איר קינד האָט געקוקט דאָס פּנים פֿון בצלאלן און איר איז געוואָרן אַזוי גוט, וואָס דאָס פּנים איז בצלאלס און נישט אדון שלומס, און נאָך בעסער איז איר געוואָרן, וואָס בצלאלס פּנים איז אַ קליין ביסעלע עלטער, ווי עס איז געווען פֿריער. נישט מער קיין ייִנגליש פּנים, נאָר דאָס פּנים פֿון אַ רייפֿן יונגגמאַן.

— בצלאל, — האָט זי אַ מורמל געטאָן, און געוואָלט אים זאָגן עפּעס אַ זייער, זייער וואַרים וואָרט, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, און עס האָט זיך באַוויזן פאַטמאַ:

— מען בעט אַרונטערגיין, — מען גרייט זיך צום אָונט־ברויט.

— פאַטמאַ, — האָט זיך פּלוצלונג אלישבע זייער שטאַרק דערפרייט מיט איר.

— וואָס מאַכט דיין אַבו?

— ער איז נישט מיין אַבו! — האָט פאַטמאַ געענטפערט מיט אַ בייזן גלאַנץ אין אירע טונקעלע בליקן.

— נישט מער? — האָט אלישבע זיך געמאַכט נישט וויסנדיק פון דעם, וואָס זי האָט היינט פרי געהערט, וואָס איז פאַרגעקומען צווישן זיי ביידע.

— אָבער פאַרוואָס?

— איך וויל נישט קיין זקן, — האָט פאַטמאַ אין איר פשוטקייט גע־ענטפערט.

אלישבע האָט זיך צעלאַכט, און פאַרריכט אירע האָר און דאָס קליידל, אַראָפּצוגיין אין עס־צימער.

— איך קום גליך, פאַטמאַ, — האָט זי געזאָגט.

פאַטמאַ האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, אָבער באַלד האָט זי זיך אָפּגע־שטעלט, אַ קוק געטאָן אויף אלישבען און געפרעגט:

— מעג איך עפּעס פרעגן ביי אלישבען?

— יאָ, פאַטמאַ, וואָס איז?

פאַטמאַ האָט זיך אַביסל פאַרהוסט, ווי זי וואָלט געזוכט די פאַסיקע ווערטער פאַר איר פראַגע, און דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן:

— איז דאָס אמת, וואָס אַבו האָט מיר געזאָגט וועגן די יאַהודן, און וועגן דעם האַוואַדזשי סאַלים?

אלישבע, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם שפּיגל מיט די הענט אויף אירע האָר, האָט אַ קוק געטאָן אויף פאַטמאַן:

— וואָס אַזוינס וועגן די יאַהודן און דעם האַוואַדזשי סאַלים?

— ער האָט געזאָגט... אַבו האָט געזאָגט... ער... ער..

דאָ האָט זיך שוין אלישבע אויסגעדרייט אין גאַנצן צו פאַטמאַן און פאַרוואונדערט איר געקוקט אין פּנים אַריין:

— וואָס יאַהודן? וואָס האַוואַדזשי סאַלים? וואָס האָט ער דיר גע־זאָגט, אָט דער אַבו?

פֿאַטמאַ האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, און ווי רעדנדיק צום טעפּיך איבערן דיל, האָט זי דערציילט:

— ער האָט געזאָגט, אַז די יאַהודן נעמען איבער דאָס גאַנצע לאַנד, אַז האַוואַדזשאַ סאַלים ווערט דער מלך; אַז ער, אַבו, וועט זיין אַ... אַ... און אַז דו אַליין וועסט... וועסט...

— וואָס איך אַליין, האַ? — איז אַלישבע שוין געוואָרן אומגעדולדיק און אויפֿגערייצט.

— וואָס איך אַליין, האַ?

דאָ האָט פֿאַטמאַ נאָך נידעריקער אַראָפּגעבויגן איר קאָפּ צום דיל און אַרויסגעשטאַמלט:

— אַז דו וועסט זיין די מלכּה!

— כאַ! כאַ! כאַ! — האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אלישבעס האַלז אַ הילכיק געלעכטער.

— איך... איך... אַ מלכּה!... כאַ! כאַ! כאַ!

אלישבעס געלעכטער האָט זיך צעטראָגן איבערן צימער, אָבער פֿאַטמאַ איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן קאָפּ אַרונטער, ווי זי וואָלט טאַקע שוין איצט באַטראַכט אלישבען פֿאַר דער מלכּה, און ווען דער מלכּהס געלעכטער האָט זיך איינגעשטילט, האָט פֿאַטמאַ ווידער אָנגעהויבן:

— מעג איך עפּעס בעטן ביי אלישבען?

— בעט, פֿאַטמאַ, בעט! — האָט אלישבע געזאָגט מיט אַן אָנגעצויגן קול, ווי עס רעדן די מלכּות אויף אַ בינע פֿון טעאַטער־שפּיל, און דערביי פֿאַרזיכערט פֿאַטמאַן, אַז אַלץ, וואָס זי וועט בעטן וועט באַוויליקט ווערן:

— פֿאַר מיין פֿאַטמאַן וועט גאָרנישט זיין שווער.

— זיכער? — האָט פֿאַטמאַ געפֿרעגט, און אפֿילו געוואַגט אויפֿצו־הויבן דעם קאָפּ און אַ קוק טאָן אויף אלישבען.

— זיכער, — האָט אלישבע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו איר, און דערביי אפֿילו אַ ריר געטאָן זי מיט צערטלעכקייט איבער די האָר.

איצט איז שוין פּאַטמאַ דרײסט געוואָרן בײ זיך, און זי האָט אָנגע־הויבן איר בקשה מיט פּשוטע ווערטער.

— ווען האַוואַדזשי סאַלים וועט ווערן דער מלך, און דו זײן מלכּה, זאָלסטו בײ אים פּועלן, אַז ער זאָל געבן אַ באַפעל אַבון מיך מער נישט צו באַלעסטיקן.

אַט אַזוי האָט פּאַטמאַ געבעטן, און אלישבע, נישט ווייסנדיק אַלײן פאַר־וואָס זי איז געוואָרן אַזוי גערירט, האָט פּלוצלונג אַרומגענומען פּאַטמאַן מיט אירע הענט און געפרעגט:

— האָסט עמיצן ליב, פּאַטמאַ?

— יאָ, — האָט זי שטיל געענטפערט.

— קאָן איך אים?

— איך ווייס נישט, — האָט פּאַטמאַ געענטפערט, און קוקנדיק אלישבען אין די אויגן אַרײן האָט זי פאַר איר אַנטפּלעקט דעם סוד:

— ער אַרבעט אין דער לובאַרסקי ניס־פּלאַנטאַציע, זײן נאָמען איז אַכמעד.

— אַ שײנער? — איז אלישבע נײַגעריק געוואָרן.

— געלויבט איז אַללאַ, — האָט פּאַטמאַ פרום אַרויסגעמורמלט, און דערבײ שטיל צוגעלײגט:

— ער איז שײן און איז יונג.

— דאָס איז גוט — האָט אלישבע איר אַ גלעט געטאָן.

דורך דער אָפענער טיר האָט זיך דערהערט דער רוף פון דער מוטער:

— אלישבע! טאָכטער! — קומסט אַרונטער?

— שוין, מוטער — האָט אלישבע געענטפערט. און האַלטנדיק דעם אָרעם אַרום פּאַטמאַן איז זי צוזאַמען מיט איר אַרונטער אין עס־צימער, וואו אַלע זײנען שוין געזעסן אַרום טיש און געוואַרט.

בײם סוף פון די טרעפעניש האָט אלישבע נישט באַמערקט, ווי פּאַטמאַ האָט זי אויף גיך פאַרלאָזט און איז אַוועק אין דער ריכטונג פון דער קיך. און זי האָט אויך נישט באַמערקט, אַז דאָס גריסן זיך צו איר מצד אדון שלומען איז הײנטיקס מאָל געווען נישט מער ווי פאָרמעל. אַן אַנדערש מאָל וואָלט אַזאַ פאָרמעלקײט צו איר זי שוין געוועזן אויפגערודערט, אָבער הײנט איז זי געווען פול מיט עפּעס אַזוי פיל נײַקײט אין זיך, אַז זי האָט כמעט ווי גאָרנישט באַמערקט אַרום זיך.

די נייקייט אין איר איז געווען בצלאל. אַלץ אין איר האָט זיך פּלוצ־לונג אַנגעהויבן צו דרייען אַרום בצלאלן. אַפילו די נאַר־וואָס איבער־געלעבטע סצענע מיט פּאַטמאַן איז אויך דערפֿירט געוואָרן אין איר צו בצלאלן. די מעשה, אַז אדון שלום קלייבט זיך צו ווערן דער יידי־שער מלך, און זי, אלישבע, זיין מלכּה האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף איר, נאָר אויף אזוי פֿיל, וואָס פּאַטמאַ האָט געבעטן באַשיצט צו ווערן פֿון אַבו כּאַסאַנען, דעם עלטערן מענטשן, כּדי זי זאָל נישט געשטערט ווערן אין איר ליבשאַפֿט צום יונגן אַכמעדן.

אויך שוין זיצנדיק ביים טיש איז זי געווען פֿאַרנומען אין אירע מחשבות מיט אָט דער נייקייט, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אין איר אַריינגע־גאָסן. אַ ווייל איז זי באַוואוסטזיניק געוואָרן, אַז דאָס וואָס עס קומט פֿאָר איצט אין איר קאָן נאָך אַ צי טאָן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די אַרומיקע אויף איר, וואָרעם זי איז געווען זיכער ביי זיך, אַז דער פּלוצלונגדיקער נייער באַוואוסטזיין אין איר איז אויפֿגעשריבן איבער איר גאַנצן אויסזען. זי האָט דערפֿאַר פֿאַרשנדיק אַ קוק געטאָן אויף די זיצנדיקע אַרום דעם טיש און זיך באַלד באַרואיקט. זי איז געוואָרן ביז גאָר צופֿרידן, וואָס אַלע זיינען ביז גאָר פֿאַרטיפֿט אין אַ שמועס, וואָס האָט זיי אינגאַנצן פֿאַרשלונגען. די זון איז שוין געווען אין גאַנצן פֿאַרגאַנגען. בלויז דאָס ליכט פֿונעם גוססדיקן מערב האָט נאָך אומגעציטערט אינעם עס־צימער און קיינעם איז גאָרנישט איינגעפֿאַלן אַנצוצינדן די לאָמפּן. און ווער ווייסט? ווען פּאַטמאַ צינדט אַליין נישט אָן די לאָמפּן נאָך דעם, ווי זי האָט אָפּגעסאַרווירט דעם באָרשט, וואָלט קיינער גאָרנישט געווען געטראַכט דאָס צו טאָן.

און דער שמועס איז ווירקלעך געווען זייער אַן ערנסטער יענעם פֿאַרנאַכט ביים טיש פֿון די פּוכאַנינס.

אַפֿילו זי, אלישבע, וואָס איז ביים אָנהויב געווען אין גאַנצן פֿאַרטאָן מיט זיך, האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אָנצושפּיצן די אויערן.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם אומרו, וואָס האָט זיך באַוויזן דאָ און דאָרטן קעגן ענגלאַנד צווישן די אַראַבער, און פֿאַרשטייט זיך, אַז דער אומרו האָט געהאַט צו טאָן מיט דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע. פֿאַר אלישבען איז איצט קלאָר געוואָרן אַבו כּאַסאַנס פּלאַפּלעריי וועגן דעם, אַז די יאַ־הודן וועלן צונעמען דאָס לאַנד, אַז אדון שלום וועט ווערן דער מלך, און אַז זי וועט דאָס ווערן די מלכּה. עס איז געוואָרן קלאָר פֿאַר איר, אַז די

מעשה מיט די יאָהודן האָט אָבו כאַסאַן אויפגעכאַפּט צווישן די אַראַבער, און אַז דאָס איבעריקע איז שוין זיין אייגענע פאַנטאַזיע, כדי אפשר צו מאַכן אַן איינדרוק אויף פאַטמאַן, אַז אויב האַוואַדזשי טאַלים, זיין פּריינט וועט ווערן מלך, וועט ער אָבו, פאַרשטייט זיך, זיין אַ גאַר נאָענטער קרוב־למלכות.

זי האָט געהאַט דעם באַגער צו דערציילן וואָס זי האָט ערשט נאָר־וואָס געהערט פון פאַטמאַן. זי האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן. אפנים זיך געפילט אומבאַקוועם וועגן דעם, אַז זי איז אַנגעצייכנט צו זיין די מלכה פון דעם מלך אדון שלום. האָט זי דערפאַר געשוויגן און שווייגנדיק זיך צוגעהערט, ווי אדון שלום האָט דערציילט, וואָס עס גייט אָן דאָ און דאָרטן.

— און ווער קען מיר פאַרזיכערן, אַז עס זיינען נישט די ענגלענדער אַליין וואָס פאַרזייען דעם אומרו צווישן די אַראַבער? — האָט אדון שלום געפרעגט און וויטער גערעדט.

— און נישט נאָר אין ארץ־ישראל — האָט ער געזאָגט און דערביי דערציילט וועגן דריי ענגלישע סאָלדאַטן, וואָס מען האָט געפונען טויט אין קאַאיראָ, וואוהין זיי זיינען געפאָרן אויף זייער אורלויב.

— ענגלישע?

— ענגלישע, פאָלקס־מענטשן ווערן געבראַכט אויפן מזבח פון די פּאָליטיקער.

— וואָס זשע פאַר אַ כוחות זיינען אונטער אָט דעם אומרו? — האָט דבורה פוכאַנין געפרעגט אין אַ זייער באַזאָרגט קול.

— דער מופטי! דער מופטי! — האָט אדון פוכאַנין אַ מורמל געטאָן.

— אויך איך האַלט, אַז דאָס איז דער מופטי! — האָט דבורה פוכאַנין מסכים געווען מיט איר מאַן, אָבער זי האָט געוואָלט וויסן מער.

— אויף וואָס פאַר אַ כוחות שטיצט זיך דער מופטי?

אדון שלום האָט פאַרטראַכט און פאַרכמורעט געשעפּט מיטן לעפל די פליסיקייט פונעם טעלער. אָבער ווען מנשה האָט פלוצים אָנגעהויבן זיך צו טרייסטן מיטן כוח פון דער פּראָגרעסיווער ענגלישער מאַכט, וואָס וועט זיך זיכער אַן עצה געבן, האָט אדון שלום אַוועקגעלייגט דעם לעפל און שטיל אַ ברום געטאָן:

— אָך ענגלאַנד! ענגלישע פּראָגרעסיווע!

איצט איז דער שמועס אַוועק וועגן דער ענגלישער פּאָליטיק בנוגע ארץ־ישׂראל אין וועלכער אדון שלום האָט שוין פֿאַר אַ לענגערער צייט אָנגעהויבן אַנטוישט צו ווערן.

ער האָט דערציילט וועגן די שמועסן, וואָס ער האָט געהאַט מיט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקין וועגן דעם — וועגן דעם אומרו, וואָס אויך ער, דער גרויסער ציוניסטישער עסקן, לעבט איבער וועגן דעם.

— שטעלט זיך פֿאָר, אַז אין דעם גענעראַל־שטאַב זאָגט מען זיך אָפּ אויפֿצונעמען דעם באַשאַפֿער פֿונעם יידישן לעגיאָן! — האָט אדון שלום אויסגעשריען, און באַרואיקנדיק זיך אַביסל האָט ער ווייטער זיך געקלאָגט:

— און נישט נאָר דאָס. מען איגנאָרירט אייגנטלעך אַלע יידישע אָפֿי־צערן. נישט איין מאָל פֿיל איך דיסקרימינאַציע און סאַבאָטאַזש אויף דער אייגענער פּעל.

דאָ האָבן אַלע אויף אַ ווייל געשוויגן. אַלע האָבן געוואוסט, וואָס פֿאַר אַ שוועריקייטן אדון שלום לעבט איבער מיט דעם גענעראַל־שטאַב.

— אָבער וואָס זשע שטעקט הינטער דעם? — האָט דבורה פּוכאַנין זיך געוואונדערט אין אַן אומרואיקן קול:

— אָט ערשט אַ באַלפֿור־דעקלאַראַציע, און...

— נו יאָ, — האָט אדון שלום געשאָקלט מיטן קאָפּ און אין טיפֿער פֿאַרכמורעטקייט גערעדט:

— דאָס איז ענגלישע פּאָליטיק. נעכטן אַ באַלפֿור־דעקלאַראַציע מיט גאָלדענע צוזאָגענישן, ווייל נעכטן איז די לאַגע געווען אַזאַ, אַז עס האָט זיך געלוינט. דער היינט איז מסתּמא שוין גאָר אַן אַנדערער. אין ענגלאַנד איז קודם־כּל פֿאַר ענגלאַנד און נישט פֿאַר עמעצן אַנדערש.

— איז דאָך טאַקע שלעכט! — האָט מנשה פּוכאַנין אויסגעשריען מיט אַלאַרמירנדיקער פֿאַרצווייפֿלונג אין קול.

— יאָ, גוט איז אַוודאי נישט, — האָט אדון שלום געענטפֿערט, אָבער דערזעענדיק דעם אומרו אויף אַלעמענס פּנימער, האָט ער זיך גענומען גוטמוטיק בייזערן:

— אָט דאָס איז אונדזער אומגליק! אַ לאַדע וואָס קומט איבער אונדז אַ גוואַלדיקע פֿאַרצווייפֿלונג! מיר וועלן בויען אונדזער יידישן ישוב אפֿילו, ווען עס וועט זיין קעגן די אינטערעסן פֿון ענגלאַנד!

אַט אַזוי האָט זיך אדון שלום צעבײזערט, און דערנאָך זיך אַ ווענד געטאָן צו מנשהן:

— אַט נעמט, גיסט אָן די גלעזלעך, און לאָמיר טרינקען צו דער נײַער שטיק ערד, וואָס איר האָט מיר הײַנט געהאָלפֿן אַרײַנקריגן.

ווען מנשה האָט אָנגעהויבן אָנצופּילן די גלעזלעך, האָט אלישבע אַ פֿרעגנדיקן קוק געטאָן אויף דער מוטער.

און עס איז געווען, ווי די מוטער וואָלט פֿאַר דער גאַנצער צײַט ערשט איצט דערזען אַנטקעגן זיך איר טאָכטער:

— אונדזער פֿרײַנט איז הײַנט געוואָרן אַ באַלעבאָס פֿון אַ נחלה אַרום נס־ציונה און רחובות.

— און נאָך וואָס פֿאַר אַ נחלה! — האָט זיך מנשה באַגײַסטערט, און אויסגעשטרעקט אַ גלאָז ווײַן אויך צו אלישבען:

— טרינק מיט אונדז טאָכטער! לאָמיר אַלע טרינקען צום געווינען פֿון אַ נײַ שטיק ערד פֿאַר אונדזער ישוב!

— און צו אדון שלומען, וואָס וועט שוין אויף אַן אמתן אַן ארץ־ישראלדיקער, אַן אונדזעריקער!

אלישבע האָט צוזאַמען מיט אַלעמען אויפֿגעהויבן איר גלעזל און זיך ברייט צעשמייכלט צו אדון שלומען. אוודאי איז דער שמייכל געווען פֿון טיפֿסטע גוטע ווינטשעוואַניעס צו אים, אָבער איצט האָט דער שמייכל אויך געהאַט אין זיך אַן אַנדער באַדײַטונג. עס איז געווען אַ שמייכל צו זיך אַלײן, וואָס זי קאָן איצט צו אים שמייכלען אַט אַזוי, ווי מען שמייכלט צו אַ מענטשן וועמען מען האָט ליב גאָר אַנדערש ווי זי האָט געמיינט פֿריער אַז זי האָט אים ליב. עס איז איר גאָר פּלוצים קלאָר געוואָרן, אַז ערשט איצט האָט זי אים אמתדיק ליב, און ווינטשט אים באמת אַלדאָס גוטס.

— לחיים, אדון שלום, — האָט זי צוזאַמען מיט אַלעמען אַרום טיש אויסגערופֿן, און ער האָט ענטפֿערנדיק גערעדט אין אַ נײַעם טאָן:

— נאָר נישט פֿאַרצווייפֿלט ווערן! נאָר נישט פֿאַרלאָזן זיך אויף יענעם! אַלײן מיט די אייגענע כּוחות וועלן מיר אַלצדינג דערגרייכן!

— איצט וואָלט איר גאָר געדאַרפֿט חתונה האָבן! — האָט מנשה שוין זיך פֿילנדיק אַביסל בגילופֿנדיק אַ זאָג געטאָן צו אדון שלומען.

— וואָס זאָגסטו, דבורה, האַ? — האָט ער אַ דריי געטאָן זײַן פּנים צו זײַן ווײַב.

דבורה, וואָס האָט דעמאָלט געהאַלטן אין אויסטיילן די פֿליישׂ־חלקים אין די טעלער אַריין, האָט נישט אויפֿגעהויבן די אויגן פֿונעם פֿלייש־פּאַ־לומעסיק, און עס איז געווען, ווי זי וואָלט גערעדט צום טיש צו:

— חתונה האָבן? יאָ, אוודאי... פֿאַרוואָס נישט חתונה האָבן?

וואָלט מנשה נישט געווען אַביסעלע אונטערגעטרונקען, וואָלט ער זיכער געווען באַמערקט דעם טאָן פֿון זיין ווייבס ענטפֿער, און גלייך אײַ־בערגעטראָגן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש. איז ער אָבער יאָ געווען אַביסעלע אונטערגעטרונקען און ער האָט ווייטער גערעדט:

— אַ טייערער געדאַנק! חתונה צו האָבן! אדון שלום מיט אַן אייַ־געגער נחלה, מיט אַן אייגן ווייב, מיט אייגענע קינדער, און טאַקע דאָ אין יהודה, נישט ווייט פֿון אונדז.

— וואָס זאָגט איר, אדון שלום, האַ? — האָט ער אַ צי געטאָן זיין אָרעם אַרום אדון שלומס האַלדז.

ער האָט זיך נאָכאַמאָל געווענדט צו דבורהן, און דאָס מאָל מיט אַ דירעקטן פֿאָרשלאַג:

— לאָמיר פֿאַר אים קריגן אַ ווייב, האַ, דבורה?

דעמאָלט האָט דבורה אים דערלאַנגט דעם אָנגעפֿילטן טעלער, און שוין בייזלעך געזאָגט:

— וואָס זשע, אונדזער אדון שלום איז חלילה אַ שיפֿע־זיבעלע, וואָס דאַרף אַז עמעצער אַנדערש זאָל פֿאַר אים אַ ווייב אָפּזוכן?

דעמאָלט האָט מנשה זיך אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן און אַ לאַכנדיקער אויסגערופֿן:

— אוי, איך האָב גאָר פֿאַרגעסן!

אָט אַזוי האָט ער אויסגערופֿן, און ווענדנדיק זיך נאָכאַמאָל צו זיין דבורהן, האָט ער ווייזנדיק מיטן פֿינגער אויף אדון שלומען, גענומען דערציילן:

— איך האָב דאָך נעכטן עפּעס געהערט אין תל־אָביב, וואָס איך האָב אין זינען געהאַט דיר צו דערציילן. אָבער איצט איז ער אַליין דאָ, קאָן מען דאָך אויסגעפֿינען פֿון אים אַליין:

—וואָס זשע אַזוינס האָט איר געהערט, מנשה? — איז אדון שלום נייגעריק געוואָרן.

— עפּעס רעדט מען אין תּל־אָביב גאַנץ שטאַרק, אַז דער קוזינע אָדון שלום זעט זיך שוין אַ ביסל צו אָפּט מיט דער שײנער רחל קאַצענעלענבויגן! — האָט מנשה פּוכאַנין אַ פֿרײלעכער אויסגערופֿן.

האָט אָדון שלום באַמערקט, ווי דאָס פּנים פֿון דבֿורהן האָט זיך אַ בלײך געטאָן? מסתּמא האָט ער נישט באַמערקט, ווײַל אַנדערש וואָלט ער דאָך נישט געפֿרעגט אַזוי דירעקט בײַ דבֿורהן:

— איר האָט אַמאָל באַגעגנט רחל קאַצענעלענבויגן?

פּונקט דעמאָלט האָט דבֿורהס האַנט זיך געצויגן צו אָדון שלומען מיט דעם אָנגעפֿילטן טעלער:

— רחל קאַצענעלענבויגן? ... יאָ, באַגעגנט זי אַ פּאָר מאָל... זי איז זײער אַ פֿײַנע... זי מאַכט אַ זײער גוטן אײַנדרוק, אָט די רחל קאַצענעלענבויגן...

אָט אַזוי האָט זי געענטפֿערט אויף אָדון שלומס פֿראַגע, נישט באַמערקנדיק אַלײן, ווי דער אָנגעפֿילטער טעלער, וואָס האָט זיך געצויגן צו אָדון שלומען, האָט געציטערט אין איר האַנט.

דער פֿייערלעכער מאַרש

דער מאַרש צו דער גימנאַזיע־געביידע איז אין יענעם פּורימדיקן נאָכמיטאָג נישט געווען דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפֿט זיין, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער מאַרשירנדיקער עולם איז דווקא געווען אַ גרויסער און פֿאַרביקער און פֿייערלעכער.

אַרום צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש אונטערן קלאַנג פֿון אַ ציווילער מוזיק־קאַפּעליע. די איינציקע רייטער מיט לענטעס אַרום זייערע פֿיגורן זיינען געווען דער מעיאָר פֿון תּל־אָביב און עטלעכע שומרים פֿון די אַרומיקע דאָרפֿישע ישובים אין יהודה. הינטער זיי אַ ריי פּלאַקאַטן אונטער צעווייעטע בלוי־ווייסע פֿאָנען און די פֿאָן פֿון דער בריטישער אימפּעריע געטראָגן פֿון פּוס־גייער, וואָס זיינען געווען מער אָדער ווייניקער באַקאָסטיומטע.

עס האָבן דורכגעמאַרשירט עטלעכע גרופּן יוגנטלעכע, — די תּלמידים און תּלמידות פֿון דער גימנאַזיע. אָט די גרופּן זיינען געווען די רוישיקסטע אין זייערע פֿריילעכע אויסרופֿן און געזאַנגען, כאָטש אין פֿאַרביקייט האָבן זיי זיך נישט געקאָנט פֿאַרגלייכן מיט דער גרופּע פֿון די ערד־ און גערטנער־אַרבעטער, וואָס האָט מאַרשירט הינטער זיי. עפּעס גאָר באַזונדערס האָט זיך געטראָגן אין דער זוניקייט אַריין פֿון יענעם פּורימדיקן נאָכמיטאָג פֿון אָט דער יידישער אַרבעטער־גרופּע. די ווייסע בלוזקעס און טיכעלעך אויף די זון־אָפּגעברוינטע אויסזענס פֿון די מיידלעך, און די פּשוטע אַרבעטער־הויזן אויף די בחורים פֿון וועלכע עס האָט געשלאָגן מיט ווילן און עקשנות האָבן אויפֿגעוועקט ביי די צושויער, וואָס זיינען געשטאַנען אויף ביידע זייטן פֿון דער גאַס אַ געפֿיל פֿון שטאָלץ און יראת־הכבוד. דאָס אויג, וואָס האָט צוגעזען די באַוועגונג פֿון יידישער ערד־און גאָרטן־אַרבעטער האָט זיך צעלויכטן מיט אַ פֿריידיקער ליכטיקייט, ווי די זון פֿון אויבן איבער זיי, און דער ריטם פֿונעם האַרץ האָט מיטגעקלאַפּט מיט דעם ריטם פֿון די מאַרשירנדיקע. הינטער זיי זיינען געגאַנגען נאָך און נאָך, וואָס איז געווען נישט מער, ווי אַ נאָכגיין, אָבער שוין נישט מער קיין מאַרש. עס איז געווען גיכער אַ מיטגיין, ווי אַ גאַנג און צווישן אָט

די מיטגײער זײנען געװען אױסגעמישט לערער, דאָקטױרים, שריפֿטשטע־לער און פֿאָלק.

פֿאַרבײגײענדיק דאָס הױז פֿון דער פֿערשטער־משפּחה, און זעענדיק די גאַנצע משפּחה פֿאַרזאַמלט אױפֿן באַלקאָן, האָבן עטלעכע זיך איבער־געװאָרפֿן מיט אַזעלכע באַמערקונגען:

— זע, די שײנע מרים איז הײ־יאָר נישט צװישן די מאַרשירנדיקע.

— אַמאָל אונטער דער טערקישער מאַכט איז זי געװען אַ װײנענ־דיקע מוטער רחל, געדענקסט?

— װאָס פֿאַרשטײסטו נישט? זי איז דאָך איצט אַ לאָרדיכע!

מיט אַזעלכע און ענלעכע באַמערקונגען האָט מען זיך איבערגעװאָרפֿן, און דאָס איז געװען דערפֿאַר, װײל צװישן עולם האָט מען נישט געװאוסט װעגן די טיפֿע יסורים, װאָס מען האָט יענעם טאָג איבערגעלעבט אין דער פֿערשטער־משפּחה.

און נישט נאָר אין דער פֿערשטער־משפּחה, נאָר אַלע פֿירנדיקע און אָנגעזעענע משפּחות פֿון תל־אביב האָבן יענעם טאָג איבערגעלעבט טיפֿע יסורים. װען עס װאָלט שױן נישט געװען צו שפּעט, װאָלט מען דעם גאַנצן מאַרש געװען צוריקגעצױגן. עס איז אָבער געשען ערשט נעכטן אָװנט, װען מען האָט געקראָגן צו װיסן, אַז נישט נאָר װעט די ענגלישע מאַכט נישט שיקן קײן אָפֿיציעלע באַגריסער, נאָר אַז אַפֿילו די אָפּ־טײלונגען פֿון די דרײ יידישע באַטאַליאָנען אױף װעלכע מען האָט זיך געריכט, אַז זײ זאָלן מאַרשירן מיט זײער געװער האָט מען נישט באַ־װיליקט.

די פֿירנדיקע יידישע משפּחות האָבן אין אָט דער באַציאונג מצד דער ענגלישער מאַכט פֿלוצלונג דערזען, אַז מיט דעם איבערנעמען ארץ־ישׂראל פֿון אָט דער נײער מאַכט איז דער יידישער משיח נאָך אַלץ אין זײנע קײטן. מען האָט זיך געפֿילט שטאַרק געטראָפֿן פֿון אָט דער אַנט־דעקונג, אָבער אָפּשטעלן דעם יום־טוב האָט מען שױן נישט געקאָנט און מען האָט אים דערפֿאַר איבערגעלאָזט, אַז ער זאָל זיך יום־טובן, װי סע נישט איז.

פֿאַרשטײט זיך, אַז בײ אַזאַ שטימונג האָט שױן מרים פֿערשטער נישט אָנגעטאָן איר קאָסטיום פֿון מרים הנביאה, װאָרים עס איז נאָך נישט רײף געװאָרן די צײט פֿאַר איר צו מאַרשירן און זינגען דעם „אז־ישיר“.

דאָס זעלבע איז געשען מיט דעם גאַסט אין שטוב אלישבען פון אשל־יהודה. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די צוויי יונגעלייט אין שטוב, דער יונגער קאַפּיטאַן לאָרד איזראַעלסאָן און דער לעגיאָנער בצלאל, האָבן אויך שווער איבערגעלעבט די אַנטוישונג, האָבן זיי אָבער זיך זייער גיך געטרייסט, וואָס זייערע מיידלעך זיינען געבליבן מיט זיי אין שטוב. דער עיקר האָט זיך געטרייסט דער יונגער לאָרד, וואָס איז ביים סאַמע אָנהויב נישט געווען צופרידן, וואָס זיין מרים וועט מאַרשירן מיט דעם המון אין אַ קאָסטיום.

איז טאַקע יענער פורימדיקער מאַרש נישט געווען דאָס, אויף וועלכן מען האָט זיך געריכט און צו וועלכן מען האָט זיך אַזוי שטאַרק געגרייט.

אפילו די אַנטיילנעמער אין אים האָבן שפּעטער דערפילט, אַז עס איז עפּעס נישט דאָס, וואָס זיי האָבן דערוואַרט.

אַרום דער גימנאַזיע־געביידע זיינען אפילו יאָ געהאַלטן געוואָרן אַ פּאָר רעדעס, אָבער עפּעס האָט נישט געשלאָגן פון זיי יענע פייערלעכקייט, וואָס האָט זיך געדאַרפט טראָגן. דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען וועגן אַהיים צו זיך, ווער צו אַ חגיגהלע, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן ביי איינעם פון די פריינט, און ווער עס האָט זיך גלאַט געלאָזט שפּאַצירן איבערן זאַמד אויפן ים־ברעג, אַריינפאַלנדיק שפּעטער אויף צוריקוועגס אין איינעם פון די רויטשילד־גערטנדלעך, וואו עס זיינען געשטאַנען אָפּגעפאַרבטע בענק אונטער די צווייגן פון אוקאַליפּטוס און ציפּרעס ביימער.

אין אַ צאָל פון די אָנגעזעענע הייזער האָט מען זיך געזעצט צו די פורימדיקע סעודות, צו וועלכע עס זיינען געלאַדן געוואָרן געסט פון די אַרומיקע ישובים. די זון איז פאַרגאַנגען און איר פלאַץ האָט איבערגענומען איר שטענדיקע אַרויסהעלפערין, די לבנה. געשיינט האָבן יענעם אָוונט אויך די שטערן און געבלינצלט האָבן אויך די עטלעכע אָנגעצונדענע לאַמטערנעס איבער די געסלעך פון תל־אָביב, אויסמישנדיק זיך מיט די פּאַסן ליכט, וואָס האָבן זיך געצויגן דורך די באַלויכטענע פענסטער פון די הייזער, אָבער אין דער לופטן האָט זיך נישט געפילט יענע פריילעכקייט, וואָס מען האָט דערוואַרט, אַז זי זאָל זיך פילן.

אַדון שלום האָט יענעם אָוונט אַנטייל גענומען אין דער פורימדיקער סעודה פונעם רויטן מגן־דוד, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן ביי דעם ד״ר פייטלזאָנען אין הויז. אויך דאָרטן האָט זיך די סעודה געצויגן פאַמעלעך

און אָן באַזונדערער פֿרייד, אָבער ער האָט געפֿונען טרייסט אין די וואַ־רימע בליקן, וואָס רחל האָט אים פֿון צייט צו צייט אַנטקעגן געטראָגן.

איידער ער איז געקומען אַהין האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין שטוב פֿון די זשאַבאָטינסקיס מיט דער האָפֿענונג זיך צו טרעפֿן מיט זיין פֿריינט וולאַדימירן און זיך דורכריידן וועגן דעם, וואָס פֿאַר זיי ביידן איז דאָס נישט געווען קיין סופּריז, אָבער וולאַדימיר איז אין גאַנצן נישט אַהיים געקומען אויף פּורים. ער איז געבליבן אין זיין מיליטערישן לאַגער.

— ווער ווייסט? — האָט די פֿרוי זשאַבאָטינסקי זיך געווענדט מיט טרויער אין אירע ברייט צעעפֿנטע אויגן, און מער האָט זי גאָר נישט געדאַרפֿט זאָגן, וואָרעם אויך אדון שלומען איז איינגעפֿאַלן דאָס זעלביקע, אַז זיין פֿריינט וולאַדימיר האָט געוואָלט אויסמיידן זיך צו באַגעגענען מיט מענטשן און איז דערפֿאַר געבליבן אינעם מיליטערישן לאַגער.

און עס איז געווען נישט נאָר זיין פֿריינט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. אויך ער אַליין וואָלט היינט נישט געווען פֿאַרלאָזט זיין אייגענעם לאַגער, אָבער רחל האָט אים גערופֿן און אים האָט זיך ביז גאָר געוואָלט זיין לעבן איר.

אויף דער סעודה איז ער געזעסן ווי אויף שפּילקעס. די רייד אַרום טיש האָבן אים פֿאַרביטערט. אים איז אויסגעקומען, אַז בעסער וואָלט געווען אינגאַנצן נישט צו רעדן און אויפֿהערן צו ספּעקולירן וועגן דער האַנדלונג פֿון דער בריטישער מאַכט. ער האָט אַ פּאָר מאָל דאָס געוואָלט אויסשרייען, אָבער די וואַרימע בליקן פֿון רחלען האָבן אים אָפּגעהאַלטן פֿון יעדן אויסברוך. און אַז איינער פֿון די געסט ביים טיש האָט זיך גע־ווענדט צו אים מיט דער פֿראַגע:

— וואָס איז אייער מיינונג, קוירנעל?

— איך בין בלויז אַ סאָלדאַט און נישט קיין פּאָליטיקער, — האָט ער געענטפערט.

די סעודה האָט זיך געצויגן פֿאַר אים, ווי אַ וועג איבער וועלכן מען גייט צופֿוס און עס זעט זיך גאָר קיין סוף נישט צו אָט דעם לאַנגן וועג. ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, ווען מען האָט זיך ענדלעך אָנגעהויבן אויפֿ־צוהויבן.

יעדער נערוו אין אים האָט געבענקט נאָך רחלען. יענעם אָוונט איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז עס איז זי, און נאָר זי, און אָט דער באַוואוסט־זיין האָט אָנגעפּילט זיין גאַנץ געמיט מיט שטילן און טרייסטנדיקן גליק. עס איז אים אויף קיין איין רגע נישט געקומען אויפן גדאַנק, אַז ער האָט קיין איין וואָרט אייגנטלעך נאָך ביז איצט מיט איר נישט פאַרלוירן וועגן דעם, וואָס איז איצט פאַר אים אַזוי קלאָר און זעלבסטפאַרשטענד־לעך. נישט גערעדט מיט איר וועגן דעם? יאָ, קיין ווערטער זיינען נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן, אָבער זיינען זיי דען נויטיק געווען? ניין, זיי זיינען נישט נויטיק געווען, און זיי זיינען אויך איצט נישט נויטיק.

— רחל, ווי אַזוי כאַפּט מען זיך אַרויס פון דאַנען? — האָט ער ביי איר שטיל געפרעגט.

— מען גייט אַלע צום באַל, — האָט זי אים שטיל געלאָזט וויסן.

— אַ באַל? — האָט ער אומצופרידן געפרעגט.

— יאָ, אין סינעמאַ. אַלע וועלן דאָרטן זיין, — האָט זי אים דער־קלערט, און אָננעמענדיק זיין האַנט, האָט זי שטיל און צערטלעך געפּליס־טערט צו אים:

— מען וועט דאָרטן טאַנצן, און מיר ווילט זיך היינט דווקא אַזוי שטאַרק אַ טאַנץ טאָן.

— פאַרוואָס דווקא היינט? — האָט ער שמייכלענדיק געפרעגט.

אויף אָט דער פראַגע האָט זי אים נישט געענטפערט מיט קיין ווער־טער, נאָר מיט אַזאַ ווייכן, וואַרימען בליק, און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איר פּנים האָט זיך אַ רויטל געטאָן.

ווען די גרופּע איז אַרויס אין דרויסן אויפן וועג צום באַל האָט זי זיך אָנגעטראָפן מיט נאָך גרופּן. וואָס נעענטער צו דער סינעמאַ האָבן זיך אַלץ נייע גרופּן באַוויזן. עס איז געווען קלאָר, אַז פון אומעטום ציט מען זיך צו באַל, ווייל נאָך דעם שווערן טאָג ווילט זיך יעדן איינעם זיין איצט צווישן מענטשן, — צווישן יידן, — טרינקען מיט אַלעמען צוזאַמען, טאַנצן מיט אַלעמען צוזאַמען.

דער הימל האָט אַרונטערגעקוקט אַ באַלבנהדיקטער, אַ באַשטערנ־טער, און אין דער לופט אַריין איז אַלע ווילע געקומען צולויפן אַ קלאַנג

פֿון אַן אינסטרומענט, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון דער סינעמאַ אין דרויסן אַרויס, כּדי צו באַגעגענען די מענטשן, וואָס האָבן זיך אַהין גע־צויגן.

— קומט, יידן, קומט, און לאָמיר זיך משמח זיין מיט המנס מפּלה.

אַט אַזוי האָט יעדער זיך דורכרייסנדיקער קלאַנג צום דרויסן אַרויס גערופֿן, און דער עולם איז נאָכגעגאַנגען און אַנטקעגנגעגאַנגען אַט דעם רוף.

די העל באַלויכטענע סינעמאַ איז שוין געווען אָנגעפֿילט, און יעדע מינוט איז זי געוואָרן ענגער און ענגער. אויף דער בינע איז געזעסן דער זעלבער צווילפֿער אָרקעסטער, וואָס האָט אָנגעפֿירט דעם מאַרש נאָכמיטאָג און געשפּילט אַ האָראַ, וואָס איז אויסגעטאַנצט געוואָרן פֿון אַ גרופּע אַר־בעטער, — מיידלעך און בחורים צו וועלכער די חשובע באַלעבאַטישקייט האָט זיך צוגעקוקט און צוגעפּאַטשט מיט די הענט.

רחל און אדון שלום האָבן נישט געפּאַטשט מיט די הענט, ווייל זייער רעכטע הענט זיינען געווען פֿאַרנומען איינע מיט די אַנדערע אין אַ וואַרעמער צונויפֿגעשלאָסנקייט אין דעם געדרענגעניש פֿונעם עולם.

און אַז דער האָראַ־טאַנץ האָט זיך געענדיקט, האָט מען זיך אָנגעשלאָגן אין פּנימער פֿון פֿריינט און באַקאַנטע.

— שלום!

— שלום!

— נו, וואָס?

— לאָמיר האָפֿן!

אַ יונגער דאָקטאָר פֿונם רויטן מגן דוד האָט זיך דערנעענטערט צו רחלען:

— מעג איך האָבן דעם כּבוד פֿאַר דעם קומענדיקן טאַנץ?

— ניין, ניין, — האָט רחל געדרייט מיטן קאָפּ, און אָנווייזנדיק אויף אדון שלומען, האָט זי געזאָגט:

— שוין צוגעזאָגט.

— און שפּעטער? — איז דער צודרינגלעכער דאָקטאָר נישט אָפּגע־שטאַנען.

— איך באַדויער, — האָט זי געזאָגט און איצט שוין קוקנדיק אין אדון שלומס אויגן אַריין, האָט זי געשמייכלט:

— אַלע טענץ פֿאַרנומען.

און עס איז געווען, אַז טאַקע אין דעם מאָמענט האָט די מוזיק אַ שפּיל געטאָן דעם ארץ־ישראלדיקן מאַרש־טאַנץ און אומצייליקע פּאָרלעך האָבן זיך אָנגעהויבן פֿונאַנדערצעווויגן.

האָבנדיק רחלען אין זיינע אָרעמס, האָט אדון שלום אויפֿגעכאַפּט צווישן דעם טאַנצנדיקן עולם דבורהן אין די אָרעמס פֿון מנשהן און אלישבען אין די אָרעמס פֿון בצלאלן, און ער האָט געקאָנט שווערן, אַז זייערע אויגן האָבן אים געגריסט און גראַטולירט:

— מיט גליק!

— מיט אַ סך גליק!

איצט האָט דער טאַנצנדיקער עולם נישט נאָר זיך געוויגט אויף די פֿיס, נאָר אויך אָנגעהויבן זינגען די באַליבטע ווערטער צו דער מוזיק. און רחל מיט אדון שלומען האָבן אויך געזונגען צוזאַמען מיט אַלעמען:

בשוב אדוני את שיבת ציון היינו כחולמים.

(סוף)

אינהאַלט:

אדון שלום צי חאַוואַדזשי סאַלים 7
דבורה פֿוכאָנין און אבו כאַסאַן 13
ביים טייטלבוים אין גאָרטן 19
אויף דער אַסיפֿה אין בית־עם 25
דבורה פֿוכאָנין קאָן נישט איינשלאָפֿן 30
ווי אַזוי שלום און אבו זיינען פֿריינד געוואָרן 36
ווי אַזוי דבורה און שלום האָבן זיך דערנעענטערט 41
ווען זשע וועט זיך פֿאָרט באַווייזן אדון שלום 52
און דבורה לעבט נאָך אַלץ מיטן נעכטן 59
אין זוניקן בלענד 63
מנשה קומט אַהיים און דבורה איז צערודערט 71
דבורה ווערט גברת פֿוכאָנין 79
אבו כאַסאַן באַזוכט חאַוואַדזשי סאַלימען אין לאַגער 92
אדון שלום הערט זיך צו צום ליד פֿון נעכטן 97
אדון שלום באַגעגנט זיך מיט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקין 109
גזוז 114
אדון שלום באַגעגנט זיך מיט דער פֿוכאָנין־משפּחה 122
אלישבע באַגעגנט זיך מיט בצלאלן 129
אדון שלום שיקט אלישבען אַ מתּנה 133
אבו און פֿאַטמאַ 136
אלישבע פֿאָרט ברעגנען אדון שלומען 140
אלישבע פֿאַרטראַכט זיך וועגן בצלאלן 144
צוויי רייטער אין גאָלדענעם גלי אַריין 154
די משפּחה פֿערשטער 158
אליהו פֿערשטער 166
אלישבע איז אייפֿערזיכטיק אויף דער מוטער 173
פֿערשטערס באַלקאָן 183
אדון שלום טראַכט פֿון אַ תּכלית 190
רחל קאַצענעלנבויגן 200
בצלאל לאַדט אלישבען צו דעם פּורים־באַל 208
אלישבע זוכט זיך צו ראַטעווען 219
אדון שלום פֿרעגט זיך ביי דבורהן וועגן רחל קאַצענעלנבויגן 229
דער פֿייערלעכער מאַרש 243

איקוף פארלאג

לידער און פּאָעמעס

חיים גראַדע — דורות (לידער און פּאָעמעס)	1.75
דוד האָפשטיין — איך גלויב (לידער)	1.50
ז. ווײַנפּער — דאָס געזאַנג פון אַ גלויביקן	1.50
דאָראַ טייטלבוים — אינמיטן וועלט (לידער)	1.00
מלכּה לי — קינות פון אונדזער צייט (לידער)	1.25
א. סוצקעווער — די פעסטונג (לידער און פּאָעמען)	1.00
איציק פעפער — די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ (פּאָעמע)	1.00

דערציילונגען און ראָמאַנען

שלום אַש — דער תהלים־ייד (ראָמאַן)	3.00
שלום אַש — דער מאַן פון נצרת (ראָמאַן אין 2 בענד)	3.00
ראובן ברײַנין — פון מיין לעבנס־בוך	2.50
ש. האַפּטער — דער בונט און אַנדערע דערציילונגען	.25
מ. גאָלדשטיין — ביראָ־בידזשאַנער אויפן אַמור און אַנד.	1.00
ז. ווײַנפּער — אויף די זאַמדן פון יהודה (ראָמאַן)	2.00
דער נסתּר — די משפּחה מאַשבער (ראָמאַן)	1.75
ב. עפּעלבוים — פּאַרלאָשן ליכט (דערציילונג)	1.00
ל. קאָברין — ריווערסייד־דרייוו (דראַמע אין 3 אַקטן)	.25
לעאָ קאַץ — נקמה (ראָמאַן), יידיש י. ס.	2.50
א. ראַבאָי — דער יידישער קאָובאָי (ראָמאַן)	1.50
א. ראַבאָי — איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע	1.50
א. ראַבאָי — מיין לעבן	2.00

קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

מ. אָלגין — פאָלק און קולטור	.20
נ. בוכוואַלד — טעאַטער — — — $3.00 ; דע־לוקס־אויסגאַבע	5.00
אברהם ביק — חסידות־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור	1.00
ד״ר חיים זשיטלאָווסקי — ייד און וועלט	2.50
מ. ווינער — יידישע ליטעראַטור אינעם 19טן י״ה (ערשטער באַנד)	2.50
ד״ר חיים זשיטלאָווסקי דער זין פון מענטשלעכן לעבן	2.50
ד״ר חיים זשיטלאָווסקי — אונדזער נײַער קולטור־ווילן	.20
נחמן מייזיל — י. ל. פּרץ (זיין לעבן און שאַפן)	2.50
נחמן מייזיל — פאָרגייער און מיטצייטלער	3.00
נ. מייזיל — דורות און תּקופות אין דער יידישער ליטעראַטור	.25
יעקב מעסטעל — אונדזער טעאַטער	1.00
קלמן מרמר דער אָנהייב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע	1.00
פרידריך ענגעלס — לודוויג פייערבאַך (איבערגעזעצט פון ש. ווינער)	1.00
איליאַ ערנבורג — דער קריג און דער שרייבער	.10

בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ — צונויפֿגעזאַמלט פֿון נחמן מייזיל	3.00
פֿאָלקס־געזאַנגען לויטן נוסח פֿון ח. קאָטילאַנסקי (מיט נאָטן)	5.00
י. א. ראָנטש — אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור	2.00
אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס	.50
קעגן די אָנפֿאַלער אויף ד״ר ח. זשיטלאָווסקי (זאַמלונג)	.35

עס דרוקט זיך און דערשיינט אין גיכן:

יעקב מילך — אוטאָביאָגראַפֿישע סקיצן
דוד בערגעלסאָן — פּרינץ ראובני (דראַמע)
מ. ווינער — יידישע ליטעראַטור אינעם 19טן יאָרהונדערט (צווייטער באַנד)
אברהם טייטלבוים — וויליאַם שעקספּיר
ש. אַפּטער — אין דער רוימישער געטאָ (ראָמאַן)
אהרן גאָרעליק — שטורעמדיקע יאָרן (40 יאָר זכרונות).
100 יידישע קינסטלער פֿון אַמעריקע (גרויסער אַלבאָם)

אדרעס: YKUF, 189 Second Avenue, New York 3, N. Y.